STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06065

DERTSEYLUNGEN FUN A LANGN VEG

Joseph Bankover

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף באַנקאָווער

✶

דערציילונגען פון אַ לאַנגן וועג

יוסף באַנקאָווער

דערציילונגען פון א לאנגן וועג

רעדאַקטירט פון ישראל אבן־נור

יידיש — יונה בערקמאַן

פאַרלאַג י.ל. פרץ ישראל

תל־אביב, 1976

Joseph Bankover

STORIES FROM A LONG WAY

יוסף באַנקאָווער / דערציילונגען פון אַ לאַנגן וועג

I. L. PERETZ PUBLISHING HOUSE
31, Allenby St., Tel-Aviv

פאַרלאַג י. ל. פרץ
תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

Printed in Israel, 1976

נדפס בישראל, תשל״ז
באמצעות ״ידע־סלע״ בע״מ, רח׳ הנגב 8, טל׳ 31061

אינהאַלט:

מ. ערעם — אַ יישר כח יוסף באַנקאָווער! 7
אַ וואָרט פון רעדאַקטאָר 9
„לאַך, מעגסט לאַכן פון חלומות" 13
אויסטערלישע מענטשן אין אַן אויסטערלישער שטאָט 21
דער מאַן מיטן בוך און מיטן בלום 32
אַ פלעשל סאָדע־וואַסער — און דער אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל 46
ווי מ׳נעמט ייִדן און מען מאַכט זיי פאַר ציוניסטן 52
פאַרוואָס בין איך געווען גלייכגילטיק ביים טיש? 57
פאַרוואָס האָט מען אונדז ניט געבונדן די הענט? 60
צווישן די „קישלע"־מויערן אין ירושלים 66
„עקשנות איז אַ פראַגע פון כאַראַקטער" 71
„וועלכער קיבוץ איז דער רייכסטער?" 78
„מ׳קען קלעטערן אויף די פּיראַמידעס?" 81
„דאָס געלט? אויף אַ זיכערן פלאַץ!" 89
„וואָס וועט זיין ווען דאָקטאָר ווייצמאַן וועט פרעגן:
ווו איז באַנקאָווער? 91
פאַרוואָס האָט דער שיפס־קאַפּיטאַן אַריינגעוואָרפן די וואַליזע אין ים? 95
Water! Water! 102
„אַ סערזשאַנט־מיידזשער איז ניט קיין מזכיר פון אַ קיבוץ" 107
אַ לעצטע באַגעגעניש אין שטאָטגאָרטן פון באַרי 115
דער קליינער לעאָנאַרד — אַן אָפּשטאַם פון גרויסן משה מאָנטעפיאָרע 122
„וויוואַ איל דוטשע!" 125
אַן אַקאָרדיאָן אונטער יעדן בעט 128
„דו ביסט יעקב פאָרטמאַנס ברודער?" 132
די דייטשן האָבן געלאַגערט פון יענער זייט סאַניאַ 137
דער טאָל פון טויט און דער אינסטינקט פון לעבן 143

„וואָס פאַר אַ טיפּן זיינען די מענטשן פון דער צווייטער עליה?" 147
„אַ צילינדער האָב איך אָנגעטאָן בלויז איין מאָל — פּורים!" 160
פון לייק־סאַקסעס ביזן מוזיי פון תל־אביב 168
„דער וואַנדערנדיקער ייִד" 174
אַ באַגעגעניש אויף די סטעזשקעס פון ארזה 183
ווער איז געווען עליזאַבעט 186
„מיר זיינען נאָך ניט קיין ספּעציאַליסטן פון
מלוכהשער אַדמיניסטראַציע" 190
אין האַרץ פון דער בראשית־וועלט 195
דער פּראַק און דער צילינדער — און די ליידי מיטן שלעפּ 199
אין שאָטן פון זשאַקאַראַנדאַ 203

אַ יישר כח, יוסף באַנקאָווער!

וואָס איז דער גרעסטער שבח פאַר אַ בוך, וואָס איז ניט קיין שפּאַנענדיקער ראָמאַן און ניט קיין „דעטעקטיוו סטאָרי" און פונדעסטוועגן „זופּסט" עס מיט דער גרעסטער הנאה און לאָזט אים ניט אַרויס פון האַנט ביז צום לעצטן בלאַט. יוסף באַנקאָווערס „דערציילונגען פון אַ לאַנגן וועג" פאַרמאָגן אָט דעם צויבער. אויב איר ווילט, איז עס אפילו ניט קיין דערציילונגען, נאָר אַ שנור עפּיזאָדן־פּערל אויף דעם לאַנגן לעבנס־וועג פון אַ חלוץ, אַ קיבוצניק, אַ קעמפער אין די שורות פון דער יידישער בריגאַדע בשעת דער וועלט מלחמה און אַ גאָר אַנגעזעענער פירער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל. עפּיזאָדן, וואָס ציִען זיך לענג אויס אַן אויסטערלישער גאַלעריע פון צונויפטרעפן, שמועסן, פּאַסירונגען און געשטאַלטן, וואָס מיר אַלע — זיין פון באַנקאָווערס דור — האָבן אַ גאָר נאָענטע שייכות מיט זיי, דירעקט אָדער אומדירעקט. די עפּיזאָדן זיינען טאַקע באַנקאָווערס אייגנס, באַנקאָווערס איבערלעבונגען, אָבער די גייסטיקע, געזעלשאַפטלעכע סביבה, אין וועלכער עס פינקלען אַרויס צו אונדז מיט אַזוי פיל חן די עפּיזאָדן, געהערט שוין צום רשות הרבים פון אונדזער אַלעמענס יוגנט־וועלט. און דווקא ווייל דער מחבר האָט ניט פּרעטענדירט מער ווי צו דערציילן „מעשה שהיה כך היה", איז פון אונטער זיין שרייבערישער האַנט אַרויסגעקומען אַן אָפּגעפרישטע רעסטאַווראַציע פון אונדזער נעכטיקן לעבנס־שטראָם. און נאָך אַ גרויסע מעלה פאַרמאָגן די עפּיזאָדן: באַנקאָווער טראָגט זיי אונטער דעם לייענער, ווי טשעקאַווע פּאַסירונגען, דורכגעוועבט מיט אַ זאַפטיקן הומאָר, הגם ער האָט געהאַט די פולע רעכט צו באַצייכענען ניט ווייניק פון זיי מיט דעם באַוווסטן פערז פון דעם פאָלקסליד: „אַמאָל איז געווען אַ מעשה, די מעשה איז גאָר ניט פריילעך", אָבער וואָס: ס'איז יוסף באַנקאָווער, וועלכער פאַרלירט ניט אין גאָר קריטישע מאָמענטן, אויך בעת צרה, זיין האַפערדיקייט.

***

איך האָב געזאָגט: עפּיזאָדן. טאַקע עפּיזאָדן, אָבער פון אַ באַזונדער שניט. געוויינלעך רופט אַרויס די באַצייכענונג — עפּיזאָד — אַן אַסאָציאַציע פון

צופעליקייט: צופעליק געטראָפן וועמען, צופעליק האָט עפּעס פּאַסירט. באַנקאָווערס „עפּיזאָדן" זיינען גאָר ניט קיין צופעליקייטן. זיי קייטלען זיך ווי אַ שלימות, דערגאַנצן איינע די אַנדערע און פון פערזענלעכע איבערלע־בונגען קוקט אַרויס אַ תקופה באַלאָדן מיט פּאָליטישן געראַנגל קעגן אַ קאָ־לאָניאַלער מאַכט, קעגן בלוטיקע אַנפאַלן פון אויפגעהעצטע אַראַבער, קעגן עקספּלואַטאַציע־אַפּעטיטן פון יידישע פּלאַנטאַטאָרן און רעוויזיאַניסטישע אַרויסהעלפער. אַ תקופה פון אידעיִשער, פאַרשאַרפטער שפּאַנונג, ביז צו אַ גוואַלדריס אין דער הערשנדיקער פּאַרטיי — מפּא"י. דורך דער פּריזמע פון באַנקאָווערס דערציילונגען, עפּיזאָדן שפּיגלט זיך אָפּ אַן אַטמאָספער פון אַ גאַנצער היסטאָרישער עפּאָכע, וואָס אַ דור — אונדזער דור, דער עלטערער, האָט דורכגעמאַכט.

פאַרן היינטיקן, יינגערן דור איז עס אַ בוך, וואָס פאַרכאַפּט און וואָס לערנט גלייכצייטיק.

ער פאַרכאַפּט מיט דער לייכטער — איך וואָלט, אפילו, געוואָלט זאָגן, שטיפערישער פאָרם פון שרייבן; ער לערנט צו דערקענען דעם אייגנאַרטיקן קאָלאָריט פון יענע יאָרן, ווען פּשטות איז געווען אַ לעבנס־שטייגער און אַן אָנגעקראַכמאַליעטן קאָלנער מיט אַ שניפּס (אַ „דג מלוח" — אַ הערינג אויף דעמאָלטיקן זשאַרגאָן) האָט מען אויסגעלאַכט, ווען די הסתדרות איז געווען דער מאָטאָר פאַר התישבות, חלוציות, הגנה, עליה, קאַמף מיט באַלע־באַטישקייט, ווען קעמפער זענען געווען טרוימער און טרוימער זענען געווען קעמפער.

אַ תקופה וואָס האָט געפורעמט די „מדינה בדרך" — די מדינה אונטער־וועגס, און סאָציאַליזם, אַ כישוף־וואָרט, האָט באַהויכט דעם ציוניסטישן גאַנג. באַנקאָווער האָט זיך חדוהדיק געצאַפּלט אין אָט דעם ברויזנדיקן שטראָם ווי אַ פיש אין וואַסער, ס'איז געווען זיין סטיכיע.

נעמט דעם בוך אין האַנט און צו אייך וועט זיך דערטראָגן זיין הייסער אָטעם. ס'וועט אייך ווערן וואַרעם און איר וועט דאַנקבאַר זיין דעם מחבר פאַר דעם גענוס וואָס ער האָט אייך פאַרשאַפט.

מ. ערעם

אַ וואָרט פון רעדאַקטאָר

איך בין זיך מודה ומתוודה: שולדיק! דאָס הייסט, אַז איך, מיין ווייניקייט, בין „שולדיק" און — ווי ס'ווייזט אויס — אין אַ געגוג ערנסטער מאָס — אין דער דערשיינונג פון דעם דאָזיקן ספר, און אויף מיינע שוואַכע פּלייצעס ליגט אויך די אחריות פאַר זיין נאָמען: דערציילונגען פון אַ לאַנגן וועג.

און לאַנג איז דער וועג ניט צוליב די צאָל יאָרן, וועלכע ער נעמט אַרום, נאָר, דער עיקר, פאַר זיין אויפטו און טרייבקראַפט, נאָך וואָס פאַר אַ טרייבקראַפט! פּאַקטיש, האָט דער גאַנצער דור „אַריינגעפּרעסט" אין זיך, אין די לעצטע צענדליקער יאָרן, אַ געשיכטע, וואָס ציט זיך, בדרך כלל, אין דער היסטאָריע הונדערטער יאָרן. אויף אונדז האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן אין קאָנצענטערס, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט געדראָט מיט אַ שאָק; גזירות און שמחות; פאַרצווייפלונג און האָפענונג, געפאַלנקייט וואָס קען משוגע מאַכן, און כוח, וואָס שטייגט אַריבער אונדזערע פאַנטאַזיעס — אָבער אויך אויף דעם וועג זיינען פאַרשיידענע גייערס געגאַנגען מיט פאַרשיידענע מאַרשרוטן, לאַנגע און קירצערע, גוטווילּיקע און געצווונגענע, פאַרדרייטע און געפּלאַנירטע אויף אַזאַ אָדער אויף אַן אַנדער אופן.

ובכן, אין דעם דאָזיקן בוך קען מען אַנציילן אַ סך סטאַנציעס — אַבסאָלוט ניט אַלע! — וועלכע יוסף באַנקאָווער איז דורכגעגאַנגען, אָנהייבנדיק פון זשיטאָמיר אין אוקראַינע ביז רמת הכובש אין שרון. אַ וועג פון געראַנגל מלחמות און שליחות, וואָס באַשטעטיקן אָן שום ספק, אַז דער מענטש האָט דורכגעמאַכט אין לעבן אַ לאַנגן, לאַנגן וועג. נאָר אויב איר ווילט אים אַ פרעג טאָן — צי ער באַנוגנט זיך ניט מיט דעם וואָס ער האָט אויפגעטאָן און צי איז שוין ניט צייט אָפּצורוען זיך — לייג איך אייך פאַר אָפּצוהאַלטן זיך מיט די שאלות, כדי אויסצומיידן אַ גאָב און אַ ברוגזדיקע תשובה. דער באַגריף „פענסיאָנער", וואָס עמעצער האָט געוואָלט אָנפּאַסן אויף אים, איז פאַר אים ניט לעגיטים... זיין לעבנסציל איז — זיין באַשעפטיקט כל זמן ער לעבט.. אַזוי איז עס...

ווי אַזוי דעפינירט מען אַזאַ מין מענטש? ווען ניט דער פאַרשטאָרבענער אשר גינצבורג ז"ל, וואָס האָט שוין אין 1866 זיך אַ נאָמען געגעבן „אחד העם", וואָלט איך גרייט געווען צו שווערן, אַז די דעפיניציע איז אין דעם

פּאַל טרעפלעך צוגעפּאַסט. אָבער היות דער באַגריף איז שוין זייער אויס־געניצט געוואָרן, וועלן מיר דעם העלד פון דאָזיקן בוך אָנרופן פּשוט — „פּאַלקסטיפּ״. אַז ער איז אַ טיפּ וועלן באַשטעטיקן די הונדערטער און טויזנ־טער מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט מיט אים צו טאָן. איי, אין וואָס דריקט זיך אויס זיין פּאַלקסטימלעכקייט ? לויט מיין מיינונג אין דעם, וואָס אין אַ צייט ווען אַלע אַרום אים זיינען אומעטיק און געפאַלן ביי זיך, און ער אַליין איז אויך ווייט פון שמחה, איז אָבער זיין דערשיינען תמיד אָפּטימיסטיש... און מען קען אָננעמען די הנחה, אַז אַט די אייגנשאַפט האָט אים ניט איין מאָל אַרויסגעהאָלפן אין אַזעלכע פאַלן, ווען אַנדערע וואָלטן אַראָפּגעלאָזט די הענט, און זיי האָבן טאַקע אַראָפּגעלאָזט די הענט...

ווען מיר האָבן אָנגעהויבן שמועסן צווישן זיך וועגן אַרויסגעבן דעם דאָזיקן ספר, האָב איך — כ׳בין זיך מודה — ניט איין מאָל געהאַלטן ביים „אַרויס־גיין פון די כלים״... ווען איך האָב זיך אָבער נאָך אַ מאָל באַרעכנט, האָב איך אָנגעהויבן באַנעמען די דערשיינונג וואָס אַ סך האַלטן אין איין פרעגן: ווי אַזוי קען דאָס אַ מענטש, וואָס איז ניט קיין „דאָקטאָר״, ניט קיין אינ־טעליגענט, ניט קיין גייסטמענטש און ניט קיין אַקאַדעמיקער — ווי אַזוי איז ער דאָס דערגאַנגען צו אַזעלכע בכבודיקע ראָלעס און פּאָזיציעס אין דער באַוועגונג ?

מיין תשובה אויף דער שאלה שליסט, אפשר, אויך איין די סיבה, וואָס האָט מיך דערפירט „אַרויסצוגיין פון די כלים״, ווי כ׳האָב שוין דערמאָנט. דער ענין איז זייער אַ פּשוטער: דאָ קומט צום אויסדרוק אַ דערשיינונג פון אַזאַ פולער און טיפער פּערזענלעכער אידענטיפיצירונג מיט דער באַוועגונג, אַז דער „איך״ און דער „מיר״ פאַרלירן זייער גראַמאַטיקאַלישע משמעות־דיקייט. איי, פאַרוואָס פלעג איך דאָך אַרויסגיין פון די כלים ? ווייל איך האָב כסדר געפאָדערט פון אים ער זאָל מיר דערציילן פּערזענלעכע ענינים, זאַכן וואָס האָבן פּאַסירט בשעת ער האָט זיך געטראָפן מיט מענטשן און געשעע־נישן; ער אָבער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס און האָט גערעדט וועגן דער באַוועגונג, פּאַרטיי, פּראָבלעמען, ראַנגלענישן, דערגרייכונגען און דורכ־פאַלן...

„רבונו של עולם״ — פלעג איך אים פאָרוואַרפן — „ווער בעט דיך שרייבן געשיכטע ? לאָז דאָס איבער פאַר היסטאָריקער, פּראָפעסאָרן, פירער פון קאַטעדרעס... דערצייל מיר פּשוט דיינע מעשיות, ווי דו פלעגסט זיי דער־ציילן דיינע חברים פון קיבוץ אין בלעכערנעם טוש פון „הכובש״, אין כפר־סבא, אין יענעם שותפותדיקן און טייערן טוש״... אין אַ פאַר טעג אַרום פלעגט ער מיר ברענגען פריש־פאַרשריבענע בויגנס פּאַפּיר און — ווידער

דאָס זעלבע, ווידער מיינע טענות.

„כ׳בין ניט קיין שרייבער" — איז געווען זיין ענטפער.

„אוודאי ביסטו ניט קיין שרייבער" — פלעג איך זיך אַנטקעגנשטעלן — „דו קענסט דאָך אָבער דערציילן! דו קענסט דערציילן! און דו האָסט וואָס צו דערציילן!"

און אַזוי, ווי איר זעט זיינען מיר, ווי עס איז דערגאַנגען צו דריי און דרייסיק דערציילונגען, פון פאַרשיידענע צייטן און פאַרשיידענע ערטער, טייל אומעטיקע, טייל פריילעכע, אָבער יעדערע פון זיי איז אַ שטיק פון אַ שטורמיש לעבן. מ׳קען זיכער זאָגן, אַז אין זיי ליגט באַנקאָווערס פּערזענלעכער בייטראָג צום געוועב פון גראַנדיעזע פּאַסירונגען; און צי ער וויל יאָ, צי ער וויל ניט, איז פאַרזיגלט אין זיי זיין אייגנטימלעכער דערקען־צייכן.

***

דער וועג, וואָס בלויז אַ טייל פון זיינע פּאַסירונגען ווערט געבראַכט אינעם בוך, נעמט אַרום פאַרשיידענע תקופות; צווישן זיי זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבן געדינט אַלס וועגשילדן פאַר די, וואָס האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין יאָך און האָבן אים דערטראָגן ביז אַהער. פּונקט אַזוי זיינען זיי וועגשילדן אין לעבן פון אונדזער לאַנד. פון דעם נעמט זיך, אפשר, די פולשטענדיקע אידענטיפיצירונג — צו וועלכער ס׳איז קיין גלייכן ניטאָ — צווישן פּרט און כלל: דער אָנהייב פון „החלוץ" אין גלות, די מלחמה פאַר יידישער אַרבעט אין ארץ־ישראל, די „אומרוען", דער אָנטייל אין דער מלחמה קעגן די נאַציס, דער געראַנגל קעגן בריטישן מאַנדאַט, דער אָנהייב פון זעלבשטענדיקייט און נאָך, און נאָך. און אין דעם קרייזן זיך די באַגעגענישן מיט פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן אינסטרויִרט די ריכטונגען פון דער באַוועגונג און האָבן משפיע געווען אויף דער האַנדלונג פון אירע אַקטיוויסטן.

פאַרשטייט זיך, אַז באַנקאָווער איז גרייט געווען אויסצופילן דעם בוך מיט אַן אַ שיעור דערציילונגען וועגן אַן אַ שיעור מענטשן, נאָר איך האָב אים מיט פאַרבינסקייט ניט דערלאָזן דערצו, רעכענענדיק זיך מיט מיין אייגענעם געשמאַק און מאַטיוון. איך בין געווען זייער איבערקלייבעריש און כ׳האָב פאַרצייכנט בלויז די דערציילונגען, וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך דעם באַנקאָווערישן חותם. הקיצור, דער ספר איז פאַרפאַסט געוואָרן ניט אין אַן אַטמאָספער פון אַ פריינדלעכער שלווה, פון געדולד און טאָלעראַנץ — ער האָט זיך אויסגעקריסטאַליזירט אין אַ מצב פון אַ קעגנזייטיקן, אָבער פריינדלעכן געראַנגל.

אַט אַזוי פלעגן מיר שמועסן. דיסקוטירן און „פאַרמעסטן" זיך, ביז איך

האָב איין מאָל אַ זאָג געטאָן: סטאָפּ! כ׳האָב דערפילט, אַז מיר זיינען דער־גאַנגען צו אַ פּונקט, ווו מיר האָבן געקאָנט פעסטשטעלן: דאָס איז שוין אַ מאַטעריאַל, וואָס פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן לעבן... אָבער פּונקט דאָ, דווקא דאָ — ווי ס׳איז איבעריקנס געווען צו דערוואַרטן — איז באַנקאָווער אויפגעשפּרונגען מיט אַ טענה: כ׳האָב זיך נאָך געקליבן צו דערציילן וועגן דעם און דעם ענין. איך מוז דאָס דערציילן! און וואָס איז וועגן מיין טרעפן זיך מיט גאָלדען אין בראַזיל, וואָס מיר האָבן אפילו ניט דערמאָנט?.. און איז דען מעגלעך ניט צו דערמאָנען וועגן... דו ווייסט ווּעמען איך מיין... אין דעם בוך?״

איז וואָס האָב איך געקענט טאָן? כ׳האָב מאָביליזירט די גאַנצע אכזריות וואָס כ׳האָב פאַרמאָגט און געפּסקנט: „דאָס איז עס, מיין טייערער! אויב דו וועסט זוכה זיין און אויב מיר וועלן זוכה זיין — וועט מען אַלע מאָל קע־נען צוגעבן און דערגאַנצן. דערווייל אָבער שטייגן מיר אויס אויף דער דאָ־זיקער סטאַנציע״.

מיין מיינונג האָט ער אָנגענומען. מ׳קען ניט זאָגן, אַז מיטן גאַנצן האַרצן — אָבער אָנגענומען האָט ער.

***

נאָכן פאַרצייכענען אַלע ענינים האָב איך זיך געקווענקלט צי איך זאָל אייך פאַרטרויען דעם סוד, וואָס איז מיר קלאָר געוואָרן, ווען דער ספר האָט שוין געהאַלטן ביים צייטיק ווערן. וואָס פאַר אַ סוד?.. יאָרן לאַנג בין איך זיכער געווען, אַז איך קען אַ מענטשן וואָס הייסט באַנקאָווער. ערשט אין גאַנג פון דער אַרבעט איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז זיין נאָמען איז אַ „געגנבע־טער״... אַ „גניבה״ וואָס איז פאַרבונדן מיט באַקומען פּאַספּאָרטן און מיט שוואַרצן גרענעצן, און אַז ער דינט אים שוין ביי פופציק יאָר. דאָ איז, חלי־לה, ניטאָ וואָס חושד צו זיין... דאַכט זיך אַז ער אַליין האָט פאַרגעסן, אַז אין זיין קינדהייט און יוגנט האָט ער געטראָגן אַן אַנדער נאָמען... אַ פאַקט: ווען כ׳האָב צו אים אַ מאָל אַ זאָג געטאָן: „שלום, פאַרטמאַן״, האָט ער מיר געענטפערט: „וואָס פאַר אַ פאַרטמאַן? ווער איז ער דער פאַרטמאַן? קענסט ניט ריידן צו דער זאַך?״

האָב איך אים געענטפערט: „גוט. כ׳לייג דיר פאָר, דו זאָלסט אָנשרייבן אַ בוך דערציילונגען צו דער זאַך...״

אַזוי אַרום האָט זיך באַקומען אַ ספר צו דער זאַך...
אַזוי מיין איך.

ישראל אבן־נור

„לאַך, מעגסט לאַכן פון חלומות"

לאַנגע אַלייען פון געדיכטע סאָסנעס האָבן געפירט פון דער שטאָט צום טייך טעטרעוו, פון דער רעכטער זייט דניעפּר. זיי האָבן זיך געצויגן פון די טונקעלע וועלדער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט די שטאָט, מיט די סאַנאַ־טאָריעס פאַר שווינדזיכטיקע, אַנגעקומענע פון ווייטע געגנטן, און מיט דאַטשעס פאַר טויזנטער טוריסטן, וועלכע האָבן דאָ פאַרבראַכט די זומער־חדשים. אין געוויינלעכע צייטן האָט מען געקאָנט געפינען צווישן זיי ניט ווייניק פון אחינו בני ישראל.

זשיטאָמיר הייסט די שטאָט, און זי איז אַן עיר ואם בישראל. איר נאָמען איז געווען ווייט באַקאַנט אַ דאַנק דער יידישער זעלבשוץ נאָך אין אָנהייב פון יאָרהונדערט, אין 1905, ווען עס זיינען אין איר אויסגעבראָכן פּאָגראָמען, דערמוטיקטע דורך דער צאַרישער מאַכט אין רוסלאַנד. זי איז אויך געווען אַ צענטער פון חסידות און פון אַ ברויזנדיק יידיש לעבן. זי האָט פאַרמאָגט ביי הונדערט טויזנט איינוווינער, פון דעם ביי פערציק טויזנט יידן; געווען דאָרט אַ ראַבינער־סעמינאַר, וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לערער־סעמינאַר פאַר די יידישע מלוכה־שולן; גימנאַזיעס פאַר ייִנגלעך און פאַר מיידלעך און נאָך און נאָך אַנשטאַלטן. זשיטאָמיר האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין יעדער ציוניסטישער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

אויסער דער פאַרצווייגטער שול־ און דערציִונגס־נעץ, האָט אין זשיטאָמיר אַרויסגעשיינט די גרויסע פּרעכטיקע שול, וואָס איר כאָר האָט געשמט ביי יִדן אין גאַנץ אוקראַיִנע און האָט אַרויסגעגעבן באַרימטע חזנים ווי סיראָטאַ און הערשמאַן. דאָ האָבן געוווינט מענדעלע מוכר ספרים און אברהם גאָלד־פאַדען. אויך ביאַליק האָט זיינע קינדער־יאָרן פאַרבראַכט נאָענט צו זשי־טאָמיר.

איך געדענק זיך אַלס קינד אין אָט דער שטאָט, אַ קינד פון אַ גרויסער משפּחה, מיט זעקס שוועסטער און צוויי ברידער, אויסער מיר. ווי ס'ווייזט אויס איז דער טאַטע געווען אַ פאַרמעגלעכער ייִד, אַן אייגנטימער פון אַ וואַטע־פאַבריק, פון עטלעכע קראָמען און פון עטלעכע הייזער. יונגערהייט האָט ער געלערנט אין ישיבות, אָבער מיט דער צייט האָט ער זיך „אויסגע־

ניכטערט״ און געוואָרן איינער פון די משכּילים אין שטאָט. דאָס איז געווען אַ וואַרעם הויז, אָבער ניט קיין ציוניסטיש הויז. מיין ציוניזם איז געקומען צו מיר שפּעטער, פון גאָר אַנדערע קוואַלן.

חוץ דעם וואָס איך האָב נאָך קינדווייז איינגעזאַפּט די דערציילונגען וועגן דער העלדישער זעלבשוץ אין פּאָגראָם פון 1905טן יאָר, בין איך שפּעטער אַליין געווען אַן עדות פון פּעטלוראַס פּאָגראָם־באַנדעס, וואָס האָבן געווימלט אין אוקראַיִנע, ווען ס׳פלעגט זיך טוישן די מאַכט, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. ניינצן מאָל האָבן זיך געביטן די מאַכט־האָבערס אין דער תקופה פון דער רעוואָלוציע און פיר מאָל האָבן געבושעוועט פּאָגראָמען אויף יידן אין זשיטאָמיר. איך האָב אויך געזען דעם פּאָגראָם וואָס דאָס פּוילישע מיליטער — די האַלערטשיקעס — האָט דורכגעפירט מיט ניט ווייניקער אכזריות פון די אוקראַיִנער. פאַר מיינע אויגן האָט מען אויפגעריסן און אויסגעראַבירט געשעפטן, פאַרברענט הייזער צוזאַמען מיט די איינוווינער, באַגראָבן לעבעדיקערהייט מענטשן, וועלכע מ׳האָט פריִער געצווּנגען אויסגראָבן פאַר זיך קברים; איך האָב געזען אַ סך פאַלן פון מאָרד, רויב און פאַרגוואַלדיקונג. צוזאַמען מיט נאָך טויזנטער יידישע יוגנטלעכע בין איך אַנטלאָפן פון זשיטאָמיר, אין די פּוסטריט פון דער רויטער אַרמיי, וואָס איז אָפּגעטראָטן אין דער ריכטונג פון קיִעוו. דאָס איז געווען אַ לאַנגער מאַרש צופוס, אין שניי און פראָסט, דורך דערפער, ווו ס׳האָבן געבושעוועט מערדער־כנופיות.

⁂

איך דערמאָן זיך איינעם פון די טעג אין זשיטאָמיר. אַ שעה פאַר מיטאָג האָבן אַריינגעמאַרשירט אין שטאָט פּעטלוראַס זעלנער אין דער באַגלייטונג פון אַ מיליטערישן אָרקעסטער, אָבער דער פּאָגראָם אויף יידן האָט זיך אָנגעהויבן איידער זיי זיינען דערגאַנגען צום צענטער פון דער שטאָט. די יידן האָבן זיך באַהאַלטן אין די הייזער, פאַרמאַכט די פענצטער און פאַרבאַריקאַדירט די טירן מיט ברעטער אין דער לענג און ברייט. זיי האָבן געהאָפט, אַז די יידישע זעלבשוץ, וואָס האָט געהייסן „רעזערוו־מיליץ״ און האָט בשעתּו גוט אָנגעבראָכן די ביינער די פּאָגראָם־כנופיות פון דער „שוואַרצער מאה״, וועט אויך איצט אַרויסהעלפן. אָבער דאָס מאָל זיינען די פּאָגראָמשטשיקעס געווען מיליטער־לייט. זיי האָבן זיך צו ערשט אַ לאָז געטאָן אויסצוראַבירן דעם מאַרק און די יידישע געשעפטן. קריסטלעכע קינדער און יונגוואַרג האָבן זיי געוויזן דעם וועג. זיי זיינען געגאַנגען פון קראָם צו קראָם, געבראָכן פענצטער און טירן, אויסגערויבט אַלץ און אונטערגעצונדן.

מיר זיינען געזעסן אין שטוב און געוואַרט אויף די פּאָגראָמשטשיקעס וואָס וועלן זיך נעמען צו אונדז, נאָך דעם ווי זיי וועלן פאַרטיק ווערן מיטן רויב פון די קראָמען. ס׳האָט זיך דעהערט אַ קלאַפּ אין טיר און דורך אַ שפּאַרע אין פענצטער האָבן מיר דערקענט אונדזער הויזוועכטער, אַ גוי, וואָס האָט יאָרן לאַנג געאַרבעט ביי אונדז. געהייסן האָט ער יוזיק, אַזוי ווי איך. ער איז אַריין אין שטוב און דערציילט, אַז ער האָט געזען, ווי אַ גרויסע באַנדע פּאָגראָמשטשיקעס איז צוגעקומען צו אונדזער קראָם. האָט מען באַ־שלאָסן, אַז איך זאָל, צוזאַמען מיטן גוי, אַרויסגיין און פון דערווייטנס וואַר־פן אַ בליק אויף דעם, וואָס דאָרטן קומט פאָר. הגם כ׳בין געווען אַ גאָר יונ־גיטשקער, האָט מען מיר אָנפאַרטרויט אָט די שליחות צוליב מיין גויִישן אויסזען. ווען כ׳פלעג אָנטאָן מיין היטל פאַררוקט אויף אַ זייט, איז קיינעם ניט איינגעפאַלן, אַז איך בין ניט קיין „שגץ״.

ווען מיר זיינען צוגעקומען נעענטער צו דער קראָם איז שוין געווען נאָך אַלעמען: בלויז אַש און רויך נאָך דער שרפה. כ׳האָב געמאַכט נאָך אַ פּאָר טריט כדי צו זען, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט די אַנדערע קראָמען. צוזאַמען מיטן הויזוועכטער בין איך צוגעקומען צו זשיליסטס גרויסן שפּייזגעשעפט, וועמעס זון ס׳האָט מיך געגרייט צום עקזאַמען אין גימנאַזיע. אויך דאָ איז אַלץ געווען חרוב און פאַרברענט. אויפן וועג אַהיים האָב איך אָנגעקלאַפּט ביי זשיליסטן. ערשט ווען זיי האָבן מיך דערקענט, האָט מען מיר געעפנט די טיר, און איך האָב זיי דערציילט וואָס ס׳איז געוואָרן פון זייער געשעפט. גייענדיק אַהיים האָב איך באַמערקט צעשראָקענע אויגן, דערשטוינטע פון מיין „שפּאַציר״ איבער די גאַסן, אין סאַמע ברען פון פּאָגראָם.

ווען איך בין אַריין אין שטוב האָב איך שוין פאַרשפּאַרט אַ סך צו ריידן, כדי צו באַשטעטיקן, אַז אונדזער קראָם איז פאַרברענט און חרוב געוואָרן.

**
*

איצט קומט מיר פּלוצעם אויף אין זכרון אַ ווינטערנאַכט פון מיין קינד־הייט. איך בין שוין אַלט געווען צוועלף יאָר. געהאַלטן ביים ענדיקן די פאָלקס־שול, און די עלטערן האָבן געהאַלטן אין איין קלערן ווו איך זאָל פאָרזעצן מיין ווייטערדיק לערנען. מיין עלטערער ברודער האָט שוין דאַן געהערט צו די צענטראַלע אַקטיוויסטן פון „בונד״, און מיין עלטערע שוועסטער, אַ דאָקטאָר מעדיצין, האָט געהערט צו די קאָמוניסטן. שפּעטער האָט זי פאַרנו־מען אַ הויכן פּאָסטן אין סאָוויעטישן געזונטהייטס־מיניסטעריום.ביידע האָט מען כמעט ניט אָנגעזען אין דער היים: זיי האָבן זיך געפונען ערגעץ־ווו ווייט.

אָבער לאָמיר צוריקגיין צו יענער ווינטערנאַכט. אין דרויסן — אַ שניי־זאַווערוכע און אַ קנאַקנדיקער פראָסט, אָבער אין שטוב איז געווען וואַרעם — אַ מחיה. איך האָב צוגעגרייט די לעקציעס, אַריין אין ווייכן בעט און צוגע־דעקט זיך מיטן איבערבעט איבערן קאָפּ, אָבער איינשלאָפן האָב איך ניט געקאָנט. מיט אַ האַלבן אויער האָב איך זיך צוגעהערט צום שמועס פון מיינע עלטערן; פּלוצעם האָט זיך מיין שמיעה פאַרשאַרפט: היות זיי האָבן געמיינט, אַז איך שלאָף שוין, האָבן זיי גענומען מישב זיין זיך וועגן מיין ווייטערדיקן לערנען. דער טאַטע האָט געהאַלטן אַז איך דאַרף ווערן אַן אינ־זשעניער, כדי צו קענען העלפן פירן די פאַבריק און די אַנדערע געשעפטן. די מאַמע, דאַקעגן, האָט געטענהט, אַז איר יוזיק דאַרף זיין אַ דאָקטאָר, ניט אַנדערש...

איך בין געלעגן שטיל, כלומרשט איך שלאָף, כאָטש כ׳האָב געהאַט גרויס חשק אויפצושטיין און דערקלערן, אַז ס׳איז מיר ניט צום האַרצן, ניט דאָס און ניט יענץ. איך וויל גאָר זיין אַן אַדוואָקאַט! וועט איר פרעגן: וואָס עפּעס מיט אַ מאָל אַן אַדוואָקאַט? געווען אַ סיבה דערצו: אין יענער צייט איז פאָרגעקו־מען דער באַרימטער בייליס־פּראָצעס, און אין די יידישע קהילות פון דער גאָרער וועלט האָט זיך שטאַרק גערודערט אַרום דעם משפּט. אין מיינע טרוי־מען האָבן תמיד אַרויסגעשיינט די אויפטריטן פון די יידישע פאַרטיידיקער — אָסקאַר גרוזענבערג און הרב מזא״ה. זייערע נעמען זיינען דערמאָנט געוואָרן מיטן גרעסטן רעספּעקט. איז קיין ווונדער ניט, וואָס איך האָב געטרוימט צו ווערן אַן אַדוואָקאַט, וואָס פאַרטיידיקט דרייסט און מוטיק די יידן, די קרבנות פון די בלוט־בילבולים.

דער גורל האָט אָבער געפּסקנט, אַז מיין לעבנסוועג זאָל זיך אויסקערעווען אין גאָר אַן אַנדער ריכטונג. זינט דער רוסישער רעוואָלוציע האָב איך זיך אַנגעשלאָסן אין „דרור". מיין נסיעה קיין פּוילן און די אַקטיוויטעט אין „החלוץ" האָבן מיך אַרויפגעפירט אויפן ציוניסטיש־חלוצישן שליאַך — קיין ארץ־ישראל און צום קיבוץ.

***

אויב כ׳האָב שוין דערמאָנט דעם ענין פון מיינע לימודים, לאָמיר דאָ דער־ציילן, ווי אַזוי איך בין — אַ קורצע צייט שפּעטער — באַזייטיקט געוואָרן פון דער רוסישער גימנאַזיע אין קיעוו, צוליב מיין גרויסער חוצפּה, ביים פּרובירן פאַרטיידיקן מיין יידישן כבוד.

אין דער צאַרישער צייט זיינען די גימנאַזיעס, ווי באַקאַנט, ניט געווען אָפן פאַר יידן. אויף יעדע ניין גויים האָט געקענט אַנגענומען ווערן בלויז איין

ייד. האָב איך באַשלאָסן צו ריזיקירן און פּרוּוון זיין אַזאַ צענטער.

נאָך אַ גאַנצן יאָר לערנען, טאָג און נאַכט, מיט דער הילף פון זשיליסטן, וועלכער האָט מיך צוגעגרייט צו די איינטריט־עקזאַמענס אין זשיטאָמירער גימנאַזיע, האָב איך זיך צוגעשטעלט צום עקזאַמען. כאָטש איך בין ניט דורכ־געפאַלן, בין איך דאָך ניט אָנגענומען געוואָרן צוליב דער פּראָצענט־נאָרמע, וואָס כ׳האָב פריִער דערמאָנט. איז געבליבן, איך זאָל פּרוּוון מזל אין קיִעוו, ווו די באַדינגונגען זיינען, ווי מ׳האָט דערציילט, ניט געווען אַזוי האַרב. מיין עלטערע שוועסטער, דוניאַ, וואָס האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרענדיקן דעם אוניווערסיטעט, האָט זיך אונטערגענומען צוגרייטן מיך צו די עקזאַ־מענס. זי האָט פאַר מיר איינגעפירט אַ שווערן לערן־רעזשים במשך חדשים. בין איך טאַקע אַדורך בשלום די עקזאַמענס און בין אָנגענומען געוואָרן אין קיִעווער גימנאַזיע. די מישפּחה האָט געקוואָלן פון שמחה און גאווה.

אַזוי אַרום האָב איך צו פערצן יאָר פאַרלאָזן, צום ערשטן מאָל, מיין היים אין זשיטאָמיר און אויסגעוואַנדערט קיין קיִעוו. מיט שטאָלץ האָב איך אָנגעטאָן די גימנאַזיע־אוניפאָרם — אַ לאַנגער שינעל און אַ שוואַרץ היטל מיט ווייסע פּאַסן. בשעת מעשה האָב איך זיך פאַרגעשטעלט ווי איך שפּאַציר איבער די זשיטאָמירער גאַסן אין דעם נייעם מונדיר און רוף אַרויס התפּעלות ביי די דורכגייער.

אָבער ניט לאַנג האָט אָנגעהאַלטן מיין שימחה. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צווישן די גימנאַזיע־לערערס זיינען געווען ניט ווייניק שונאי־ישראל, וועלכע האָבן אויסגעניצט יעדע געלעגנהייט צו שיקאַנירן די יידישע תּלמי־דים. איין מאָל, נאָך דעם ווי כ׳בין שוין געווען ביי דריי חדשים אין גימנאַזיע, האָט מיט דער לערער אַרויסגערופן צום טאָוול און דערביי, מיט אַ כיוון, פאַרדרייט מיין נאָמען, צוגעבנדיק אים אַ שפּאָטישן קלאַנג. כ׳האָב גלייך פאַרשטאַנען זיין כוונה: מאַכן פון מיר חוזק פאַרן קלאַס. האָב איך זיך ניט גערירט פון אָרט. רופט ער אויס נאָך אַ מאָל מיין נאָמען מיט כעס און ווידער פאַרקריפּלט. איך בלייב אַלץ זיצן. איז ער שוין ממש אַרויס פון די כלים און געוואָרנט: אָדער איך שטיי אויף און גיי צום טאָוול, אָדער בלויז איינער פון אונדז וועט פאַרבלייבן אין גימנאַזיע. און אַזוי ווי כ׳בין פאַרט געבליבן זיצן, ווען ער האָט מיך אויסגערופן אויף ס׳ניי אויף אַ באַליידיקנדיקן אופן, האָט ער מיט כעס פאַרלאָזן דעם קלאַס.

דעם זעלבן טאָג איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון פּעדאַגאָגישן ראַט, ווו ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אויסצושליסן מיך פון גימנאַזיע. אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. די גזירה איז געווען אַ פּיל האַרבערע: ניט בלויז אויסשליסן פון גימנאַזיע, נאָר ניט אָנגענומען צו ווערן אין קיין שום גימנאַזיע און

העכערן לערן־אנשטאַלט אין לאַנד. די גזירה האָט מיך געטראָפן ווי אַ דונער. כ׳האָב ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. ווי ברענגט מען אַזאַ ביטערע בשורה אַהיים? נאָך דעם ווי די עלטערן האָבן אַזוי פיל מי און האָפענונג אַריינגעלייגט ביז מ׳האָט מיך אָנגענומען אין גימנאַזיע? כ׳האָב געוווּסט, אַז די בשורה וועט צעברעכן זייער האַרץ. ווען מ׳וואָלט געקענט אָפּשרייען די גזירה, וואָס האָט פאַרשלאָסן פאַר מיר אַלע לערן־אַנשטאַלטן, וואָלט איך פּרובירט מיין מזל אין אַן אַנדער גימנאַזיע.

האָב איך זיך געווענדט מיט מיין צרה צו מיין עלטערער שוועסטער, דוניאַ, און איר איז טאַקע געלונגען, אַ דאַנק אירע פאַרבינדונגען, די גזירה מבטל צו מאַכן. ווי דערקלערט מען אָבער די עלטערן מיין פאַרטריבן ווערן פון גימנאַזיע? האָט מיך מיין גוטע און קלוגע שוועסטער ווידער אַרויסגעהאָלפן: ביז וואָס ווען ניט דערציילן די עלטערן גאָרנישט און אויסזוכן אַן אַנדער שולע. און ס׳איז טאַקע געלונגען אַריינצוגעבן מיר אין אַ האַנדלס־שולע.

אָבער אָט זיינען אונטערגעקומען די וואַקאַציעס און איך האַלט ביי פאָרן אַהיים קיין זשיטאָמיר. וועט מען דאָך באַלד דערקענען, אַז איך טראָג אַן אַנדער מונדיר, ניט דעם מונדיר פון דער גימנאַזיע. די גאַנצע מישפּחה און אַלע גוטע פריינד וויסן דאָך, אַז איך בין אַ תלמיד פון גימנאַזיע. ווי קומט צו מיר מיט אַ מאָל אַן אוניפאָרם פון אַ האַנדלס־שולע?..

„וויסטו וואָס", האָט געפּסקנט מיין שוועסטער, „אין זשיטאָמיר, אין פאַרלויף פון די וואַקאַציעס טראָג די אוניפאָרם פון גימנאַזיע... און דערווייל וועלן מיר ביסלעכווייז צוגרייטן די עלטערן און דערציילן זיי דעם אמת".

וכך הווה. איך בין אַדורך דעם שטורעם בשלום און דער גאַנצער ענין איז פאַרבליבן אַ סוד פאַר אונדזביידן, פאַר מיר און פאַר מיין שוועסטער.

***

נאָך דעם ווי זשיטאָמיר איז אַריבער פון איין מאַכט צו דער אַנדערער און איז סוף כל סוף פאַרנומען געוואָרן דורך די באָלשעוויקעס, איז די שטאָט עקאָנאָמיש פולשטענדיק צעשטערט געוואָרן. ס׳האָט אויסגעפעלט ברויט, ברענשטאָף, די קאָמוניקאַציע האָט ניט פונקציאָנירט און דאָס גאַנצע לעבן איז פאַראַליזירט געוואָרן. צוליב דעם הונגער און קעלט איז אויסגעבראָכן אַ טיפוס־עפּידעמיע און אַן מעדיצינישע מיטלען, האָט די קרענק אַוועקגענומען אַן אַ שיעור קרבנות. האָט מען אין שטאָט געקאָנט זען צוויי צוגן: אַ צוג שליטנס, וואָס פירן האָלץ צום הייצן, און אַ צוג שליטנס, וואָס פירן די טיפוס־קרבנות צו זייער אייביקער רו.

אין יענע אומעטיקע טעג בין איך געווען אַ תלמיד פון דריטן קלאַס אין

אונדזער שטאַט־שולע. אין אַ פּאַראַלעלן קלאַס פון דער זעלבער שולע האָט געלערנט אַ שילער מיט דעם זעלבן פאַמיליע־נאָמען, פאַרטמאַן, פון גאָר אַן אַנדער מישפּחה. יענער תּלמיד איז געשטאָרבן פון טיפוס, און זיינע חברים האָבן באַשלאָסן צו באַזוכן זיין מישפּחה און באַטייליקן זיך אין זיין לוויה. אַזוי ווי איך בין אויך קראַנק געווען אויף טיפוס, האָט מען על פּי טעות אָנ־געגעבן די חברים מיין אַדרעס. די גרופּע תּלמידים האָט ניט געהאַט קיין דרייסטקייט אַריינצוגיין אין שטוב, האָט זי געוואַרט מיט אַ קראַנץ בלומען פאַר דער טיר, ביז עמעצער וועט צו זיי אַרויסגיין. איך האָב דאַן געפיבערט מיט גרויס היץ, מיין לאַגע איז געווען אַ קריטישע, און טאַטע־מאַמע זיינען גע־זעסן ביי מיין בעט און זיך געווישט די אויגן.

דאָס דינסטמיידל, וואָס האָט באַמערקט די קינדער ביים אַריינגאַנג, איז אַרויס צו זיי און אַ זאָג געטאָן קורץ און שאַרף: נאָך ניט!.. ס'הייסט, זיין לאַגע איז טאַקע אַ קריטישע, אָבער — — — נאָך ניט... די תּלמידים האָבן זיך געכאַפּט, אַז זיי האָבן אַ טעות געהאַט אין אַדרעס, און זיינען אַוועק צו דער דירה פון צווייטן פאַרטמאַן...

אָבער דער עצם קורצער זאַג פונעם דינסטמיידל האָט פאַר מיר אַ לעבן לאַנג געדינט ווי אַ לעבנס־לאָזונג. אין אַנבליק פון סכּנות וואָס האָבן געדראָט מיט טויט, פלעג איך אַ זאָג טאָן צו זיך: נאָך ניט! נאָך ניט!..

***

די רוסישע רעוואָלוציע, ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט אונדז פאַרכאַפּט ווען מיר זיינען נאָך געווען זייער יונג און מיר זיינען מיטגעצויגן געוואָרן פון דער אַלגעמיינער התלהבות. אין דער לופטן האָבן געשוועבט אַ סך האָפענונגען אויף אַ נייער ערע פאַר דער מענטשהייט. אַן ערע פון פרייהייט, גלייכהייט און יושר. האָבן מיר זיך דען דעמאָלט, ווען מיר זיינען פאַרכאַפּט געווען פון דעם חלום, געקאָנט פאַרשטעלן וויפל ימים בלוט און טרערן וועט די רעוואָלוציע אויסצאַפּן פון דער מענטשהייט?

מיר, אַ גרופּע יוגנטלעכע, האָבן זיך דעמאָלט געטוליעט אַרום זעליקינען — אַ דערציִער, געבענטשט מיט אַ סובטעלער נשמה, מיט גייסטיקער עשירות און מיט אַ טיפן מאָראַלישן כּוח; ער האָט געקערעוועט אונדזער לעבנסגאַנג אין ליכט פון דער ציוניסטישער ירושה פון דאָקטאָר הערצל, אויספורעמענ־דיק דערביי אַ טיפּ פון אַ קעמפער, וואָס איז ריין אין מידות און אין גייסט.

ס'האָט אונדז געבונדן אַ טיפע און גרויסע חברשאַפט. מיט דער גאַנצער ערנסטקייט האָבן מיר געשטרעבט צו באַהעפטן זיך אָרגאַניש מיט דער אידעע און מיט דער באַוועגונג, ווערן אירע טרעגער און דינער. מיר האָבן געזוכט

אונדזער וועג אין אונדזער פֿאָלק, וואָס נאָר אַ טייל פֿון אים האָט געפֿונען זיין פּלאַץ אין דער רעוואָלוציע און זיך צונויפגעשמאָלצן מיט איר. אָבער דער גרעסטער טייל האָט זיך געפֿילט פֿרעמד אין דער אַלגעמיינער אַטמאָספֿער פֿון התלהבות, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס גרויסע לאַנד. מיר האָבן געזוכט אַ וועג צו אַ נייעם ציוניזם, וואָס לייגט אַרויף אויף זיינע אָנהענגער דעם חוב פֿון זעלבסטפֿאַרווירקלעכונג. אין אונדזערע זוכענישן זיינען מיר דערגאַנגען צו די קרייזן פֿון „עת לבנות" און „דרור" און מיר זיינען מיטגעצויגן געוואָרן פֿון זייער יוגנטלעכן ברען.

די ערשטע „דרור"־גרופּעס האָבן זיך אָרגאַניזירט אין זשיטאָמיר, קיִעוו און בערדיטשעוו. די סאַמע קאָנסאָלידירטע גרופּע איז געווען די זשיטאָמירער — אין צענטער פֿון וואָלינער ייִדנטום, וואָס האָט פֿאַרמאָגט למדנים, משכּילים, דיכטער, אַ יידישקייט אָנגעזאָפּט מיט חכמה, וואָס האָט אָפּגעהיט דאָס גייסטיקע פֿאַרמעגן פֿון פֿאָלק און בייגעשטייערט איר טייל.

מיר האָבן הויך געשעצט טשערניכאָווסקין, ברענערן און גאָרדאָנען. אָבער, דער עיקר, האָבן מיר שטאָלצירט מיט ביאַליקן, וועמעס קינדער־יאָרן זיינען פֿאַרבונדן מיט זשיטאָמיר. אַזוי ווי אונדז, האָט אים געצויבערט די שיינקייט פֿון דער נאַטור און די לאַנדשאַפֿט, ער האָט אָבער אויך געקאָנט אַריינבליקן אין דער וועלט פֿון יידישן דלות און פּיין. אַזוי אַרום האָט זיך אין אונדז צונויפֿגעגאָסן דאָס געפֿיל פֿון פֿרעמדקייט צום לאַנד, ווו מיר זיינען געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן, מיט דעם ווילן און בענקשאַפֿט צו מעשים אין לאַנד פֿון די אבות, וואָס דאַרף אויסגעלייזט ווערן אויף ס'ניי.

ווי אַ וווּנדערלעכער חלום זעט מיר היינט אויס — פֿון אַ מרחק פֿון צענדליקער יאָרן — דאָס לעבן אין „דרור", אַ לעבן פֿון טיפֿער חברישקייט און ברידערלעכקייט, אַ לעבן פֿון באַהעפֿטן זיך מיט דער שיינקייט פֿון דער נאַטור און, דער עיקר, אונדזער פֿלייסקייט אַרויסצוהייבן די אינערלעכע שיינקייט פֿון מענטש. ס'איז געווען אַן אויפֿברויזנדיקע, צעמענטירנדיקע איבערלעבונג, וואָס האָט אַריינגעגעבן אַ נשמה דער אידעע, אַרום וועלכער מיר האָבן זיך געקלאַמערט. ס'איז ניט קיין צופֿאַל וואָס טשערניכאָווסקיס ליד „אני מאמין" (איך גלויב), וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „שחקי, שחקי על חלומות" (מעגסט לאַכן פֿון חלומות), איז געוואָרן אונדזער הימן. מיר האָבן ניט געמאַכט קיין שפּאַס פֿון חלומות, ווייל אונדז האָט באַפֿליגלט די אויפֿריכטיקע אמונה אין מענטשן, וואָס האָט זיך צונויפֿגעגאָסן מיט דער אמונה אין דער צוקונפֿט פֿון פֿאָלק און פֿון דער מענטשהייט.

מיט אָט דער שלמותדיקער און פֿלאַמיקער אמונה זיינען מיר אַרויס אַנטקעגן דעם אויפֿגעשטורעמטן לעבן — — —

אויסטערלישע מענטשן אין אַן אויסטערלישער שטאָט

איך בין געקומען קיין ווילנע צום ערשטן מאָל אין אָנהייב זומערטאָג. דיביימער האָבן געבליט אין די אַלייען און וועלדלעך. אָבער ניט צו זיי האָט מיך איצט געצויגן, נאָר צום צויבער פון די ווילנער גאַסן, וווּ צענד־ליקער טויזנטער ייִדן האָבן געלעבט אַ ייִדיש פילפאַרביק לעבן, מיט זיין גאַנצער טיפקייט און גייסטיקער עשירות. ווי ס׳איז באַקאַנט, האָט ווילנע געשמט אַלס „ירושלים דליטא״, ווי אַן „עיר ואם בישראל״. די שטאָט איז פול געווען מיט למדנים. אָבער ניט ווייניקער איז זי געווען באַקאַנט, ווי אַ צענטער פון ייִדישער און העברעיִשער השכלה, ווי אַ צענטער פון ציוניזם, פון אַרבעטער־פּאַרטייען, פון ייִדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און חלוצישע באַוועגונגען.

אין אָנהייב 1923 האָט מיך דער מרכז פון „החלוץ״ געשיקט אַהער, כדי איך זאָל דאָ קאָנצענטרירן די סניפים פון „החלוץ״ אין ווילנער ראַיאָן. דער „החלוץ״ האָט דעמאָלט פאַרמאָגט בלויז איין סניף אין ווילנע גופא און אַ פּאָר קליינע סניפים אין די אַרומיקע שטעטלעך. צוויי יאָר שפּעטער, ווען כ׳האָב דאָרט פאַרענדיקט מיין שליחות, האָט שוין דער ווילנער ראַיאָן גע־ציילט 62 סניפים און אַכט הכשרה־קיבוצים.

איצט, אַריינגייענדיק אין שטאָט, זיינען מיינע קעשענעס געווען ליידיק און מיין גאַנצער פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון אַ באַנבילעט, וואָס דער מרכז פון „החלוץ״ האָט מיר מיטגעגעבן.

„די ווילנער חברה וועלן שוין זאָרגן פאַר דיר״, האָט מען מיר פאַרזיכערט אין מרכז, און איך האָב זיך געשטיצט אויף דעם. איין זאַך האָבן זיי אָבער פאַרגעסן, אַז אין דער ציוניסטישער ווילנע האָט געהערשט די פּאַרטיי צ.ס. און ווער ס׳האָט ניט אָנגעהערט צו איר, האָט זיך ניט געקאָנט ריכטן אויף אַ לייכטן וועג. מיין וואַליזע איז פאַרבליבן אין האָטעל און אַ גאַנצן טאָג האָב איך פאַרבראַכט אין שמועסן און צונויפטרעפן זיך מיט די מענטשן פון „החלוץ״, וועלכע האָבן מיך שטאַרק געוואָרנט כ׳זאָל זיך היטן פון פייוול אַנטאַבילן, דעם אומאָפּפרעגלעכן פירער פון די צ.ס., ווייל אַלץ איז אָפּ־

הענגיק פון אים. און היות כ'האָב דאַן אַנגעהערט צו דער „דרור"־פּאַרטיי, וואָס האָט זיך ערשט שפּעטער פאַראייניקט מיט די צ. ס., האָבן מיר די טוער פון „החלוץ" ניט פאַרויסגעזאָגט קיין הצלחה אין מיין שליחות, און דאָס האָט געהייסן, אַז כ'וועל זיך דאַרפן אַרומדרייען אין שטאָט אָן אַ גראָשן אין קעשענע.

ווען כ'האָב זיך געטראָפן מיט פּייזול אַנטאָביל און אויסגעהערט זיין חקירה ודרישה, האָב איך שוין ניט געהאַט דעם מינדסטן ספק, אַז ער באַטראַכט מיין קומען אין ווילנע ווי אַ פּרווו „אַריינצושמוגלען" אַהער, מיט אַ צענטראַלער ראָל, אַ מענטשן וואָס געהערט ניט צו די צ. ס., דאָס הייסט — פּרוּוון פּוגע צו זיין אינעם פּרעסטיזש פון זיין פּאַרטיי און אין אים גופא.

די דאָזיקע שטעלונג האָט באַקומען אַן ענערגישן אויסדרוק שוין דעם זעלבן אָוונט, ווען איך בין איינגעלאַדן געוואָרן צו דער זיצונג פון צ. ק. פון די צ. ס. כ'האָב, נאַטירלעך, ניט געהאַט קיין ברירה ווי פעסטצושטעלן, אַז איך געהער ניט אָפיציעל צו דער דאָזיקער פּאַרטיי, הגם כ'נעם אָן זייערע פּרינציפּן. איך בין דאָ אַ חבר אין „דרור" און כ'זע ניט אין דעם, האָב איך דערקלערט, קיין שום פּסול, וואָס זאָל פאַרמינערן מיין רעכט צו אַרבעטן פאַרן „החלוץ" אין ווילנע און אין איר ראַיאָן. דערויף האָט פּייזול אַנטאָביל דערקלערט, אַז כל זמן איך וועל זיך געפינען דאָ, וועל איך ניט קענען אָנגיין מיט מיין שליחות אונטער דער שוץ פון זיין פּאַרטיי.

אַזוי האָב איך זיך אַרומגעדרייט גאַנצע וואָכן אין שטאָט „אָן אַ פּרוטה ביי דער נשמה". געגעסן וואָס ס'האָט זיך געמאַכט, און דאָך האָב איך פאַרעקשנט אויסגעפירט מיין אַרבעט אין „החלוץ", סטימולירט חברים, און אפילו „געהעצט" זיי אויסצוברייטערן זייער טעטיקייט מחוץ די ראַמען פון ווילנע, אין דער פּעריפעריע, אין די צענדליקער שטעטלעך, צווישן די דאָרטיקע גרעסערע און קלענערע קהילות.

אַרויסגעראַטעוועט פון דער אָפּקומעניש און מבטל געמאַכט דעם „חרם" אויף מיר האָט... מנחם אוסישקין. אין איין העלן טאָג האָט ווילנע באַקומען אַ בשורה וועגן אַ באַזוך פון מ. אוסישקין, איינער פון די אָנגעזעענסטע פירער אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, דער עיקר אין די קרייזן וואָס האָבן ניט געהערט צו די לינקע פּאַרטייען, הגם ער האָט זיך באַצויגן פּאָזיטיוו צו זייער התישבות־טעטיקייט. די שטאָט איז געגאַנגען אויף רעדלעך, אַ שטייגער, ווי מען וואָלט אָפּגעוואַרט אַ מלך, און יידן האָבן געהאַלטן אין איין ריידן וועגן דעם קומענדיקן באַזוך. גרויסע מודעות האָבן אָנגעזאָגט דעם פייערלעכן קבלת־פּנים, וואָס די קהילה און אַלע יידישע פּאַרטייען גרייטן צו אין דעם שטאָטישן אַמפיטעאַטער. היות איך האָב ניט געהאַט וואָס צו

פאַרלירן, האָב איך זיך צוגעאײַלט און געמאָלדן דעם קבלת־פּנים־קאָמיטעט וואָס איז באַשטאַנען פון די פּני פון שטאָט, אַז איך בין באַשטימט געוואָרן צו באַגריסן דעם גאַסט אין נאָמען פון מרכז „החלוץ" און אַז כ'וועל ריידן עברית. די שטאָט־פּרנסים, וועלנדיק אויסמײַדן אַ סקאַנדאַל, זײַנען געצוווּנגען געווען מסכים צו זײַן. אַזוי אַרום, איז די איינציקע רעדע אין עברית, וואָס די טויזנטער ייִדן האָבן אויסגעהערט אויף אָט דעם פאַרזאַמלונג, געהאַלטן געוואָרן דורך דעם פאַרשטייער פון „החלוץ". ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מײַן עברית־אויפטריט האָט געמאַכט אַ רושם אויף די ווילנער ייִדן, די תורה־ליבהאָבערס. אַ פאַקט איז, אַז צו מאָרגנס האָב איך זיך שוין ניט גע־פילט ווי אַן אָפּגעשטויסענער, נאָר ווי אַ בירגער, מיט לײַטן גלײַך, און קיי־נער האָט מער ניט דערמאָנט דעם „חרם", פאַר מײַן ניט אַנגעהערן צו צ. ס.

פון דעמאָלט אָן, זינט מײַן קיום איז אַ געזיכערטער געוואָרן, האָב איך זיך אַרײַנגעוואָרפן אין דער קאָטאָרזשנער אַרבעט, כדי אַרויסצוהייבן די באַוועגונג און אויסשפּרייטן איר ווירקונג אויף די פּילצאָליקע שטעטלעך פון וויל־נער ראַיאָן. אַ סך האָט, נאַטירלעך, אַרויסגעהאָלפן ווילנע אַליין, וואָס איז געווען אַ פּרוכבאַר פעלד פאַר אַ ברייטער אַרבעט. כ'האָב שוין פריִער דער־מאָנט, אַז ווילנע איז געווען אַ צענטער פון ייִדישער בילדונג און פון אַ פאַר־צווייגטער אַקטיוויטעט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. ווילנע איז אויך געווען דאָס אָרט וווּ ס'זײַנען פאָרגעקומען אַ סך היסטאָרישע געשעענישן, און דאָס האָט איר צוגעגעבן אַ מעמד מיט אַ באַזונדערן יחוס.

למשל, די לעגענדאַרע געשטאַלט פון הירש לעקערט, וואָס איז פאַרמישפּט געוואָרן צום טויט פאַר זײַן אַטענטאַט אויפן ווילנער צאַרישן גובערנאַטאָר, וועלכער האָט אכזריותדיק צעטריבן די אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע דעם ער־שטן מאַי. לעקערט איז געווען אַ ווילנער און אין ווילנע האָט ער אויסגע־פירט דעם אַטענטאַט.

דער „בונד" — „דער ייִדישער אַרבעטער־בונד פון ליטע, פּוילן און רוס־לאַנד", וואָס האָט געשפּילט אַ צענטראַלע ראָלע אין ייִדישן לעבן, איז גע־גרינדעט געוואָרן אין ווילנע, אין סעפּטעמבער 1897.

אין יאָר 1902 האָט הרב ריינעס פאַרלייגט אין ווילנע, אויף אַ קאָנפערענץ פון רעליגיעזע ציוניסטן, די „מיזרחי־באַוועגונג".

אין ווילנע איז געגרינדעט געוואָרן איינער פון די ערשטע „חובבי־ציון"־קרייזן; אין ווילנע האָט זיך געפונען די צענטראַלע ביוראָ פון דער ציוניסטי־שער באַוועגונג אין רוסלאַנד. ווילנע האָט געהאַט אַ העברעיִשע טאָג־צײַטונג „הזמן", פאַרלאַגן, ביבליאָטעקן, אַ ייִדישן טעאַטער. אין ווילנע זײַנען פאָר־געקומען אַ סך קולטור־אונטערנעמונגען. בסך הכל האָט ווילנע פאַרמאָגט

55 טויזנט ייִדן, אָבער ביי יידן איז זי פאַררעכנט געווען ווי איינע פון די וועלט־צענטערס פון ייִדישער קולטור. ס׳איז שווער אויסצורעכענען אַלץ וואָס ווילנע האָט פאַרמאָגט. ס׳איז אָבער כדאי צוצוגעבן און דערמאָנען די היסטאָריש־עטנאָגראַפישע געזעלשאַפט אויפן נאָמען פון ש. אַנסקי, מיט איר מוזיי און אַרכיוו; דעם ייוואָ־אינסטיטוט — אַ הויכער אַנשטאַלט פאַר פאָרשן יידישע קולטור און ליטעראַטור; און, פאַרשטייט זיך, אויך די מחנה ייִדישע און העברעיִשע שרייבערס. מיט איין וואָרט, אַ שטאָט מיט אַ ברויזנ־דיקן און אַקטיוון לעבן, וועמעס ליכט ס׳האָט אויסגעשטראַלט גאָר ווייט.

פאַר מיין קומען אין ווילנע, האָב איך פאַרבראַכט אַ היפּשע צייט אין פאַר־שיידענע שטעט, וואָס האָבן געשפּילט אַ ראָלע אין ייִדישן לעבן. אין זשיטאָ־מיר, ווו כ׳בין געבוירן געוואָרן, האָב איך דורכגעמאַכט מיינע קינדער־יאָרן, שפּעטער געלעבט אין קיִעוו, ווו כ׳האָב געלערנט אין גימנאַזיע. ווען כ׳בין צום ערשטן מאָל אַרויס פון זשיטאָמיר, האָט מיך פאַרכאַפּט די גרויסע שטאָט מיט איר רירעוודיקן ייִדישן לעבן. ראָוונע און קאָוונע זיינען געווען די ער־שטע שטעט אין פוילן, ווו כ׳האָב געפונען אַ ייִדישע יוגנט, אַ וואַכזאַמע צו די פּראָבלעמען פון ייִדישן פאָלק און פון דעם אַרבעטנדיקן און אונטער־דריקטן מענטש. באַזונדערס האָט זיך עס געפילט אין קאָוועל, ווו איך האָב געשטעלט מיינע ערשטע טריט אין „החלוץ״, און איר אומגעגנט. דאָ האָב איך זיך באַקענט מיט נייע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכן לעבן און דאָ האָבן זיך פאַרוועבט פערזענלעכע פעסטע חברישע פעדעם, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן לאַנגע יאָרן.

זיינען אָבער אַדורך טעג און יאָרן און די אַלע שטעט מיט מיינע איבער־לעבונגען זיינען מיט דער צייט בלאַסער געוואָרן, כמעט אַרויס פון זכרון.

גאָר אַנדערש איז מיט מיין ווילנער תקופה.

***

ווילנע מיינט טשיקאַווע ערטער און אויסטערלישע מענטשן; ס׳וואָלט פאַר־נומען צו פיל פּלאַץ אַרויסצוברענגען מיינע באַגעגענישן מיט אַט די מענטשן און די טיפע איינדרוקן וואָס זיי האָבן אויף מיר איבערגעלאָזן. וועל איך זיך באַנוגענען מיט צוויי־דריי צונויפטרעפן.

למשל, מיין באַגעגעניש מיטן „שטענדער״, מיט דער האַרטער באַנק, אויף וועלכער ביאַליק איז געזעסן, ווען ער האָט געלערנט אין וואָלאָזשינער ישי־בה. דאָרט האָט ער זיכער אויסגעפורעמט די געשטאַלט פון דעם „המתמיד״ אין זיין הערלעכער פּאָעמע.

ווי באַקאַנט, האָט וואָלאָזשין געהערט צום ווילנער קרייז — אַ שטעטל פון

בערך זעקס טויזנט איינוווינער, דאָס רוב ייִדן, און די רעשט ווייסרוסן און פּאָליאַקן. געלעבט האָט מען פון וואַלדאַרבעט, פון מילן, גאַרבעריי וכדומה. אַ שטעטעלע, ווי אַלע קליינע שטעטלעך, און פון דעסט וועגן אַ שם דבר אין דער ייִדישער וועלט. אין וועמעס זכות? אין זכות פון איר באַרימטער ישיבה „עץ חיים".

שוין ביים אָנהייב פון מיין אַרבעט אין ווילנע האָב איך געהאַט אין זינען אויסצוברייטערן די טעטיקייט פון „החלוץ" איבער אַלע שטעטלעך פון ראַיאָן, בערך 65, גרויסע און קליינע. וווּ נאָר ס'האָט זיך געפונען אַ ייִדישער ישוב, האָט ער געמעגט זיין ווי קליין, האָבן מיר געהאַלטן פאַר אונדזער חוב צו גרינדן דאָרט אַ סניף פון „החלוץ". חשק דערצו האָט אונדז ניט געפעלט, אָבער געפעלט האָבן אונדז מענטשן, דער עיקר, מיטלען.

גראָד אין יענע טעג האָבן אָנגעהויבן פונקציאָנירן אין ליטע און פוילן קאָמיטעטן פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ־ישראל. איינע פון זייערע ערשטע ממשות־דיקע אויפגאַבעס איז געווען פאַרשפּרייטן די אַקציעס פון „בנק הפועלים" — די צענטראַלע פינאַנסיעלע אינסטיטוציע פון דער באַוועגונג. ס'איז ניט לייכט געווען אַנצוגיין מיט אַט דער אַרבעט אין די שטעטלעך פון דער ייִדי־שער אָרעמקייט, כאָטש אַן אַקציע האָט באַטראָפן איין ארץ־ישראלדיקער פונט, אויסגעצאָלט אין ראַטעס. מיטן פאַרשפּרייטן די אַקציעס האָבן זיך פאַרנומען די צענטראַלע טוערס פון די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — צ. ס. און התאחדות — אין ווילנע. אין די פּאַרטיי־סניפים אין די שטעט־לעך פלעגט מען וואַרטן אויפן באַזוך פון די שליחים, וועלכע האָבן זיך ניט אַלע מאָל געקאָנט אָפּרופן אויף דער איינלאַדונג צוליב זייער פאַרנומענקייט, צוליב וואָס עס האָט באַטירלעך געליטן די גאַנצע אַרבעט.

ווי כ'האָב שוין פריִער באַמערקט, איז מיר אָנגעקומען זייער שווער מיין אַרומוואַנדערן איבער די שטעטלעך, ווייל ס'האָט מיר פּשוט אויסגעפעלט אויף הוצאות הדרך. איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק — כ'האָב דערקלערט, אַז איך בין גרייט צו פאַרשפּרייטן די אַקציעס פון „בנק הפועלים" אין די שטעטלעך. די כוונה איז געווען אויסצוניצן די דאָזיקע באַזוכן און פאַר־לייגן סניפים פון „החלוץ". מ'קען ניט זאָגן, אַז מיין פאָרשלאָג האָט אַרויס־גערופן התלהבות. אדרבא, מען איז אַרויס מיט דער טענה, אַז אויב איך וועל ניט מצליח זיין, וועל איך דערמיט באַשווערן די אַרבעט פון די צענטראַלע שליחים, ווען זיי וועלן קומען אַהין און, אַזוי אַרום, וועט פאַרלוירן גיין אַ געלעגנהייט, וואָס וועט זיך שוין מער ניט אומקערן. אַט, למשל, וואָרט וואָלאָ־זשין — האָבן זיי געטענהט — אויף אַ שליח, און די דאָרטיקע חברים האָבן זיך מתחייב געווען צו פאַרשפּרייטן פופציק אַקציעס. האָב איך מיט חוצפּה

דערקלערט: איך בין גרייט תיכף צו פאָרן קיין וואָלאָזשין און כ׳נעם אויף זיך די אחריות צו פאַרשפרייטן די פופציק אַקציעס.

קענטיק, אַז די חברים האָבן ניט געקאָנט ביישטיין מיין עקשנות און כ׳האָב באַקומען אויף הוצאות הדרך. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז אויב מיר וועט געלינגען אין וואָלאָזשין, וועט דאָס מיר עפענען אַ וועג פאַר באַזוכן אין אַנדערע שטעטלעך און דערביי גרינדן נייע סניפים פון „החלוץ״. און וויבאַלד דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן וואָלאָזשין, ווו ביאַליק האָט געלערנט, האָב איך זיך מיט דער שליחות זייער איבערגענומען.

מיין ערשטן אויפטריט האָב איך געהאַט אין שול, וואָס איז געווען געפּאַקט, אַריינגערעכנט די עזרת־נשים. לויט די קלאַנגען וואָס זיינען צו מיר דער־גאַנגען, האָב איך אויסגענומען ביים עולם. צו מאָרגנס האָב איך אָפּגעהאַלטן אַ צווייטע אסיפה, דאָס מאָל — אין דער שולע. דעם זעלבן טאָג האָבן זיך גרופּעס יוגנטלעכע און דערוואַקסענע אַרויסגעלאָזט איבער די הייזער און געשעפטן, און איך צוזאַמען מיט זיי. אַ גאַנצן טאָג, ביז שפּעט אין דער נאַכט, האָב איך אויסגעמאָסטן די גאַסן און די געסעלעך און צוגערעדט יידן צו קויפן די אַקציעס.

דעם זעלבן טאָג, ביינאַכט, האָב איך שוין געקאָנט טעלעגראַפירן צו דער צענטראַלע אין ווילנע, אַז עס זיינען שוין פאַרקויפט געוואָרן פינף און זיבע־ציק אַקציעס, אַ זאַך וואָס האָט אַרויסגערופן ניט נאָר שמחה, נאָר אויך אַ גרויסע דערשטוינונג, אַ דאַנק וואָס איך בין אַריינגענומען געוואָרן אין „פּאַנטעאָן״ פון די צענטראַלע עסקנים, וואָס ווערן דעלעגירט צו דער פּראָ־ווינץ. ס׳איז איבעריק צוצוגעבן, אַז די גאַנצע צייט האָב איך אויך ניט פאַר־געסן דעם „החלוץ״. ס׳איז פאַרלייגט געוואָרן אַ נייער און זייער טעטיקער סניף.

פאַר מיין פאַרלאָזן וואָלאָזשין האָב איך באַשלאָסן צו באַזוכן די באַרימטע ישיבה. דער ראש ישיבה האָט מיך זייער וואַרעם אויפגענומען און צוגעגעבן: „כ׳האָב געהערט דיין רעדע אין שול. אַ פיינע רעדע״. ער האָט אַרומגע־שפּאַצירט מיט מיר איבער די ישיבה־זאַלן, דערציילט וועגן די גדולי־התורה, וואָס די ישיבה האָט אַרויסגעגעבן און צום סוף האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף ביאַליקן, מיט וועלכן די ישיבה האָט שטאָלצירט. אַזוי זיינען מיר צוגעקומען צום שטענדער, ביי וועלכן ביאַליק פלעגט זיצן. „אָט דאָס איז דאָס אָרט״ — האָט דער ראש ישיבה געזאָגט — „וועגן וועלכן עס רעדט זיך אין ׳המתמיד׳:

„אם יש את נפשך לדעת את המעין
ממנו שאבו אחיך עוז ותעצומות נפש״ — — —
(אויב דו ווילסט דערקענען דעם קוואַל,

פון וועלכן דיינע ברידער האָבן געשעפּט כוח
און נשמה־גבורה).

ער האָט גערעדט רויִק און האַרציק, אַרום זיינען געשטאַנען און צוגעהערט זיך מיט ציטער די ישיבה־בחורים, ווי אויך די חברים פון „החלוץ", וואָס זיינען געשטאַנען אַרום אונדז. שפּעטער בין איך צוגעגאַנגען צום שטענדער און בין געבליבן זיצן פאַרחלומט. ס'האָט פאַר מיר אויפגעטויכט אַן עבר, ווייט פון דער ווירקלעכקייט, אין וועלכער כ'האָב געשטעקט. כ'האָב געהאַט אַ געפיל, אַז כ'האָב זוכה געווען צו אַ שעת־חסד – –

**
*

אין ווילנע האָט דאַן געלעבט דאָקטאָר יעקב וויגאָדסקי, אַ דעפּוטאַט אין פּוילישן סיים, אַ ווונדערלעכע פאָלקסטימלעכע צויבער־געשטאַלט. מיטן שטעקן אין האַנט פלעגט ער אַרומשפּאַצירן איבער די גאַסן, ווו אַלע האָבן אים געקענט און אַנטקעגנגעטראָגן דעם שלום עליכם. ער איז דעמאָלט ניט געווען יונג, אָבער פון אים האָט אַרויסגעקוואָלט יוגנטגייסט און אמונה. פאַר יעדערן האָט ער געהאַט תמיד אַ גוט וואָרט.

ער איז געווען אַ מוטיקער קעמפער פאַר יִדישע רעכט און האָט מיט דער־פאַלג געפירט וויכוחים מיט קעגנערס און שונאים, סיי אין סיים, סיי אין אַנדערע געזעלשאַפטלעכע פאָרומס; שטענדיק אַנגענומען זיך די קריוודע פון געליטענע און נויט־באַדערפטיקע. זיינע עפנטלעכע אויפטריטן האָבן גע־מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. זיי זיינען פול געווען מיט הומאָר, און אָפטמאָל אויך מיט בייסיקן סאַרקאַזם. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אים די דייטשן פאַרשיקט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, אין דייטשלאַנד, צוליב זיין עקשנותדיקן קאַמף פאַר צוטיילן שפּייז הונגעריקע און אָרעמע יידן.

מיינע באַגעגענישן מיט דאָקטאָר וויגאָדסקי זיינען געווען פאַרבונדן מיט זיין טעטיקייט אין דער יידישער קהילה, ווו מיר האָבן פאַרלאַנגט אין נאָמען פון „החלוץ" בודזשעטן און הילף פאַר דער באַוועגונג, וואָס האָט כסדר פאַר־גרעסערט די צאָל סניפים אין ווילנע און אומגעגנט. שפּעטער האָבן מיר גע־מאָנט שטחים באָדן און אַרבעטספּלעצער פאַר די הכשרה־קיבוצים. ביי ד"ר וויגאָדסקי האָבן מיר תמיד געפונען אַ וואַרעם האַרץ און ער האָט געטאָן וואָס ס'איז נאָר מעגלעך געווען אונדז אַרויסצוהעלפן.

אין יענע טעג האָבן זיך פאַרשטאַרקט די אַנגריפן פון די רעכטע קרייזן אין ציוניזם אויפן „החלוץ", און די יוסטע באַלעבאַטים זיינען אַרויס מיט אַ ריי אינסינואַציעס אויף אונדזער באַוועגונג. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט דער פירער פון „מזרחי", העשל פאַרבשטיין, וואָס איז אַרויסגעטראָטן אויפן

ציוניסטישן קאָנגרעס מיט אַ פּאַרריסענער רעדע קעגן „החלוץ" און האָט אים אָנגערופן — „קעסטקינד" פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. די אָפּקלאַנגען פון דער דאָזיקער אַטאַקע האָבן זיך נאָך געהערט אַ לאַנגע צייט, און האָבן פאַרשאַרפט די באַציִונגען צווישן די טיילן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

אָבער אין די זעלבע טעג האָבן מיר געגאַסן פון דער גאַסטפריינדלעכקייט פון ד"ר וויגאָדסקי אין זיין הויז און אין זיין ביוראָ. ער האָט געהערט צו די ליבעראַלע **ציוניסטן** און צו די „על המשמר"־לייט, אונטער דער אָנפירונג פון יצחק גרינבוים. בשעת אַ באַזוך פון אַ „החלוץ"־דעלעגאַציע ביי ד"ר וויגאָדסקי, וועלכער האָט זיך באַמיט נאָכצוקומען אונדזערע פאָדערונגען, האָבן מיר אויסגעגאָסן אונדזער ביטער האַרץ אויף די ווילדע אָנגריפן פון העשל פאַרבשטיין. ד"ר וויגאָדסקי האָט אונדז באַרויִקט און שפּעטער, ווען מיינע חברים זיינען אַוועק, האָט ער מיך געבעטן איך זאָל נאָך איבערבלייבן און ער האָט געזאָגט: „כ'האָב זיך גוט צוגעהערט און פאַרשטאַנען דיין פאַרביטערטקייט פון העשל פאַרבשטיינס אָנפאַל... זאָרג ניט, זון מיינער... לייגט ניט קיין אַכט אויף דעם... גייט אָן מיט אייער הייליקער אַרבעט, וועלכע דאָס פאָלק וועט קיין מאָל ניט פאַרגעסן... די גראַבע אָנפאַלן וועלן אָפּגעווישט ווערן פון פאָלקס זיכרון, ווי זיי וואָלטן קיין מאָל ניט געזאָגט געוואָרן..."

אין זיינע ווערטער איז געלעגן אַזאַ גרויסע דערמונטערונג, אַז ביי מיר איז גלייך פאַרשוווּנדן די גאַנצע פאַרביטערונג און אָנשטאָט איר האָב איך דערפילט פרייד און שטאָלץ.

כ'האָב אויך געזען וויגאָדסקין אין זיין קאַמף פאַר אַ יִדישע דערציִונג אין דער יִדישער שפּראַך. אין ווילנער מאַגיסטראַט האָט זיך די סאַנאַציע פאַרמאָסטן אויף דער נעץ יִדישע און העברעיִשע שולן — די פּראַכט פון דער יִדישער ווילנע. וויגאָדסקי האָט זיך אויף יענער זיצונג געווענדט צו די פּוילישע אַנטיסעמיטן מיט די פאָלגנדיקע ווערטער.

„ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט איר זוכה געווען צו זעלבשטענדיקייט און צו דעם, אַז די פּוילישע שפּראַך זאָל זיין די לערנשפּראַך אין פּוילן. אַזאַ קורצע צייט איז אַריבער און איר פאַרגעסט זיך שוין אומצובערענגען די יִדישע פאָלקסשולן און די שפּראַך פון די יִדישע פאָלקסמאַסן. צי דען מיינט איר אַז איר זייט שוין זיכער מיט אייערע דערגרייכונגען? צי זייט איר טאַקע אַזוי זיכער, אַז ס'וועט ניט קומען קיין צייט, ווען אייערע שולן און די פּוילישע שפּראַך וועלן שטיין אין געפאַר און וועלן דאַרפן פאַרטיידיקט ווערן? כ'פאַרזיכער אייך, אַז אויב ס'וועלן קומען שווערע טעג פאַרן פּוילישן פאָלק, וועלן מיר, יִדן, שטיין ביי אייער זייט אין אייער נאַציאָנאַלן קאַמף".

אַ שווערע שטילקייט האָט אַרומגענומען דעם זאַל נאָך וויגאָדסקיס רייד און די פאַרשטייער פון דער פוילישער רעאַקציע האָבן מיט חרפה אַראָפּגעלאָזן די קעפּ.

אין דער צווייטער וועלט־מלחמה בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע, האָט ד״ר וויגאָדסקי געפירט דעם קאַמף פון זיינע ברידער יידן אין ווילנער געטאָ מיט אַ סך דרייסטקייט און מוט, ווי זיין שטייגער איז געווען, ביז די דייטשן האָבן אים איינגעזעצט אין לוקישקער תפיסה, ווו ער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה.

דאָס איז געווען איינע פון די ליכטיקסטע געשטאַלטן, וואָס דער חסד פון מיין באַגעגעניש מיט אים וואַרעמט נאָך מיין האַרץ ביזן היינטיקן טאָג.

***

רבי ישראל מאיר הכהן, וועלכער איז באַקאַנט געווען ווי דער „חפץ חיים״, האָט זיך לכתחילה מפרנס געווען פון אַ קליין געוועלב, וואָס זיין פרוי האָט געפירט, בעת ער אַליין האָט עוסק געווען אין תורה און צרכי ציבור, און ווי אַ לערער און מחבר פון ספרים. ער איז באַקאַנט געווען ווי אַ גאון און אַ ראש ישיבה. אָבער אַ דאַנק זיין פּערזענלעכקייט און זיינע מעשים, איז ער שוין ביי זיין לעבן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעגענדע ביי די יידישע מאַסן. אין ראַדין האָט ער פאַרלייגט אַ ישיבה, וואָס איז מיט דער צייט אויסגעוואַקסן צו איינער פון די גרעסטע און באַוווסטסטע ישיבות אין ליטע. ער איז געווען איינער פון די גרינדערס פון „אגודת ישראל״ און האָט אין 1923 געעפנט דעם ערשטן כינוס פון דער דאָזיקער באַוועגונג אין ווין.

כאָטש ער האָט געשטרעבט עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל, האָט ער זיך אָפּגעגרענעצט פון דער „חיבת־ציון״־באַוועגונג און פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, צוליב זייער וועלטלעכן כאַראַקטער, און האָט שאַרף אָנגעגריפן דעם נייעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל צוליב דער זעלבער סיבה. זיין איינפלוס איז געווען גרויס און האָט געגרייכט ווייט איבער ראַדין.

זינט דעם טאָג, ווען כ׳האָב באַטראָטן די ווילנער ערד, האָב איך ניט אויפֿגעהערט צו טראַכטן וועגן אַ באַגעגעניש פּנים אל פּנים מיטן „חפץ חיים״ און געשטרעבט אויפצושטעלן אַ סניף פון „החלוץ״ אין ראַדין גופא.

אין אַ געוויסן טאָג בין איך טאַקע געקומען קיין ראַדין. געווען איז דאָס דער טאָג, ווען ס׳איז געעפנט געוואָרן דער העברעיִשער אוניווערסיטעט אויפן הר הצופים אין ירושלים מיט דער באַטייליקונג פון חיים ווייצמאַן, ביאַליק, לאָרד באַלפור און אַנדערע. אין דער גאַנצער יידישער וועלט איז דער דאָזיקער טאָג אָפּגעצייכנט געוואָרן ווי אַ גרויסער יום טוב. איך האָב באַשלאָסן:

איך גיי גלייך צום „חפץ חיים".

חברים האָבן מיך אָנגעקוקט דערשטוינט: ווייסטו דען ניט, אַז ניט יעדערער קען אַריינגיין צום גאון און אַז בלויז יחידי סגולה זיינען צו דעם זוכה? און דאָס אויך — ניט אין דער וואָכן, נאָר יום טוב...

„יום טוב"? היינט איז דאָך יום טוב!" — האָב איך געענטפערט — "און איך, אַ מענטש פון 'החלוץ', צי בין איך דען דאָ ניט ווי אַ שליח פון ארץ־ישראל?"

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָרט, אין הויף פון „חפץ חיים", האָט גע־הערשט אַ ביוראָקראַטיע און אַ פּראָצעדור, ווי אין אַן אַנדער מלכות. אָבער מיין עקשנות איז דעמאָלט אויך געווען גרויס. כ'האָב איינגעטענהט מיט דעם גאונס פרוי, מיט זיינע איידעמס, מיטן ראש ישיבה און די גבאים, כ'האָב געדריקט אויף זיי זיי זאָלן מיר העלפן, מיר, דעם שליח פון ארץ־ישראל, ברענגען אַ ברכה דעם גאון אינעם טאָג פון דער דערעפענונג פונעם אוניווער־סיטעט, וואָס איז אַ גרויסער יום טוב פאַר אַלע ייִדן אין דער וועלט. און אַ פאַקט איז, אַז כ'האָב ביי זיי געפועלט: איינער פון די גבאים האָט מיך אַריינ־געפירט אין אַ קליינעם טונקעלן חדר, וואָס זיינע אַלע ווענט זיינען באַדעקט געווען מיט ספרים. כ'האָב דערזען דאָרט זיצן אַ נידעריקן מאַן, איבערגע־בויגן איבער אַ גרויסער גמרא. דאָס איז געווען דער „חפץ חיים" בכבודו ובעצמו.

אויף מיין „שלום עליכם" האָט ער מיר ניט גלייך געענטפערט. ער איז געווען פאַרטיפט אין דער גמרא. ערשט ווען ער האָט געענדיקט עוסק זיין אין דער סוגיה, מיט וועלכער ער איז פאַרנומען געווען, האָט ער אַ קער געטאָן זיין פּנים צו מיר, און איך האָב אָנגעהויבן דערציילן, אויף אַ הויכן קול, וועגן דער באַדייטונג פון דאָזיקן טאָג, אין וועלכן ס'עפנט זיך אַ גרויסע אכסניה של תורה פאַרן ייִדישן פאָלק אין ירושלים, און כ'האָב שטאַרק גע־רירט, פאַרענדיקט: „עם ישראל חי!"

שטיל, שטיל האָט דער „חפץ חיים" געענטפערט: „אם ירצה השם" — און האָט זיך אומגעקערט צו זיינע ספרים.

כ'בין געבליבן שטיין נאָך אַ מינוט, אָדער צוויי, אָבער די שטילקייט האָט אָנגעהאַלטן ווייטער. דער גבאי האָט מיר אַ ווונק געטאָן און כ'האָב גענומען אַרויסגיין, ניט ווויסנדיק צי מיין באַזוך איז דעם גאון געווען צום האַרצן, אָדער פאַרקערט. אין דרויסן זיינען געשטאַנען חברים פון דער באַוועגונג און נאָך אַ פּאָר צענדליק ייִדן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין וווּנדערן אויפן וויזיט פונעם ארץ־ישראלדיקן שליח ביים גאון אין אַ וואָכעדיקן טאָג. אַ צייט, אַ צייט שפּעטער, האָב איך זיך נאָך אָנגעטראָפן אויף אָפּקלאַנגען פון

אַט דעם באַזוך (מענטשן האָבן אים צוגעגעבן פאַרשיידענע פּירושים), וואָס האָט פאַר מיר געעפנט ניט איין טיר.

***

קרוב צווי יאָר בין איך אַנגעגאַנגען מיט מיין טעטיקייט אין ווילנע, און ביזן היינטיקן טאָג דערמאָן איך זיך אין דער דאָזיקער תקופה, ווי אין איינער פון די ליכטיקסטע און אינטערעסאַנטסטע אין מיין לעבן.

פון דער ווייטער פאַרגאַנגענהייט גייט אויף פאַר מיר די געשטאַלט פון ווילנע ווי אַ באַצויבערנדיקע דערינערונג — אירע גאַסן און זאַווליקעס, איר שולהויף און אירע בתי־מדרשים, אירע ייִדן און אירע מענטשן, איר גייסט און איר קולטור, איר פאָלקסטימלעכקייט און נאָבלקייט — ווי אַ כישוף־וויזיע, וואָס פאַרקלעמט דאָס האַרץ מיט גרויס בענקשאַפט נאָך איר — אַ וווּנדערלעכע לעבנס־דערשיינונג, וואָס איז געווען און איז מער ניטאָ — —

דער מאַן מיטן בוך און מיטן בלום

דער שמועס אין שטאַטגאַרטן אין וואַרשע האָט זיך געצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט, אין יענע שעהען, קומט מיר אויס, האָב איך שוין געפילט פאַר־הוילענע פעדעם, וואָס ציִען זיך צווישן דעם מאַן, פון מיין רעכטער זייט, וואָס איז געקומען אין שפּיץ פון אַ דעלעגאַציע פון ארץ־ישראל צום „החלוץ" אין פּוילן, און מיר, אַ יוגנטלעכער, וועלכער האָט פאַרבונדן זיין גורל מיט דער יידישער רענעסאַנס־באַוועגונג, און וואָס זוכט זיין וועג אינעם לאַבירינט פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, וואָס איז צעשפּליטערט צווישן געזעל־שאַפטלעכע און פּאָליטישע כוחות און באַגריפן. די צייט — סוף 1923 און אָנהייב 1924, ווען דער שטעמפּל פון בלוט און פון פייער פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע ברענען נאָך אין די לייבער און נשמות פון פעלקער און מדינות.

געהייסן האָט דער ייִד יצחק טאַבענקין, און איך זיץ און הער זיך צו מיט אָנגעשפּאַנטקייט צו דער שפע פון זיינע רייד. ער איז נאָך יונג, ביי די פולע כוחות, ברויזט מיט לעבן און קוואַלט מיט חכמה. אין איין האַנט האַלט ער אַ בוך, און אין דער צווייטער — אַ בלום. איך האָב ממש געפילט, מיט אַלע חושים, ווי איך בינד זיך צו צו דער געשטאַלט; כ'האָב נאָך אָבער ניט גע־ווּסט, אַז דער דאָזיקער בונד וועט אָנהאַלטן צענדליקער יאָרן און וועט זיך ציִען ביז דעם מאָמענט ווען כ'וועל שטיין ביים בערגל ערד און קופּע בלומען, וואָס דעקן צו זיין לעצטן רופּלאַץ, צווישן די רייען ציפּרעסן, ביי די ראַנדן פון עין־חרוד, און דאָס האַרץ כוואַליעט זיך פון אַ מין דאַנקבאַרקייט צו אים, וואָס איז אוממעגלעך אויסצודריקן.

אין וואַרשע איז דעמאָלט פאָרגעקומען די באַגעגעניש פון דער „דרור"־גרופּע מיט דער הסתדרות־דעלעגאַציע. אַ סך חברים פון דער גרופּע, וואָס זיינען געקומען פון רוסלאַנד, זיינען געווען פון וולאַדימיר (וול) זעליקינס תלמידים, וועלכע ער האָט דערצויגן אין רוסלאַנד אויף הערצלס ירושה, אַ דערציִונג וואָס האָט זיך באַמיט אויספאָרמירן אַ טיפּ פון אַ מענטשן, וואָס קעמפט פאַר זיינע פּרינציפּן און איז זייער מאָראַליש אין זיין אויפפירונג. ער איז געווען אַ זעלטענע איינפלוסרייכע פּערזענלעכקייט מיט אַ מאַגנעטישן

כוח, און ער האָט דאָס איינגעפלאַנצט אין אונדזערע נשמות דעם אומרו און די שטרעבונג צוזוּיפצוּוואַקסן מיט אַן אידעע, וואָס וועט עפּענען פאַר אונדז דעם וועג פון דינען דעם פאָלק און די באַוועגונג מיט אַלע כוחות. אין האַרצן האָט אונדז געגריזשעט אַן אומצופרידנקייט פון דעם דעמאָלטיקן פּרצוף פונעם ציוניזם, וואָס האָט ניט געפאָדערט פון זיינע אָנהענגער קיין אָנשטרענגונגען און קיין קרבנות, ווי דער שטייגער איז פון יעדער קעמפנ־דיקער באַוועגונג. ניט ווּיסנדיק ווי אַזוי דאָס צו דעפינירן, האָבן מיר גע־שטרעבט צו אַן אַנדערן ציוניזם, אַן אמתדיקערן, אַ פרישערן, און אַ מער פאָדערנדיקן.

אפשר בין איך פאַרכאַפּט געוואָרן פון טאָבענקינס פערזענלעכקייט אויך צוליב דעם, ווייל ער האָט מיך דערמאָנט אין זעליקינען — און ניט בלויז מיט זיין פילזייטיקן אינטעלעקטועלן ניוואָ, נאָר אויך מיט זיין פעיִקייט אויס־צוהערן יעדן איינעם, ווי יונג ער זאָל ניט זיין. די דאָזיקע פעיִקייט האָט דיך אָנגעשטעקט מיט אַ געפיל, אַז דו ביסט אַ שותף צו אַ וויכטיקן און דעצידירנדיקן שמועס, וואָס וועט משפיע זיין אויף דיין ווייטערדיק לעבן.

די דאָזיקע שמועסן האָבן טאַקע דעצידירט אין אונדזער לעבן. צו גלייך מיט מיר זיינען אויך די איבעריקע חברים פון „דרור" אַנטציקט געוואָרן מיטן נייעם וועג און מיטן לעבן וואָס געשטאַלטיקט זיך אין ארץ־ישראל, פון וועלכן מיר האָבן געהערט ניט נאָר בשעת די אָפיציעלע באַגעגענישן און די אָפּהאַנדלונגען, וואָס פלעגן געפירט ווערן אין צענטער פונעם „החלוץ", נאָר אויך פון דעם וואָס חברים האָבן דערציילט וועגן טרומפּעלדאָרן און תל־חי, וועגן דער הסתדרות און אירע שאַפער, וועגן דער נויט אין עין־חרוד, נאָך דער שפּאַלטונג אין גדוד, און וועגן דער שפּאַנונג, מיט וועלכער חברים וואַר־טן אויף נייע מענטשן, וואָס וועלן קומען פון „החלוץ".

צו יענער צייט האָב איך קאָנצענטרירט דעם „החלוץ" אין ווילנע און אומגעגנט, און קיין וואַרשע בין איך געקומען ווי זייער אַ פאַרשטייער צו דער זיצונג פון „החלוץ"־צענטראַלע, ווו ס'איז פאָרגעקומען די באַגעגעניש מיט דער דעלעגאַציע פון ארץ־ישראל. נאָך דער אָוונט־זיצונג, וואָס האָט זיך פאַרצויגן שפּעט, האָט טאָבענקין געוואָלט דורכגיין זיך אַ ביסל און כאַפּן פרישע לופט, זיינען מיר אַוועק צום שטאָטגאָרטן. כ'געדענק היינט ניט ווי אַזוי איך בין אַרויס מיט אים צוזאַמען. ער האָט אַרויפגעוואָרפן זיין פּידזשאַק אויף די אַקסלען, גענומען אַ בוך אונטערן אָרעם, אַרויסגעצויגן אַ בלום פון אַ וואַזע, און מיר זיינען אַרויס אין דרויסן.

אַזוי ווי ער האָט געוווּסט, אַז איך בין געקומען פון ווילנע, האָט ער מיך באַשאָטן מיט שאלות וועגן „ירושלים דליטא", וואָס איז באַרימט געווען ניט

בלויז ווי אַ גרויסע ייִדישע שטאָט, מיט באַקאַנטע למדנים, נאָר אויך מיט דער פאַרצווייגטער טעטיקייט פון דער קהילה, וואָס האָט אויסגעהאַלטן ייִדי־שע און העברעיִשע שולעס, אַ טעכניקום, אַ געזעלשאַפטלעכע ביבליאָטעק און געפירט אַ מאַסיווע קולטורעלע אַרבעט. כ'האָב אים געבראַכט ביישפּילן פון ווילנער קערנדיקן ייִדיש און אַפילו אַ בינטל כאַראַקטעריסטישע קללות, וועלכע כ'האָב צונויפגעזאַמלט אויפן מאַרק.

ווען מיר זיינען אַריין אין שטאָטגאָרטן און האָבן זיך אָוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, האָב איך גענומען שטעלן שאלות, און איך האָב אַזוי אַרום זוכה געווען הערן אַ לענגערע צייט פון דעם, וואָס עס קומט פאָר אין לאַנד. דעמאָלט איז ביי מיר צייטיק געוואָרן דער באַשלוס ניט צו פאַרהאַלטן זיך לאַנג אין פּוילן און וואָס שנעלער עולה צו זיין.

ווען מיר האָבן זיך צעשיידט האָט שוין געהאַלטן ביי טאָגן.

מיט דער צייט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען בלויז די ערשטע באַגעגעניש, וואָס האָט געפירט צו אַן אַ שיעור באַגעגענישן, וואָס האָבן, פאַקטיש, געשאַפן איין כסדרדיקן, אומאויפהערלעכן לעבנס־פּאַרקער. אויב איר ווילט, זיינען זיי פאַר מיר געווען מיין איינציקער טעאָרעטישער סעמינאַר, אַ פּערמאַנענטער סעמינאַר, אין וועלכן כ'האָב זוכה געווען אין פאַרעם פון שמועסן, באַראַטונגען, באַמערקונגען וועגן פּראָבלעמען און אָפּ־שאַצונגען פון אומשטאַנדן, וואָס האָבן, צוזאַמענגענומען, געשאַפן אַ לעבנס פילאָזאָפיע, וואָס האָט באַאיינפלוסט אונדזער לעבנס־שטייגער אין לאַנד.

פון די ענינים וואָס זיינען אַרומגערעדט געוואָרן יענע נאַכט, האָט ער איינעם פון זיי אַקצעפּטירט — גרינדן עליה־קיבוצים, צווישן זיי דער קיבוץ „הכובש", ווו כ'בין געווען אַ חבר און איינער פון זיינע איניציאַטאָרן, און מיט וועלכן כ'האָב עולה געווען ניט לאַנג נאָך דעם.

קומענדיק אין לאַנד, האָבן מיר זיך געפונען אין פּתח־תקווה, אין דער „אם המושבות", וועלכע האָט דעמאָנסטרירט פאַר אונדז די ברוטאַלקייט און די אכזריות פון לעבן אין יענער צייט. אַן אכזריות וואָס האָט צעדרוזגעט אַ גרויסן טייל פון אונדזער נאַיִווער אמונה און האָט צעשמעטערט ניט ווייניק האָפענונגען און אילוזיעס. ס'האָט ניט לאַנג גענומען ביז מיר זיינען אַריינ־געטאָן געוואָרן אין ברען פונעם קאַמף פאַר ייִדישער אַרבעט, וואָס איז אייגנט־לעך געווען אַ קאַמף פאַר עקזיסטענץ.

וועגן דעם וואָס עס איז פאַרגעקומען אין יענע טעג וועט איר זיך דער־וויסן פון ווייטערדיקע זייטלעך פון בוך, ס'איז אָבער כדאי צו דערמאָנען, אַז דאַן האָט זיך צווישן די פּלוגות און אַ סך קיבוצים, צעשפּרייטע איבערן גאַנצן לאַנד, גענומען אויסקריסטאַליזירן דער געדאַנק וועגן שאַפן דעם קי־

בוץ המאוחד; דער געדאַנק וואָס איז אָפיציעל אָקצעפּטירט געוואָרן אויפן גרינדונגס־ראַט אין עין־חרוד אין 1927טן יאָר. מיר, חברים פון הכובש, האָבן זייער אַקטיוו מיטגעהאָלפן ביים גרינדן די אַלגעמיינע קיבוצישע באַוועגונג, אין וועמעס ראַם מיר זיינען טעטיק געווען דאָס גאַנצע לעבן, עד היום.

כ׳בין אָבער פאַרלאָפן פאַרויס; איך דאַרף נאָך דערציילן וועגן אונדזער מחנה אין פּתח־תקוה, וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע רייען פּאַלאַטקעס און איין, אָדער צוויי, באַראַקן, ביים ראַנד פון דער מושבה, צוזאַמען מיט מחנות געצעלטן פון אַנדערע קיבוצים. ווי געזאָגט, איז דאַן געווען אַ תקופה פון אַרבעטסלאָזיקייט און הונגער, און, אין די קריזיס־שעהן, האָבן צווישן די צעלטן געבלאָנקעט אַנטוישונג און פאַרצווייפלונג, און דאָ און דאָרט זיינען מענטשן אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס פון דער „פּראַקציע״, די פּ. ק. פּ. (פּאַלעסטינער קאָמוניסטישע פּאַרטיי), יענע געמיינע קאָמוניסטישע פּאַר־טיי, וואָס האָט זיך מיט דער צייט פאַרבונדן מיטן מופטי און מיט אַלע אַנטי־סעמיטן.

אין די אומטעטיקע הושכדיקע טעג פלעגן מיר וואַרטן אויף אַ באַזוך פון אברהם הערצפעלד און נאַטע הרפז, פון מרכז החקלאי, כדי צו ברענגען פאַר זיי אונדזער פאָדערונג אויסצובעסערן דעם מצב אין מחנה, און כאָטש טייל־ווייז באַרייכערן די באַשפייזונג, וואָס לויט די הייגיענישע באַגריפן, רופט מען דאָס אָן — אונטערדערנערונג. הערצפעלד איז, ווי געוויינלעך, געווען אָפּטי־מיסטיש געשטימט, אונטערגעזונגען אַ חסידישן ניגון און האָט פאַרזיכערט, אַז „ס׳וועט זיין גוט, ס׳וועט זיין גוט״; אָבער נאַטע האָט קיין סך ניט גערעדט, ער פלעגט נעמען אויף זיך די אויפגאַבע צו באַגעגענען זיך מיט די פויערים און די אייגנטימער פון די פּרדסים כדי צו קריגן ביי זיי אַ ביסל אַרבעט — און מיט אַלע הילף־אינסטיטוציעס, כדי צו באַקומען אַ „גמילות חסד״ אָדער אַ קליינע הלוואה.

אין די ערשטע טעג האָט מיר נאַטע אויסגעזען ווי אַ טשודאַק. ער איז לחלוטין ניט ענלעך געווען צו דעם טיפּ פון אַן „אַרבעטער־טוער״, צו וועל־כן מיר זיינען געוווינט געווען. ביז דו האָסט אים ניט דערקענט, האָסטו גע־מיינט אַז ער איז אַ פּשוטער ייִד. קורץ און דאַר — „אַ ייִד פון אַ גאַנץ יאָר״; אָבער ווען דו האָסט אים דערקענט נאָענט און האָסט זיך דערוווּסט, אַז ער האָט אַ מישפּחה אין מושבה און אַ בעקעריי, איז אוממעגלעך געווען ניט צו באַוואונדערן זיינע אייגנשאַפטן, וואָס אַ דאַנק זיי איז ער דערגאַנגען צו זיין ראַלע — מיט לייב און לעבן ברענגען הילף און שטיצע פאַר די וואָס נייטיקן זיך אין דעם.

זיי פלעגן ברענגען אין מחנה די מאַטעריעלע הילף, נאָר ווען טאַבענקין פלעגט קומען, האָט ער מיטגעבראַכט די גייסטיקע הילף; און מיר פלעגן דערשפירן דעם זין פון דער נויט און פּיין וואָס מיר שטייען אויס. ניט לייכט איז געווען צו באַשטימען וועלכע הילף איז וויכטיקער, מסתמא זיינען ביידע מינים שטיצע געווען גלייכווערטיק, ווייל זיי זיינען צוגעטראָגן געוואָרן פון מענטשן וואָס גלייבן אין זייער אידעע און זיינען גרייט מקריב צו זיין זיך פאַר איר.

**
*

עטלעכע וואָכן נאָך דער גרינדונגס־באַראַטונג פונעם קיבוץ המאוחד אין עין־חרוד פלעג איך שטיין אַ באַרוועסער אין אַ פּרדס פון כפר־סבא, מיט פּאַר־קאַשערטע הויזן און מיט אַ טוריה אין האַנט. איך פלעג וועסערן די ציטרוס־ביימער און פירן דעם וואַסערשטראָם צו די „צלחות" (גראָבנס) פון די ביי־מער דורך ערד־קאַנאַלן. ס'איז מיטאָגצייט, און איך בין פאַרטאָן אין מיין אַרבעט אין שאָטן צווישן די געדיכטע ביימער, וואָס זייערע צווייגן דערגרייכן דעם באָדן. כ'בין געווען אַ ביסל מיד, נאָר דער מוח איז פאַרטאָן אין פאַר־שיידענע מחשבות. אַזוי ווי דאָס איז געווען ניט לאַנג נאָך דער באַראַטונג אין עין־חרוד, האָב איך זיך דערמאָנט אין דעם וויכוח און אין טאַבענקינס דאָמינירנדיקער געשטאַלט, וועמעס רייד עס זיינען אָנגענומען געוואָרן ווי די „פּראָגראַם" פונעם קיבוץ המאוחד און האָבן געעפנט פאַר אונדז נייע האָריזאָנטן.

פּלוצעם האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון מיינע מחשבות. פון ערגעץ־ווו האָט זיך דערטראָגן: „באַנקאָווער! באַנקאָווער! ווו ביסטו?"

כ'האָב דערקענט דעם קול פון פּרדסן און כ'האָב זיך הויך אָפּגערופן.

„מ'זוכט דיך אַרום", האָט ער צוריקגעשריִען, „עמעצער וויל דיך זען".

ער איז באַלד צוגעקומען אין דער באַגלייטונג פון אַ הויכן בחור, אין ברילן, מיט אַ פּליך וואָס ציט זיך כמעט ביזן נאַקן. כ'האָב גלייך דערקענט אַז דאָס איז גרשון אָסטראָווסקי, די העכסטע אינסטאַנץ פון קיבוץ — ער פאַר־מולירט זיינע געדאַנקען, קאָאָרדינירט זיין טעטיקייט, און איז בכלל זיין לעבעדיקער גייסט.

כ'בין געווען פאַרוואונדערט: וואָס פאַר אַ געשעפטן האָט ער מיט מיר, אַז ער זאָל קומען אַהער, אין מיטן טאָג, אין אַזאַ ווייטן פּרדס?

„ענדיק, ענדיק דיין אַרבעט... כ'וועל דיר ניט שטערן", האָט זיך גרשון אָנגערופן צו מיר, ווען ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און אָפּגעווישט דעם שווייס פון זיין פּליך. דער פּרדסן האָט אונדז אָנגעקוקט פאַרהידושט, נאָר

הערנדיק גרשונס רייד, האָט ער זיך באַרויִקט און איז אַוועק.

„וואָס איז געשען?" האָב איך אַ פרעג געטאָן.

„ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אַז דו זאָלסט ווערן דער מזכיר פון קיבוץ המאוחד", האָט ער גלייך געענטפערט. „באַנאַנד, דו און יעקב אשד, וועט איר אויספירן די אַרבעט. אמת, איר זייט ביידע פון רמת הכובש, נאָר ס'מאַכט ניט אויס... (אשד, וואָס האָט דאַן געהייסן אייזענבערג, איז שפּעטער אַריבער קיין עין־חרוד). איך וועל נאָך זיין מיט אייך אַ געוויסע צייט און אייך העלפן אַריינגיין אין דער אַרבעט, דערנאָך וועט איר זיך אַן עצה געבן אייגע אַליין... וואָס עס זאָל ניט זיין, מוזסטו גלייך צוטרעטן צו דער אַרבעט"...

„איך פאַרמאָג דאָך אָבער ניט די נייטיקע צוגרייטונג צו דעם", האָב איך זיך געפּרוּווט פאַרטיידיקן.

„וואָס פאַר אַ צוגרייטונג?.. די צוגרייטונג וועסטו באַקומען ביי דער אַרבעט, פון דערפאַרונג... און צווייטנס — דאָס איז אַ באַשלוס פון דער באַ־וועגונג", האָט גרשון אויסגעפירט, און איך האָב פאַרלאָרן ס'לשון.

צו מאָרגנס בין איך שוין געווען אין וועג צו מיין נייער ראָל. דער צענ־טער פון קיבוץ איז דעמאָלט געווען אין עין־חרוד, און די אַרבעט צווישן מיר און אשדן איז איינגעטיילט געוואָרן אויף אַזאַ אופן: אשד איז געזעסן אין עין־חרוד, האָט אָנגעהאַלטן קאָנטאַקט מיט די פּלוגות און מיט די קיבוצים, האָט אַרויסגעגעבן די צייטשריפט פון דער באַוועגונג, וואָס איז מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם „צרור מכתבים" (בינטל בריוו), ווו ס'זיי־נען פאַרעפנטלעכט געוואָרן בריוו פון די פונקטן גופא, די ראַפּאָרטן וועגן די באַזוכן פון די אַקטיוויסטן אין די פּלוגות און אינסטיטוציעס, און פון מאָל צו מאָל נאָטיצן וועגן די שטימונגען פון חברים.

מיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין אַרומפאָרן פון אָרט צו אָרט, טרעפן זיך מיט חברים, איבערגעבן זיי די נייעס פון די קיבוצים, אויסהערן זייערע פּראָבלעמען, צוגעבן מוט און צוהעלפן מיט אַן עצה. די גאַנצע צייט בין איך געשטאַנען אין כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט טאַבענקינען, וועלכער האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין געלעגנהייט צו באַגעגענען זיך מיט אונדז, כדי צו דערוויסן זיך וואָס עס קומט פאָר אין יעדן קיבוץ און פּלוגה. ער איז פּעיִק געווען צוצוהערן זיך אַקטיוו, אויסצופרעגן און אַריינדרינגען אין די וואָרצ־לען פון די שאלות און פּראָבלעמען.

צייטנווייז פלעגט טאַבענקין מיטפאָרן מיט מיר באַזוכן די פונקטן, ווו דער מצב איז קאָמפּליצירט געוואָרן און די שווערע שטימונג האָט ניט נאָכגעלאָזט. אין אַזעלכע באַזוכן האָב איך זיך צוגעקוקט צום אייגנאַרטיקן כאַראַקטער פון זיין באַציִען זיך צו מענטשן, צום „טאַבענקין־סטיל", וואָס

באַצוועקט שאַפן אַן אוממיטלבאַרע קאָמוניקאַציע מיט מענטשן.

אין די פּלעצער וואָס מיר האָבן וויזיטירט פּלעגן מיר צו ערשט אָפּהאַלטן אַ זיצונג מיט דער מזכירות, און דערנאָך, אין אָוונט, דורכפירן אַן אַלגעמיי־נע פאַרזאַמלונג ביז שפּעט אין דער נאַכט. נאָך דער פאַרזאַמלונג פּלעגט זיך אָנהייבן „דאָס נאַכט־לעבן": טאַבענקינס שמועסן מיט חברים און חברטעס, מיט די נאַכטוועכטער, וועלכע פּלעגן פון צייט צו צייט אַריינגיין אין עס־צימער, מיט אַ חברטע, וואָס האָט אויסגערעדט פאַר אים איר ביטער האַרץ, מיט אַ חבר וועלכן ס׳מאַטערן געוויסע ענינים. אַ מאָל פּלעגט מען באַהאַנדלט ענינים פון קיבוץ אָדער פון דער פּאַרטיי. אין סך הכל אָבער זיינען דאָס געווען פּערזענלעכע באַגעגענישן מיט מענטשן, וואָס טאַבענקין האָט געדענקט זייערע ענינים און זייערע נעמען, און די אַלע האָבן טאַבענקינען באַטראַכט ווי אַ פריינד, אָדער אַ ברודער, וואָס פאַרשטייט זייערע געפילן און געמיט.

ניט איין מאָל האָט מיך פאַרוווּנדערט די דאָזיקע אייגנשאַפט ביי טאַ־בענקינען; פון וואַנעט שעפּט ער כוחות אַנצוהאַלטן אַזאַ קאָנטאַקט מיט מענ־טשן? ווען כ׳האָב אים געשטעלט די שאלה, האָט ער מיר געענטפערט, אַז פון זיינע באַציִונגען מיט חברים און חברטעס שעפּט ער פאַר זיך מוט און כוח. „ווען דו דערקענסט מענטשן פון דער נאָענט" — האָט ער געענטפערט — „ערשט דערקענסטו די באַוועגונג, וואָס זיי זיינען אירע חברים".

דאָס וואַנדערן פון אָרט צו אָרט איז געווען אַ שווערע און אויסשעפּנ־דיקע אַרבעט; און ווען כ׳פּלעג זיך דערפילן אויסגעשעפּט גייסטיק און פיזיש, פּלעג איך קומען צו טאַבענקינען דערציילן פון מיינע שוועריקייטן. נאָך יע־דער שמועס פּלעג איך זיך אומקערן צו דער אַרבעט מיט באַנייטע כוחות.

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, האָט אויף אַ זיצונג פון קיבוץ־סעקרע־טאַריאַט דערקלערט גרשון אָסטראָווסקי, אַז ס׳איז שוין די העכסטע צייט ער זאָל זיך אומקערן צו פעלד־אַרבעט, ווייל באַנקאָווער און אשד קענען זיך שוין באַגיין אָן אים. באַנקאָווערס אַרבעט איז אַבסאָלוט אַ פּאָזיטיווע, כאָטש ער, גרשון, האַלט, אַז די פּראָפּאָרץ פון די באַזוכן אין די קיבוצים און פּלוגות איז ניט קיין ריכטיקע — מ׳דאַרף מערער וויזיטירן די פּלוגות. „די פּראָבלעמען זיינען דאָרט אַ סך שווערערע ווי אין די קיבוצים, און זיי נייטיקן זיך מע־רער אין עצות און אינסטרוקציעס ווי דער קיבוץ".

אַלס קיבוצים זיינען פאַררעכנט געווען דעמאָלט עין־חרוד, תל־יוסף, איילת־השחר, כפר־גלעדי און גשר (אשדות־יעקב), וואָס האָט געשטעלט די ערשטע טריט ווי אַ משק און די עיקר־הכנסה איז באַשטאַנען פון דער אַרבעט ביים בויען די עלעקטרישע סטאַנציע אין נהריים.

די פּלוגות זיינען דאָס רוב געווען אין די מושבות, האָבן זיך אויסגע־

האַלטן פון דרויסנדיקער אַרבעט און האָבן געוואַרט אויף זייער ריי אַרויפ־צוגיין אויפן באָדן. צווישן זיי זיינען געווען גיבעת־השלושה, גיבעת־ברענער, הכובש, רמת־רחל, די פּלוגה פון הרצליה (שפיים), די פּלוגה פון עין־טיבעון (האָט זיך פאַראייניקט מיט אשדות־יעקב), און נאָך אַנדערע.

אמת, דער מצב אין די קיבוצים איז געווען פאַרהעלטנישמעסיק אַ בעסערער. די חברים האָבן באַקומען פלייש איין מאָל אַ וואָך, און צייטנווייז צוויי מאָל, אין דער צייט ווען די חברים פון די פּלוגות האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון הונגער, און זייער שפּייז איז באַשטאַנען פון רעטעך, חצילים, זיתים און אַ ביסל ציבעלעס צו באַווירצן זייער אָרעם שטיקל ברויט, און ווען־ניט־ווען אויך מיטן איבערגעפּרעגלטן בוימל, וואָס איז פאַרבליבן אין די סקאָוואָראָדעס...

ס׳איז אויך אמת, אַז דער גאַנצער בודזשעט פון קיבוץ־סעקרעטאַר איז באַשטאַנען פון אַ באַנבילעט צווישן עין־חרוד און צמח, און עטלעכע גראָשן כדי אָנצוקומען אין די פּלעצער וווּ די באַן דערגייט ניט. עסן האָט ער גע־דאַרפט אין די ערטער וווּהין ער איז אָנגעקומען. צי דען איז מען מיך חושד, אַז צוליב דערנערונגס־מאָטיוון באַזוך איך אָפטער די קיבוצים ?

אַ צעקאָכטער בין איך געוואָרן. אָבער אַזוי ווי כ׳האָב שוין פון לאַנג געוואָלט פּטור ווערן פון גרשונס „אַפּוטרופּסות״, האָב איך פאַרטייטשט מיין „וויזיט־פּאָליטיק״ אין די משקים און אין די פּלוגות. נאָך מיר האָט געגומען אַ וואָרט טאַבענקין. אַנאַליזירנדיק די פּראָבלעמען פון די קיבוצים, האָרט ביי זייער אַנטשטיין, מיט די קליינע און באַגרענעצטע בודזשעטן, האָט ער אונטערגעשטיצט מיין דעה. ער האָט דערקלערט, אַז אין אַזוינע פאַלן איז די הילף פון קיבוץ אַ מער ממשותדיקע, אין דער צייט, ווען די פּראָבלעמען פון די פּלוגות זיינען מיר ניט בכוח צו לייזן.

אויף די זיצונגען פון מזכירות פלעגן מיר פריִער אויסהערן די באַריכטן פון הסתדרות. איין מאָל האָב איך איבערגעגעבן וועגן אַ פאַרהאַנדלונג איבער דער דערציִונגס־פּראָבלעם פון דער אַרבעטער־ריכטונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין ועד הפועל און וועגן די מיינונגען וואָס זיינען דאָרט אַרויס־געזאָגט געוואָרן.

„וואָס פאַר אַ שטעלונג האָט שפּרינצאַק אָנגענומען אין דער פראַגע ?״ האָט ציזלינג געפרעגט.

„ער איז ניט געווען באַגייסטערט פון אַ באַזונדערער אַרבעטער־שיטה אין דערציִונג״, האָב איך געענטפערט.

„איז וואָס קען מען שוין פון אים דערוואַרטן ? צי האָט ער בכלל אַן אַר־בעטער־מאַוווסטזיין ?״ האָב ציזלינג באַמערקט.

דאָ האָט זיך טאַבענקין אויפגערעגט: „דו ווייסט ווער שפּרינצאַק איז? דרך־ארץ פאַר אים! און ער האָט גענומען דערציילן וועגן שפּרינצאַקס טעטיקייט און זיין האַלטן זיך ביי פאַרשיידענע פאַרפאַלן און געשעענישן, וועגן זיין אייגנטימלעכקייט און וווּנדערלעכער חברישער אייגנשאַפט, וועלכע האָבן אים ניט איין מאָל אַרויסגעהאָלפן אין קריטישע סיטואַציעס. מיר האָבן זיך אַלע צוגעהערט צו אים, שווייגנדיק שווער.

אַזאַ מין אויסברוך ביים פאַרטיידיקן חברים האָב איך ביי טאַבענקינען געזען ניט איין מאָל. אַ טעאָרעטישע קעגנערשאַפט האָט אים ניט געבראַכט צו קיין פּערזענלעכער קעגנערשאַפט, און ניט זעלטן האָט ער אָפּגעהיט דעם כבוד פון אַ מענטשן, אפילו אין די סאַמע שאַרפסטע און שטורמישע דיס־קוסיעס.

טאַבענקינס הילף און עצה האָבן מיר, פאַרשטענדלעך, אָנגענומען אויך אויף אַנדערע געביטן — ביים קאָנטאַקטירן זיך מיטן מרכז החקלאי און מיטן ועד הפועל פון דער הסתדרות, מיט דער ציוניסטישער עקזעקוטיוו און מיט די התישבות־אינסטיטוציעס. מיר זיינען געווען אָרעם מאַטעריעל, אָבער רייך אין מעשים און לעבנס־חכמה.

***

אין יאָר 1932, ווען מיר זיינען געזעסן אין מחנה „הכובש" ביי כפר־סבא, די תקופה וואָס איז באַקאַנט אין דער געשיכטע פון דער באַוועגונג אונטערן נאָמען „התישבות האלף", איז אין אַ געוויסן טאָג דערשינען ביי אונדז האַרצ־פעלד און האָט געמאָלדן וועגן אַ באַשלוס פון מרכז החקלאי, אַז מיר דאַרפן זיך באַזעצן אין וואַדי יפו.

ווען די אונטערנעמונג „התישבות האלף" האָט זיך אָנגעהויבן, האָט מען אונדז פאַרזיכערט, אַז מיר וועלן באַקומען באָדן אין ראַיאָן פון תל־מונד. וואָס איז דאָ פּלוצעם געשען? פאַרוואָס האָט מען איבערגעביטן דעם צוזאָג?

„אַרום תל־מונד איז ניט פאַרבליבן דער מינדסטער שטח צו באַזעצן זיך", האָט האַרצפעלד געענטפערט.

דער פרייער שטח אין וואַדי יפו איז באַשטאַנען פון 450 דונאַם, און דאָס ניט פון איין שטיק, נאָר פון קליינע ערד־שטחים צווישן די אַראַבישע ווירט־שאַפטן. וואָס קען מען טאָן מיט אַזאַ שטח? וואָס פאַר אַ התישבות קען מען דאָרט אַנטוויקלען?

נאָר דער עיקר איז ניט באַשטאַנען אין דער צאָל דונאַמס, נאָר אינעם אָרט ווו זיי זיינען געלעגן — אין האַרץ פון דעם צעווילדעוועטן „דרייעק", צווישן די כוליגאַנישע דערפער טיראַ און טייבאַ, מיסקי און קאַלקיליע, דער־

פער מיט אַ גרויסער באַפעלקערונג, וואָס האָט געשוואָרן, אַז זי וועט ניט דערלאָזן די ייִדן באַטרעטן איר ערד.

איז קיין ווונדער ניט, וואָס מיר האָבן געלעבט אין אַן אַטמאָספער פון ספקות און שווערע איבערלעבונגען. ווער ווייס צי מיר וועלן דאָס קענען אויסהאַלטן. ס'איז קיין ספק ניט, אַז דאָס נעמען אויף זיך די אויפגאַבע איז פאַרבונדן מיט קרבנות און מיט אַ גוואַלדיקער אחריות. צי וועלן מיר דאָס קענען נעמען אויף אונדזער געוויסן ?

מיר האָבן זיך געוואַקלט, געצווייפלט, געשמועסט צווישן זיך, און זיך באַראַטן מיט פריינד און מיט קרובים.

איין מאָל בין איך אַוועק דורכריידן זיך מיט טאַבענקינען. כ'האָב אים געזאָגט, אַז מיר אַפּעלירן ניט קעגן דעם באַשלוס, און אַז ס'איז קיין שום ספק ניט, אַז אונדזער תשובה וועט זיין אַ פּאָזיטיווע. כ'האָב אים אָבער אויך דערציילט פון אונדזערע ספקות און דעם שווערן אחריות־געפיל וואָס לאָזט אונדז ניט אָפּ לגבי דער צוקונפט.

כ'געדענק ניט וועגן וואָס מיר האָבן שפּעטער גערעדט, נאָר כ'געדענק אויסגעצייכנט, אַז קיין אויסשליסלעך פּאָזיטיווע תשובה האָב איך פון אים ניט באַקומען. ער האָט דערציילט זכרונות פון זיינע ערשטע טעג אין לאַנד, ווען די צאָל ייִדן איז געווען זייער קליין, אין אַ סביבה וואָס האָט געאָטעמט מיט שינאה און מאָרד, וועגן דער תקופה ביי דער כינרת און „השומר". דאָס זיינען געווען ריין פּערזענלעכע דערציילונגען, וואָס זיינען ניט אויסן געווען דו זאָלסט עפּעס לערנען פון דעם און קומען צו געוויסע קאָנסעקווענ־צן. ס'איז אָבער קיין ספק ניט געווען, אַז פון זיי האָט געוויייעט אַן אַטמאָספער פון „לית ברירה", וואָס איז דער יסוד פאַרן קיום פון ייִדישן פאָלק און פאַר זיין ישועה אין אייגענעם לאַנד.

דער געשפּרעך האָט זיך געצויגן עטלעכע שעה און האָט געטראָגן אַן אַנדער כאַראַקטער ווי די קאָנווענציאָנעלע שמועסן אין ענינים פון קיבוץ און אַנדערע אַקטואַליטעטן. דאָ איז געווען אַ זויבערע אומmיטלבאַרקייט און אַן אָפנהאַרציקייט, וואָס אַנטפּלעקט זיך בלויז אין מאָמענטן פון אַ טיפער מענטשלעכער נאָענטקייט.

ווען מיר האָבן זיך צעשיידט, האָב איך שוין אין האַרצן ניט געפילט קיין שום ספק. דער אומרו איז טאַקע ניט פאַרשוווּנדן און דאָס געפיל פון אַ שווערער אחריות איז ניט קלענער געוואָרן. כ'האָב אָבער געשפּירט, אַזוי צו זאָגן, אַז ביים דעצידירן האָט גענומען אויף זיך אחריות אויך דער צווייטער פאַרהוילענער שותף „לית ברירה", וואָס וועט אונדז געבן כוח ביייצושטיין די ווייטערדיקע נסיונות.

אויגוסט 1932 האָבן מיר אָוועקגעשטעלט דעם ערשטן באַראַק אויפֿן בערגל, אין האָרץ פֿון פּיינטלעכן אַרום. פֿון צייט צו צייט פֿלעג איך אַ קוק טאָן אויף דעם איינזאַמען געבוי, געזען אַז ער דינט ווי אַ פּראָוואָקאַציע לגבי דער פּיינטלעכער סביבה און אין מיין האַרץ האָט זיך אָפּגערופֿן דאָס בראשית־דיקע געפֿיל, וואָס כ'האָב איינגעזאַפּט שמועסנדיק מיט טאַבענקינען — —

**
*

אין דריי יאָר אַרום בין איך געווען צוזאַמען מיט טאַבענקינען אין דער דעלעגאַציע פֿון קיבוץ צו דער באַוועגונג אין פּוילן. געווען איז דאָס ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט פֿון ציוניסטישן קאָנגרעס, פֿון שווייצאַריע, אין דער תקופה ווען פּוילן האָט דורכגעמאַכט אַ שווערן מאַטעריעלן קריזיס, באַזונדערס שווער פֿאַר די ייִדן. די טויערן פֿון ארץ־ישראל זיינען געווען געשלאָסן און די צאָל פֿון סערטיפֿיקאַטן אַ קוים אַנזעעוודיקע. דערביי האָט זיך די חלוציש באַוועגונג צעוואַקסן און פֿאַרצווייגט, און צענדליקער טויזנטער חלוצים, חברים פֿון די פּיליעס און פֿון די הכשרה־קיבוצים, האָבן אויסגעקוקט די אויגן נאָך אַ סערטיפֿיקאַט און געחלומט פֿון עליה.

אָבער, ווי געזאָגט, איז דאָס לאַנד געווען געשלאָסן און פֿאַרזיגלט, און די שליחים פֿון די קיבוצים זיינען אין פּוילן געווען מאַכטלאָז און האָבן ניט געהאַט וואָס צו ענטפֿערן אין אַנבליק פֿון דער דעפּרעסיע און אויסגאַנגסלאָזיקייט. זיי האָבן געמוזט פֿאַרמאָגן אַן אויסערגעוויינלעכע גבורה, כדי אָנצוגיין מיט זייער טעטיקייט אין דער באַוועגונג, און אויפֿהאַלטן דעם גלויבן אין בעסערע צייטן.

איך געדענק די באַגעגענישן מיט די חברים און מיט די שליחים. זיי אַלע האָבן געטענהט, אַז זיי האָבן זייער שליחות אויסגעפֿירט און האָבן געפֿאָדערט מ'זאָל זיי דערמעגלעכן אומצוקערן זיך אַהיים. זיי האָבן אויף אונדז געוואַרט און האָבן אונדז געוועלט איבערצייגן, אַז זייערע פֿאָדערונגען זיינען באַגרינדעטע; אָבער מיר האָבן זיי ניט געקאָנט אַנטקעגנקומען. טאַבענקין איז דאַן דערגאַנגען צו אַזאַ אויסדרוקסקראַפֿט, וואָס האָט מיך אַליין אויך מיטגעריסן: גלייבן! גלייבן! איינהאַלטן די פּאָזיציעס. מקיים זיין די הכשרה־ און עליה־קיבוצים, פֿאַרשטאַרקן דעם כוח פֿון דער באַוועגונג. די פֿאַרשלאָסענע טויערן וועלן געעפֿנט ווערן; זיי מוזן געעפֿנט ווערן!

ס'איז אוממעגלעך צו געדענקען אַלץ וואָס טאַבענקין האָט דעמאָלט, אין די פּילצאָליקע און שווערע צוזאַמענקומען, געזאָגט; איך געדענק אָבער דעם כוח וואָס האָט פֿון אים געשטראַלט און די השפּעה פֿון זיינע רייד אויף די צוהערער. דאָס האָט געווירקט ווי אַ שפּרודלדיקער לעבנסקוואַל אין דער

מעלאַנכאָליע פון מידבר. די שליחים האָבן זיך אומגעקערט צו זייער אַרבעט, און די חברים צו זייער האָפענונג, מיט אַ נייער און געלייטערער אמונה, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט אין יצחק טאַבענקינס פייער — —

***

קלאָר אַז אין פאָרמאַט פון איין קאַפּיטל איז אוממעגלעך איבערצוגעבן די צענדליקער באַגעגענישן מיט טאַבענקינען, און אפשר הונדערטער — אין שעהען פון צרות און פון קלעם, אין שעהען פון דערפאָלג און באַפרידי־קונג, אין שעהען פון פאַרלוירנקייט, פון ירידה און פון דערגרייכונגען. דאָס איז געווען אַ לאַנגער, לאַנגער לעבנס־מאַרשרוט, וואָס האָט זיך געצויגן איבער אַ סך טראַקטן.

ס׳זיינען אויך געווען טראַקטן, אויף וועלכע מיר זיינען ניט געגאַנגען צוזאַמען.

ווען ס׳איז פאָרגעקומען די שפּאַלטונג אין מפא״י, אין כפר ויתקין, בין איך געווען אין אויסלאַנד, אין דער בריטישער אַרמיי, אין דער מלחמה מיט די נאַציס. נאָך דער מלחמה האָבן מיר זיך אומגעקערט אַהיים; בן־אהרון האָט זיך צוריקגעקערט פון דער דייטשער געפאַנגענשאַפט. כ׳האָב זיך מיט אים געטראָפן און מיר האָבן באַשלאָסן ניט שלום צו מאַכן מיט דער שפּאַלטונג פון מפא״י. מיר זיינען נאָך געווען אונטערן קאָשמאַר פון די טויטלאַגערן, וואָס מיר האָבן באַזוכט, אונטערן איינדרוק פון חורבן בעת דער באַגעגעניש מיט די רעשטלעך פון דער שואה, און אונדזער הארץ און מוח האָבן ניט געקענט באַנעמען דעם פאַקט אַז די מחנה, וואָס איז מחויב צו צעמענטירן זיך און אָפּגעבן זיך מיט אַ גראַנדיעזער און געוואַגטער רעטונגס־אַקציע, איז גאָר צעשפּאַלטן.

אָבער אונדז איז שנעל קלאָר געוואָרן, אַז ס׳איז קיין שום האָפענונג ניטאָ דעם ריס צו פאַרהיילן. שווער געווען איינצולעבן זיך מיט דעם און כ׳בין אַרומגעגאַנגען אין אַ געדריקטער שטימונג. מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, אויפן וועג צום ציוניסטישן קאָנגרעס, האָב איך זיך אויפן דעק פון שיף געטראָפן מיט טאַבענקינען און ס׳האָט זיך צווישן אונדז צעפלאַקערט אַ שאַרפער וויכוח, וואָס האָט זיך געצויגן שעהען לאַנג במשך עטלעכע שמועסן, אין וועלכע כ׳האָב אויסגערעדט מיין ביטער הארץ. דאָס זיינען גע־ווען ניט קיין לייכטע שמועסן. איין מאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן: „איך זע, באַנקאָווער, אַז דו קענסט ניט שלום מאַכן מיטן מצב פון אַ קליינער פאַרטיי. די שפּאַלטונג איז אָבער ניט אויף אייביק. ס׳וועט נאָך קומען די גוטע צייט פון איין גרויסן און פאַראייניקטן כוח״.

אין יענעם פעריאָד — ביזן אַנטשטיין פונעם מערך — האָט זיך עפּעס־וואָס צווישן אונדז איבערגעריסן; מיר האָבן זיך כמעט ניט באַגעגנט, און דעם מהלך וואָס האָט זיך צווישן אונדז געשאַפן האָב איך איבערגעלעבט, ווי אַ פּערזענלעכע דערדריקטקייט.

די זעקס־טאָגיקע מלחמה מיט אירע קאָנסעקווענצן, האָט אויסגעשט־ראָכן די דערווייטערטקייט. אין דער אַטמאָספער פון לאַנד האָט זיך געשפּירט, אַז דאָס זיינען טעג פון אַ היסטאָרישן ווענדפּונקט, טעג פון גוואַלדיקע אימפּולסן, ווען מ׳קען ניט אַנהאַלטן מיטן קאָנווענציאָנעלן לעבנס־שטייגער. אויפן ראָט פונעם קיבוץ המאוחד, וואָס איז פאָרגעקומען אין רמת הכובש, באַלד נאָך דער זעקסטאָגיקער מלחמה, האָבן טאַבענקין און גאָלדע קאַטע־גאָריש געפאָדערט, אַז אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען, מפ״ם אַריינגערעכנט, זאָלן זיך פאַראייניקן אין איין קאָנצענטרירטן, אימפּעטיקן כוח. טאַבענקין, מיט זיין צייטנווייז אומגעריכטן שטייגער, האָט אויסגעדריקט זיין האָפענונג, אַז צו אַזאַ פאַראייניקונג וועט צושטיין אויך דוד בן־גוריון.

פון דעם מאָמענט אָן האָט זיך טאַבענקין געווידמעט צו איין־איינציקן ציל: אָפּהיטן די דערפאָלגן פון ניצחון, דורכפירן אַ גראַנדיעזע התישבות־אונטערנעמונג, איינהאַלטן אַ גרויסע ישראל, כדי ס׳זאָל אין איר אויפקומען אַ גרויס פאָלק. דעריבער מוזן פאַרגעסן ווערן די שטרייטפראַגעס פון עבר, און מ׳זאָל מאָביליזירן יעטווידן כוח אויסצונוצן די געלעגנהייט, וואָס וועט זיך מער ניט איבערחזרן, אין וועלכער מיר האָבן זוכה געווען, אַ דאַנק דעם ניצחון אין דער גרויסער פאַרטיידיקונגס־מלחמה... דאָס איז געווען די קווינטעסענץ פון זיין פלאַמענדיקער רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף דער קאָנפערענץ־טריבונע אין ירושלים, ווו ס׳איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די באַנייטע איינהייט און דער ציל צו שאַפן דעם מערך.

כ׳בין צו אים צוגעגאַנגען דריקן זיין האַנט, און כ׳האָב אים ווידער געזען ווי אין די אומפאַרגעסבאַרע יאָרן: אין איין האַנט אַ בוך און אין דער צווייטער אַ בלום.

איצט האָבן זיך אונדזערע וועגן ווידער באַגעגנט, און איין האַרץ צום צווייטן האָט ווידער געפונען אַ בשותפישן שליאַך. געוווען זיינען דאָס די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, און ביז די סאַמע לעצטע טעג האָט ער געפלאַ־קערט מיטן געפיל פון דער ברענענדיקער צייט, מיט זיין פעלדזיקן פאַרעק־שנטן גלויבן, מיטן באַוווסטזיין פון דער שליחות וואָס ליגט אויף אים, כדי ניט צו אַנטוישן די יידישע געשיכטע, אַ פלאַקער וואָס האָט, אפשר, אין זיין לאַנגן און פולן לעבנסוועג, ניט געהאַט צו זיך קיין גלייכן. ער האָט געלעבט אין אַ פייער וואָס לייטערט, וואָס זיין ליכט און היץ גייען

ווייט אַרויס פון די פּאַרטייִישע ראַמען און טראַדיציאָנעלע פּאָליטישע כוחות. אַ טיפע שפּירונג פון דער בייער צייט, וואָס קומט אָן פאַרן פאָלק און פאַרן לאַנד, דאָס שפּירן, אַז די צייט ווערט צעטרענצלט מיט יעדן אומפּראָדוקטיוון טאָג, האָט אים ניט געלאָזט צו רו, ווען זיינע אייגענע כוחות ווערן ווייניקער און ווייניקער. אויף דער שוועל פון דער בייער תקופה האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה און האָט זיך אומגעקערט צו דער ערד, צום עמק, וועלכן ער האָט אַזוי ליב געהאַט, צופוסנס פון גילבוע.

כ׳בין געשטאַנען ביים בערגל בלומען, וואָס האָט פאַרדעקט זיין פרישן קבר, מיט אַ האַרץ וואָס איז איבערפולט מיט דאַנקבאַרקייט און ווייס, אַז אונדזער קעגנזייטיקע באַגעגעניש האָט זיך ניט פאַרענדיקט אפילו אין אַנבליק פון דער זיכערער צעשיידונג און אכזריות פון טויט...

אַ פלעשל סאָדע־וואַסער – און דער אַרבעטער־אינטערנאַציאָנאַל

אין דער געשיכטע פון לאַנד איז פאַרצייכנט, אַז פּתח־תּקווה איז אַנט־שטאַנען אַ דאַנק יואל־משה סאַלאָמאָן און יהושע שטאַמפּפער מיט זייערע חברים. די אומפאַרגעסלעכע חלוצים־פּיאָנערן, וועלכע האָבן פאַרלאָזן די ירושלימער מויערן, כדי אויפצובויען דעם ערשטן ייִדישן ישוב לעם די קדחת־זומפּן פון די ירקון־קוואַלן, און וואָס אַ דאַנק זייער גבורה און קרבנות־גרייטקייט האָט זי זוכה געווען צו ווערן „אם המושבות״ (די מאַמע פון די מושבות).

אָבער אין דער געשיכטע פון פּתח־תּקווה גופא זיינען געווען אויך טונ־קעלע תקופות, די תקופות פון די קולאַקעס פון פּאַסקאַלס חדר, תקופות פון פּאַרראַט און נעגאַציע, ווען טויזנטער ייִדישע אַרבעטער זיינען דאָרט אַרומ־געגאַנגען אַרבעטסלאָז און הונגעריק, אין דער צייט ווען אין דער מערהייט פּרדסים האָבן געאַרבעט טויזנטער אַראַבער פון דער אַרומיקער סביבה. יעדן פרימאָרגן פלעגן זיי גיין גרופּעסוויז הינטערן אייזל, אויף וועלכן ס׳האָט געריטן דער פּרדסן אָדער זיין אַדמיניסטראַטאָר, צו זייער אַרבעטס־פּלאַץ, ניט ריידנדיק שוין פון די, וואָס האָבן געוווינט מיט זייערע מישפּחות אין די פּרדסים גופא.

כ׳האָב געהאַט דעם זכות צו וווינען אין פּתח־תּקווה אין איינער פון אירע שווערסטע תקופות.

ערגעץ־ווו, אויף דער פּעריפעריע פון דער מושבה, ניט ווייט פון עין־גנים, און פון משק הפּועלות, האָבן זיך קאָנצענטרירט ביי אַ דרייסיק קיבו־צים און גרופּעס (פּלוגות) מיט טויזנט פינף הונדערט חלוצים פון דער פּער־טער עליה, וואָס איז געקומען פון פּוילן און גאַליציע, פון רומעניע און ליטע, מיט אַ סך גלויבן און ענטוזיאַזם העלפן אויסבויען דאָס לאַנד. זיי האָבן זיך דאָ אָבער אָנגעשטויסן אויף געשלאָסענע פּרדסים, אויף גלייכגילטיקייט, קראַנקייט און הונגער. ממש הונגער. אַן אַטמאָספער פון אַנטוישונג און פאַר־צווייפלונג האָט זיך פאַרקליבן צווישן די געצעלטן; די אַטמאָספער פלעגט זיך אַ מאָל צעגליִען אין מאַניפעסטאַציעס און פּיקעטן ביי די טויערן פון די

פּרדסים. און דאָס האָט געשאַפן אַ געלעגנהייט פאַר די באַלעבאַטים איינצו־לאַדן פּאָליציי, וואָס זאָל זיי באַפרייען, זאָל גאָט אויסהיטן, פון באַלשע־וויקעס, וועלכע האָבן זיך אָנגעזעצט אויף די „גוטע בירגער״...

אין פּתח־תקווה איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַן אַרבעטסאַמט, וואָס האָט מצליח געווען צו שאַפן אַ 30—20 אַרבעטסטעג אַרום און אַרום, און ווען די צאָל איז דערגאַנגען ביז 40—50, איז דאָס שוין געווען אַ גוואַלדיקע דערגרייכונג. געאַרבעט אין אַמט האָבן צוויי מאַן — יעקב פּנחסי, פון „הפועל הצעיר״, וואָס האָט געוווינט אין עין־גנים, און דוד באַדער פון פּתח־תקווה. כ׳ווייס ניט צי ער איז געווען אַ חבר פון „אחדות העבודה״, אָבער ביי מיר איז קיין ספק ניט, אַז ער איז געווען אַ האַרציקער ייִד, וואָס אַזוינע טרעפסטו אין לעבן זייער זעלטן. זיי ביידע, פּנחסי און באַדער, האָבן ניט געוווּסט וואָס הייסט זיצן אין ביוראָ; זיי פלעגן זיך אַרומשלעפּן פון פרימאָרגן אַן ביזן אָוונט צווי־שן די פּרדסים און פּויערים, אָנצוקלייבן נאָך אַ טאָג און נאָך אַ טאָג אַרבעט.

אין צענטער פון דער מושבה, ניט ווייט פון דער שול, איז געווען די „בירזשע״, ווו צענדליקער ייִדישע אַרבעטער פלעגן שטיין און וואַרטן אויפן פּרדסן, וואָס וועט אויסקלייבן פון זיי די, וואָס וועלן אים אויסזען שטאַרקער און מוסקולעזער פון אַנדערע. קיין סך זיינען דאָרט ניט געשטאַנען. דאָס רוב זיינען דאָס געווען איינצלנע אַרבעטער, וואָס האָבן ניט געהערט צו קיין קי־בוץ אָדער אָרגאַניזאַציע, וועמען די נויט האָט געצוווּנגען דערשטיקן אין זיך אַ לעצטן געפיל פון זעלבסטווערדע.

באַלד, פון ערשטן טאָג אָן, איז מיר באַדער צוגעפאַלן צום האַרצן. אָן ברויט און אָן אַרבעט, שוואַכע און אויסגעשעפּטע פלעגן מיר ליגן אין די בעטן ביז שפּעט, כדי צו „פאַרשפּאָרן אַ פרישטיק״, וועלכן מיר האָבן ניט געהאַט. יענעם פרימאָרגן האָב איך זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ שטאַרקן קאָפּ־ווייטאָג און מיט אַן אויסערגעוויינלעכער שוואַכקייט. כ׳האָב פאַרקאַשערט די פּאָלע פון געצעלט אַ קוק צו טאָן אויף דער וועלט און געניסן פון קילן ווינטל, וואָס האָט געבלאָזן פון ים. ס׳איז שוין געווען קרוב צו האַלבן טאָג, ווען כ׳האָב באַמערקט אַ מאַן גיין צווישן די פּאַלאַטקעס. מיטלוווקסיק, אָבער ברייט־פּלייציק, אַן אַויסגעריבענער פּידזשאַק אויף זיין פולן גוף און אַ היטל אויף זיין שוואַך־באַוואַקסענעם קאָפּ. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין די זייטן און אַ מין שיין איז אויסגעגאָסן געווען אויף זיין קיילעכיקן פּנים. כ׳האָב אים נאָך קיין מאָל ניט געהאַט געזען, אָבער כ׳האָב באַלד פאַרשטאַנען ווער דאָס איז. אַוודאי באַדער. דאָס איז דער, אויף וועלכן אַלע האָבן געקוקט ווי אויף אַ גוטן פאָטער אָדער אַ גרויסן ברודער, מיט וועלכן מ׳קען זיך אָן עצה האַלטן און אָראָפּריידן זיך פון האַרצן.

כ'האָב זיך גלייך אָנגעטאָן און בין אים אַרויס אַנטקעגן. „איך האָב פאַר אייך צוויי טעג אַרבעט, אין משך פון דער קומענדיקער וואָך", האָט ער מיר געזאָגט. מיר האָבן זיך געדריקט די הענט און זיינען אַוועק צום צריף פון עס־צימער. אויף די נאַקעטע טישן האָט פון די בלעכענע שיסלען געפאַרעט לינדזן־זופּ. אַ צענדליק בחורים זיינען געזעסן אויף די שווערע בענק און האָבן מיט הנאה אַריינגעאָטעמט דעם ריח פון דער זופּ איידער זיי האָבן זי לעפלווייז צוגעטראָגן צום מויל. קיין ברויט האָט מען ניט אָנגעזען.

„קיין איין שטיקל ברויט איז ניטאָ", האָט געזאָגט די קעכין.

„אין אָוונט וועט זיין", האָט איר באַדער געענטפערט. „אויפן חשבון פון די צוויי טעג אַרבעט, וואָס כ'האָב פאַר אייך באַקומען, וועל איך צוגיין און קריגן אַ זאַק און אפשר צוויי זעק מעל..."

ער האָט זיך נאָך אַ ביסל צוגעקוקט צו די מענטשן וואָס זיינען געזעסן ביים טיש, האָט געזאָגט „שלום" און איז אַרויס דורך דער אָפענער טיר; ווי ס'וואָלט אים שווער געווען צו טראָגן זיין שווערן גוף צווישן די געצעלטן, איז ער אַוועק צום שכנותדיקן קיבוץ, מסתמא אָנצוזאָגן אויך זיי וועגן אַן אַרבעטסטאָג, וואָס ער האָט פאַר זיי געפונען. מיין מאָגן האָט זיך געקאָר־טשעט פון הונגער, אין האַרצן אָבער האָב איך דערפילט אַ וואַרעמקייט, וואָס דו דערשפּירסט תמיד ביים באַגעגענען זיך מיט אַ מענטשן, וואָס שפּרודלט מיט האַרציקער וואַרעמקייט, און די פאַרצווייפלונג, וואָס האָט זיך איינ־געביסן אין דיין לייב, איז ער עוקר מן השורש...

אין אַ צוויי־דריי וואָכן אַרום אין דער פרי איז געקומען אין „הכובש" יחיאל דובדבני. געווען איז ער דאַן דער סעקרעטאַר פון אַרבעטער־ראַט אין פּתח־תקוה; ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז געקומען דורכשמועסן זיך מיט מיר. דאָס איז געווען אויפן דריטן טאָג פון מיין קראַנקייט אויף געלזוכט. כ'בין געלעגן אין אוהל מיט אַ הויכער טעמפּעראַטור און מיט אַ נאַסן שטערן. ביי מיין בעט איז געשטאַנען אַן איבערגעקערטע נאַפּטבאַנקע, אַ ליידיקע, צו־געדעקט מיט אַ שטיקל שטאָף פון אַ זאַק, און אויף דעם אַ טעפּעלע פּודינג, דאָס „ספּעציעלע געריכט", פון וועלכן כ'האָב געגעסן צוליב מיין קראַנקייט. דאָס טעפּעלע פּודינג איז נאָך געשטאַנען אַ פולס.

דובדבני בויגט איין דעם קאָפּ, גייט אַריין דורך דער שמאָלער עפענונג, קוקט זיך אַרום, טראַכט אַ ווײַלע, און זעצט זיך אַוועק אויפן צוויטן בעט.

„היינט קומט פאַר אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג פון די אַרבעטסלאָזע לעם דעם קאָמיטעט פון דער מושבה", האָט ער זיך אָפּגערופן. „מיר האָבן באַ־שלאָסן, אַז דו זאָלסט זיין דער רעדנער אויף דער פאַרזאַמלונג".

„איך? איך וועל ריידן?" ענטפער איך אים שטילערהייט. „ווי אַזוי?

איך בין אזוי שוואך און אפגעלאזן, אן כוח!"

כ'בין געווען זיכער, אז מיין תשובה וועט אים איבערצייגן און ער וועט מיך לאזן צו רו, כ'האב אבער א טעות געהאט. ער האט ניט מוותר געווען ער לייגט מיר פאר כ'זאל אויפשטיין, אנטאן זיך, צוגיין מיט אים צו דער ארבעטער־קיך, ווו ער וועט מיר „אראנזשירן" א מיטאג אויפן חשבון פון ארבעטער־ראט.

„דער מיטאג וועט דיר געבן כוח ארויסצוטרעטן אויף דער פארזאמלונג", האט ער פעסטגעשטעלט מיט א זיכערן טאן.

עסן אין דער ארבעטער־קיך? ניין! בשום אופן ניט! דארט עסן בלויז איינזאמע ארבעטער, אדער חברים וואס האבן באשלאסן צו פארלאזן דעם קיבוץ און זיי באקומען דארט קרעדיט פון ארבעטסאמט אויף פינף מיטאגן... דאס האט געדינט אלס קענצייכן. אויב דו האסט דארט געזען א חבר עסן, איז דאס שוין געווען א באווייז, אז ער האט באשלאסן צו פארלאזן דעם קיבוץ... מער ווי דאס פעלט מיר ניט...

בין איך אוועק מיט דובדבנין צו דער פארזאמלונג ניט געגעסענערהייט; מיט די לעצטע כוחות שלעפ איך די פיס, און דער שווייס גיסט זיך פון מיר ריטשקעסווייז.

ווען מיר זיינען אנגעקומען צום קאמיטעט פון דער מושבה, זיינען שוין דארט געשטאנען הונדערטער אויפגערעגטע און אויפגערודערטע ארבעטער, און ניט ווייט פון זיי עטלעכע צענדליק ענגלישע פאליציאנטן, מיט זייערע פערד און מאשינען „גרייט צו דער ארבעט". דער אנבליק פון דעם האט מיך אזוי צענומען, אז כ'האב פארגעסן פון מיין קראנקייט און מיין הויכער היץ, כ'האב פארגעסן פון מיין הונגער, און כ'האב אנגעהויבן שפאנען צו די טרעפ פונעם צוויי־שטאקיקן בנין פון קאמיטעט; אין דער גאנצער לענג פון צווייטן שטאק האט זיך געצויגן א באלקאן אין דער ריכטונג פון הויף. דובדבני האט געבעטן א פאר פון די דעמאנסטראנטן זיי זאלן מיר העלפן, האבן זיי מיך ארויפגעטראגן אויף זייערע אקסעלן אויפן באלקאן. כ'האב זיך אוועקגעשטעלט ביים פארענטש און גענומען ריידן. גערעדט האב איך, דאכט זיך, א מינוט צען מיט א שטייגנדיקער אויפגערעגטקייט, און פלוצעם, אין מיטן ריידן, טו איך א פאל און חלש.

ווען איך בין געקומען צו זיך, האב איך באמערקט אז איך ליג אויף א לאנגן טיש אין א צימער וואס געהערט צום קאמיטעט, און לעם מיר — א פלאש מיט סאדע־וואסער, ממש א יקר־המציאות, צו וועלכן כ'האב זוכה געווען אין „זכות" פון מיין חלשן. פון הויף זיינען צו מיר דערגאנגען אפ־לאדיסמענטן און די געשרייען פון „בוז" (נידער) צו די ייִדישע עפענדים, און

דערנאָך אַ פּלאַמיק־צעפּלאַטערט געזאַנג — „תחזקנה״.

איך בין געלעגן און לאַנגזאַם געטרונקען פון פלאַש דאָס סאָדע־וואַסער; כ׳האָב געפילט ווי מײַנע חושים וועקן זיך אויף אויף ס׳נײַ. שפּעטער בין איך פּאַוואָליע אַראָפּ מיט די טרעפּ און צוגעגאַנגען צו די חברים פון „הכובש״. די דעמאָנסטראַציע האָט שוין געהאַלטן ביים פונאַנדערלאָזן זיך, און די פּאָ־ליצײַ האָט זיך שוין גענומען „פּאַקן״ אין וועג אַרײַן.

קענטיק, אַז דער צונױפקום פון הונדערטער אַרבעטער האָט אונדז אָנ־געשטעקט מיט מוט, ווײַל אומקערנדיק זיך צו אונדזערע פּאַלאַטקעס, האָט זיך דאָס געזאַנג ניט איבערגעריסן — —

***

די פײַערונג פון ערשטן מאַי 1926 איז באַשטימט געוואָרן אויף צען אַזייגער אין הויף פון אַרבעטער־הויז אין פּתח־תקווה, לעבן דער אַרבעטער־קיך. דער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן מיט די שטימען פון די חברים פון „אחדות העבודה״, וואָס האָבן געבילדט די מערהייט, און ביי דער קעגנער־שאַפט פון די חברים פון „הפּועל הצעיר״, וואָס האָבן ניט אָנגענומען דעם פּרעמדן, פון דרויסן „אימפּאָרטירטן״ סאָציאַליזם און אויך ניט דעם אינטער־נאַציאָנאַליזם פון כלערליי אַרבעטער. די חברים פון „אחדות העבודה״ האָבן, פאַרשטייט זיך, געהאָט אַ באַציִונג צום צווייטן אינטערנאַציאָנאַל.

אויף דער פײַערונג האָב איך געדאַרפט אַרויסטרעטן אין נאָמען פון „אחדות העבודה״.

דער זייגער איז שוין באַלד צען. אַ סך אַרבעטער זײַנען שוין פאַרזאַמלט אין הויף פון אַרבעטער־הויז און זיי וואַרטן מיט אומגעדולד אויף די חברים פון „הכובש״, צוויי הונדערט מאַן, וועלכע מ׳זעט ניט אויפן האָריזאָנט. וואָס איז געשען? ווייזט זיך אַרויס, אַז ס׳איז שוין דער צווייטער טאָג, ווי דער קיבוץ „הכובש״ זיצט אָן ברויט, און כדי צו „פאַרשפּאָרן״ אַ פרישטיק, האָט מען זיך ניט געאײַלט אויפצושטיין פון די בעטן און מ׳האָט נאָך פּלאַנירט „ביי דער געלעגנהייט״ צו „פאַרבויגן״ אַ מיטאָג... אָבער די גאַנצע צייט איז אונדז פון געדאַנק ניט אַרויס, אַז הונדערטער אַרבעטער וואַרטן אויפן אָנהייב פון יום־טוב.

ווען מ׳האָט זיך פון דעם דערוווּסט, האָט דוד באַדער שנעל געקראָגן אַ זאַק מעל, האָט אים אָפּגעגעבן דער בעקערײַ און באַקומען פאַר דעם הייס ברויט, ערשט פון אויוון. איינס־צוויי איז דאָס ברויט פאַרלאָדן געוואָרן אויפן רוקן פון אַן אייזל און געבראַכט געוואָרן אין „הכובש״. דאָרט האָט מען אים צעשניטן אויף המוציאָס, כדי ער זאָל זיך אָפּקילן. אין צווישנצייט האָט מען

לכבוד דעם ערשטן מאַי אָפּגעקאָכט אַ רויטן באָרשט. נאָכן אָפּעסן ברויט מיט באָרשט זיינען מיר אַוועק צו דער פּייערונג. דער עולם וואָס האָט דאָרט גע־וואַרט און האָט געוווּסט די סיבה פון אונדזער פאַרשפּעטיקן, האָט געוואַרט געדולדיק מער ווי צוויי שעה... איצט איז שוין די זון געווען אין זעניט...

פון „הכובש" זיינען מיר אַרויס אין רייען און דערנענטערנדיק זיך צום אַרבעטער־הויז האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף עטלעכע צענדליק חברים פון „הפּועל הצעיר", וואָס זיינען געשטאַנען פון דער זייט און האָבן אונדז מקבל פּנים געווען מיט שפּאָטאויסרופן:

„ווּ איז אייער אינטערנאַציאָנאַל? ווּ איז זיין אַרבעטער־סאָלידאַרי־טעט? פאַרוואָס האָט ער אייך ניט געשיקט קיין זעקל מעל צום יום־טוב פון 'אַרבעטער־ברודערשאַפט'?"

ס'האָט קיין סך ניט געפעלט אין דער צעגליטער און פּיינפולער אַטמאָס־פער, אַז זייער פּראָוואָקאַטיוו רייצן זיך זאָל צעפלאַקערן אַ ברודער־שינאה צווישן די אַרבעטער, און דווקא דעם ערשטן מאַי...

עטלעכע חברים האָבן שאַרף אָפּגעענטפערט די אינטריגאַנטן פון „הפּו־על הצעיר", אָבער אַנדערע האָבן זיך באַמיט צו באַרויִקן די אויפגעבראַכטע געמיטער. אין צווישנצייט זיינען מיר צוגעקומען צום הויף, ווּ מ'האָט אונדז אויפגענומען מיט אַפּלאָדיסמענטן.

די פּייערונג האָט זיך באַלד אָנגעהויבן מיטן „אינטערנאַציאָנאַל". אפשר האָט אין אונדז וויברירט אַ געפיל פון סאָלידאַריטעט און אַ האָפענונג אויף בעסערע צייטן, אָבער קיין יום־טובדיקע שטימונג האָבן מיר אַוודאי ניט געהאַט — —

ווי מ'נעמט יידן און מען מאַכט זיי פאַר ציוניסטן

איין מאָל, פאַרנאַכט, האָט עמעצער אַנגעקלאַפּט אין מיין געצעלט. די זון האָט זיך שוין געזוקט צום היימלאַנד און די שאָטנס פון די געצעלטן האָבן פאַרצויגן די סטעזשקעס. כ'האָב זיך אויפגעהויבן פון מיין געלעגער און פאַרשאַרצט די פּאָלע פון מיין „פּאַלאַץ". פאַר מיר איז געשטאַנען אַ ריז, הויך און ברייט. זיין ברייטער שטערן „קלעטערט" אַרויף און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פּאַדערפּליך, און זיין גרויסן קאָפּ נעמט אַרום אַ טשופּרינע ווי די פּאַטלעס ביי אַ קאַרפּולענטן רוסישן פּויער.

כאָטש כ'האָב אים געזען ס'ערשטע מאָל, האָט ער זיך ניט געדאַרפט פאַרשטעלן. כ'האָב גלייך פאַרשטאַנען אַז דאָס איז ציזלינג און כ'האָב אים געבעטן אַריינגיין; האָט ער איינגעבויגן זיין הויכן גוף, איז אַריין און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן פרייען בעט.

„איך פאָר קיין פּוילן" — האָט ער באַלד געזאָגט — „אין שליחות פון קיבוץ עין-חרוד און פון דער הסתדרות, אַרבעטן אין „החלוץ". האָב איך זיך געטראַכט, אַז קודם כל דאַרף איך קומען אַהער. ערשטנס, ווייל איר זייט דאָך חלוצים פון פּוילן. פון וואַנעט איר זייט געקומען אַהער ערשט ניט לאַנג, און צווייטנס, וויסן וואָס איר טראַכט און האַלט פאַר נייטיק צו טאָן אין פּוילן..."

זיינע רייד, וואָס זיינען געזאָגט געוואָרן אין אַ רויִקן טאָן, האָבן, אַרויסגייענדיק פון זיין מעכטיקער ברוסט, שטאַרק אָפּגעקלונגען אין חלל פון געצעלט.

געווען איז דאָס אין יאָר 1925, אפשר אין די ערשטע חדשים פון מיין אָנקומען אין לאַנד. דער קליינער געצעלטן-לאַגער פון קיבוץ „הכובש" האָט זיך, צוזאַמען מיט די לאַגערן פון אַ סך קיבוצים, אַריינגעפּאַסט אין דעם „זאַטן טאָל", וואָס גרענעצט זיך מיט פּתח-תקווה, און האָבן צוזאַמען געשאַפן די „קיבוצישע אימפּעריע" אין דער אָפּגעפרעמדטער מושבה. ווי באַלד זיי זיינען כסדר געווען אַרבעטסלאָז און האַלב-הונגעריק, האָט מען פאַרטוישט דעם נאָמען „זאַטער טאָל" אויף „טרערן-טאָל"...

דאָ אָבער אין אוהל, האָבן מיר זיך ביידע אַריינגעלאָזן אין אַ היציקן שמועס, פאַרגעסנדיק פון אַלץ וואָס קומט פאָר פון יענער זייט וואַנט.

„אמת" — האָב איך געטענהט — „מיר זיינען גרייט געווען אַנצושטויסן זיך אויף שוועריקייטן אין לאַנד. מיר האָבן ניט געהאַט קיין אילוזיעס ווען מיר זיינען דורכגעגאַנגען די הכשרה. אָבער דער הונגער און די קראַנקייטן האָבן איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען. אַלץ, וואָס ביז היינט האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון אַנטוישונג, נעמט אָן די אייגנשאַפט פון פאַרצווייפלונג".

כ'געדענק ניט וואָס ציזלינג האָט מיר געענטפערט, נאָר כ'געדענק זייער גוט, אַז דער בטחון וואָס איז אַרויסגעדרונגען פון זיינע רייד, האָט געטרייסט און באַרויִקט; און אַזוי ווי מיר האָבן מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט גלייבן, אַז די צייטן וועלן זיך בייטן, און אַז מיר וועלן נאָך דערלעבן בעסערע טעג, האָב איך זיך געלאָזט פאַרוויגן מיט אַ האַלב־פאַרשיכורנדיקן גלויבן, כאָטש אַ שד האָט דערביי ניט אויפגעהערט צו שעפטשען מיר אין אויער, אַז עס איז בלויז אַן אילוזיע.

נאָך עטלעכע מינוט שווייגן האָט ציזלינג אַ פרעג געטאָן: „ווי זעט דיר אויס די לאַגע פון פוילן ?"

„אין 'החלוץ' גייט אָן אַ קאַלאַסאַלער צופלוס. טויזנטער ייִנגלעך און מיידלעך ציִען זיך אַהין סטיכיש. ס'איז ניטאָ קיין שטעטל, ווי קליין עס זאָל ניט זיין, ווו דער 'החלוץ' האָט ניט אַריינגעשטעלט אַ פוס. אַוודאי איז דאָס אַ רעזולטאַט פון דער האָפענונגסלאָזער לאַגע פון די דאָרטיקע ייִדן, און דער עיקר פון יונגן דור. אָבער..."

„וואָס אָבער ?"

„די שפּאַלטונגען און דער פאַקט, וואָס די קיבוצישע באַוועגונג איז ניט קיין איינהייטלעכע... דאָס רויִנירט ממש די מענטשן. די יוגנט גאַרט צום קיבוץ, צו דער באַוועגונג, און דער דאָזיקער מצב וואַרפט אַן אויף זיי אַ דע־פּרעסיע, ווי אַ צוגאָב צו זייער לאַגע, וואָס איז גענוג, גענוג ביטער..."

„אפשר וועסטו דאָס באַטראַכטן ווי אַ חוצפה" — האָב איך צוגעגעבן אין אַ צוויי־דריי מינוט אַרום — „אָבער מיר, די חברים פון „הכובש", האָבן גענומען אויף זיך, אין ווילנע נאָך, צו טאָן אַלץ וואָס קען דערפירן צו אַן איינהייטלעכער קיבוצישער באַוועגונג... מיר זיינען ניט פאַרריסן... דאָס איז די איינציקע סיבה, צוליב וועלכער מיר האָבן באַשלאָסן ניט צוצושטיין צו קיין קיבוץ. מיר האָבן באַשלאָסן פאַרבלייבן זעלבשטענדיק. ביז מיר וועלן זוכה זיין צו אַ פאַראייניקטער קיבוצישער באַוועגונג..."

דאָ דאַרף איך דערמאָנען, אַז יענע תקופה איז לגמרי ניט ענלעך צו דער היינטיקער, ווען אַלע האַלטן אין איין טענהן, אַז די פאַרבאַדינגונגען צו

דער פאַראייניקונג פון דער קיבוצישער באַוועגונג זיינען שוין צייטיק גע־וואָרן. דאַן זיינען נאָך די ווונדן וואָס עס האָט פאַרשאַפט די שפּאַלטונג פון „גדוד העבודה" געוועזן פריש, די באַציִונגען, ביי נאָענטע צווישן זיך מענטשן, זיינען קאַליע געוואָרן, און די פאַרביטערונג פון די שווערע דיסקוסיעס האָט ניט נאָכגעלאָזט. יעטווידע אָנדייטונג וועגן אַ קיבוצישער פאַראייניקונג האָט אויסגעוויזן ניט נאָר אומנאַרמאַל אָדער נאַיִוו, נאָר ווי אַ ריידן ניט צו דער זאַך. פון דעסט וועגן האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און כ'האָב ציזלינגען געזאָגט:

„איך האָף, אַז מיט דיין טעטיקייט אין 'החלוץ' וועסטו פאַרשטאַרקן דעם דראַנג צו דעם ציל, כדי וואָס שנעלער צו דערפירן צו דער אחדות, פון וועלכער ס'איז אָפּהענגיק די עקזיסטענץ פון די קיבוצים אין ארץ־ישראל גופא..."

אין דער ערשטער רגע האָט זיך מיר געדאַכט, אַז כ'בין צו ווייט פאַר־פאָרן... ווער בין איך, אַז איך זאָל קומען געבן עצות ציזלינגען ?.. ער האָט מיך אָבער אויסגעהערט מיט געדולד, האָט אַנאַליזירט די סיבות וועלכע האָבן דערפירט צו די שפּאַלטונגען און האָט דערקלערט, אַז ער איז גרייט איינצו־שפּאַנען זיך אין דער אַרבעט און באַמיִען זיך צו דערפירן צו אַ פאַראייניקטער באַוועגונג, וואָס וועט דינען ניט אַלס אַ בשורה, נאָר ווי אַ סטימול פאַר וויכטיקע אונטערנעמונגען...

דער שמועס האָט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט, און צום סוף האָט זיך אין מיר אָנגעצונדן אַ פונק פון האָפענונג און גלויבן. דערווייל איז צוגעפאַלן נאַכט און מיר זיינען אַרויס שפּאַצירן מיט די סטעזשקעס צווישן די געצלטן אין דער „קיבוצישער אימפּעריע", די „אימפּעריע" פון די איינגעהויקערטע געצעלטן... אין אייניקע האָבן געברענט נאַפּטלאַמפּן, אָבער זייער ביסל ליכט איז ניט געווען בכוח צו פאַרטרייבן דעם אומעט, וואָס האָט געהערשט אין גאַנצן אַרום און געדריקט אויף דער נשמה... פון דאָ און דאָרט איז דער־גאַנגען אַ שטילער, ציטערדיקער ניגון, ווי אַ קינה פון אַ שווער געמיט...

פון דאַן אָן, ביז זיין לוויה אין עין־חרוד, האָבן זיך אונדזערע וועגן אַזוי פיל מאָל געקרייצט, אַזש ס'איז אוממעגלעך, איז אַזאַ בוך, צו מאַכן אַן איבערבליק פון אונדזערע באַגעגענישן, כאָטש טיילווייז.

ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט פון פוילן, ווו זיין שליחות איז — לויט די אָפּרופן וואָס זיינען פון דאָרט דערגאַנגען — געווען אַ ביז גאָר געלונגענע, האָט זיך אין לאַנד געראָדערט מיט דער באַקאַנטער פרשה פון „התישבות האלף" ; אין אַ קורצער צייט אַרום איז ציזלינג געשטאַנען אין צענטער פון דעם ביטערן געראַנגל פאַרן רעכט פון קיבוץ צו גיין אויף התישבות, ווי אַ

קאָלעקטיוו. ווי באַקאַנט האָבן ניט די התישבות־אינסטיטוציעס און ניט דער „מרכז החקלאי״ באַשטימט ווער ס׳וועט זיך באַזעצן, נאָר די „חברה להתישבות״, וואָס איז געווען דער „קבלן״ פון דער דאָזיקער התישבות, און האָט געפאָדערט אויסשליסלעכע רעכט צו באַשטימען ווער ס׳וועלן זיין די לאַנדווירטשאַפטלער, וואָס מיט יעדערן פון זיי וועט געשלאָסן ווערן אַ באַזונדערער קאָנטראַקט. איינגיין אויף אַזעלכע באַדינגונגען וואָלט געהייסן — מאַכן אַ תל פון קיבוץ ווי אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע קערפּערשאַפט.

ווי באַלד דער „הכובש״ איז געווען צווישן די קאַנדידאַטן פון „התישבות האלף״, איז דער ענין פאַרבונדן געווען מיט אונדזער באַזעצן זיך אין וואַדי פון יפו, נאָך דעם ווי דעם פריִערדיקן פּלאַץ, וואָס איז פאַר אונדז באַשטימט געוואָרן, אין תל־מונד, האָבן פאַרכאַפּט די מושבים. איך האָב געזען מיט וואָס פאַר אַ ברען ציזלינג האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם געראַנגל, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַנערקענען אַ קיבוצישן קאָלעקטיוו ווי אַ יורידישע קערפּערשאַפט, וואָס האָט רעכט צו חתמען אין נאָמען פון זיינע חברים.

כ׳האָב ציזלינגען געזען אין צענדליקער געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע ראַנגלענישן. ווער קען זיי אַלע געדענקען? איין כאַראַקטעריסטישער שטריך האָט זיך ביי אים תמיד אויסגעטיילט: די באַלאַנסירונג צווישן זיין פאַרנעמיקער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט און זיין אויסלעבן זיך, ווי אַן איבערגעגעבענער מישפּחה־מאַן און אַ טרייער און טעטיקער חבר אין זיין משק. איניציאַטאָר פון דעם „קונסט־טעמפּל״ אין עין־חרוד איז געווען דער מאָלער דוד אתר (אַפּטייקער), אָבער דער וואָס האָט אויפגעהויבן די „משא״, דער רעאַליזאַטאָר, דער בויער, דער וואָס האָט געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט די אינסטיטוציעס, מיט קינסטלער, איז געווען ציזלינג.

דאָ ניט לאַנג האָב איך געגנישטערט צווישן מיינע פּאַפּירן אין שאַפע און כ׳האָב זיך אָנגעשטויסן אויף ציזלינגס אַ צעטעלע, וואָס ער האָט מיר געשיקט ווען כ׳האָב געאַרבעט אַלס פּאַרטיי־סעקרעטאַר, ווו ער שרייבט בזה הלשון:

„כ׳האָב אין דער פרי געלייענט אין ׳דבר׳, אַז דו שיקסט מיך אויף אַ פאַרלעזונג אין גליל העליון, בעט איך דיך, טו מיר אַ טובה. באַפריי מיך פון דער שליחות... אַנהייב וואָך האָב איך פאַרלאָזן עין־חרוד און ערשט מאָרגן וועל איך, אפשר, קומען אַהין צוריק... אויף מאָרגן נאָך שבת דאַרף איך זיין צוריק אין ירושלים... די מערהייט פון די לעצטע פרייטאָג־צו־נאַכטן בין איך ניט געווען אין דער היים. איך בעט דיך, געדענק, אַז כ׳געהער צום סעקרעטאַריאַט און צו דער פינאַנס־לייטונג פון עין־חרוד. און כ׳בין דאָך, פון דעסט וועגן, אַ טאַטע פון פיר קינדער.. האָב רחמנות!.. פאַרשטיי אויך מיך, אַ

מענטשן פון דער פּראָווינץ, וואָס וואַלגערט זיך כסדר אַרום איבער די וועגן, צווישן די שטעט..."

מ'קען אַ סך דערציילן וועגן ציזלינגס פּאַרצווייגטער טעטיקייט אין די ראַמען פון דער הגנה און אין די לאַנד־אינסטיטוציעס, אין דער ראָל פונעם ערשטן אַגראַר־מיניסטער פון מדינת ישראל און נאָך און נאָך. אוודאי וועלן זיך נאָך געפינען מענטשן וואָס וועלן עס טאָן. איצט אָבער דערמאָן איך זיך אין אַ מעשה, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן אין די אומרוען פון תרצ"ו–תרצ"ט.

דער ייִדישער ישוב האָט דעמאָלט אַקטיוויזירט זיין טעטיקייט אויפן זי־כערקייטס־געביט, און ס'האָבן זיך געפאָדערט מיטלען אויסצושטאַטן און אויסצוהאַלטן די ערשטע קאָמפּאַניעס, וואָס פלעגן נאָכיאָגן די באַנדעס פּאָגראָמשטשיקעס „פון יענער זייט צוים". די לאַנד־אינסטיטוציעס האָבן צו דעם ציל דערקלערט אַ געלט־באַשטייערונג אונטערן נאָמען „כופר הישוב", און ס'זיינען געוואָרן פאַלן פון ווונדערלעכער וואָלונטאַרישקייט. פרויען האָבן געבראַכט זייער צירונג, און סתם־ייִדן — זייערע אָפּשפּאָרונגען. פון יעדן קינאָ־בילעט און רייזע־בילעט מיט אויטאָבוסן איז איינגעמאָנט געוואָרן אַ מיל, ווי אַן אָבליגאַטאָרישער שטייער פאַרן „כופר הישוב". ציזלינג, וואָס איז געשטאַנען בראש פון דער אונטערנעמונג — צוזאַמען מיט ישראל רוקח, ווי אַ פאָרשטייער פון די רעכטע קרייזן — איז געווען דער לעבעדיקער גייסט און איניציאַטאָר פון אַ סך פאַרשיידנפאַרביקע אונטערנעמונגען פון דעם זי־כערקייטס־פאָנד.

די מעשה, וואָס האָט אַ שייכות צו דעם ענין, דערציילט וועגן אַ יעקע, וואָס איז געקומען צו דער אויטאָבוסן־קאַסע און געוואָלט קויפן אַ רייזע־בילעט. דער קאַסירער האָט דערלאַנגט דעם בילעט און געבעטן אַ מיל פאַרן „כופר הישוב".

דער יעקע האָט פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף באַצאָלן פאַר אַ רענצל (אין דייטש — קאָפער) האָט זיך דענערווירט און צעשריִען:

„אָבער... איך האָב דאָך בכלל ניט קיין קאָפער!"

ערשט נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען, האָט ער פאַרשטאַנען וועגן וואָס דאָ גייט און ער האָט מיט פאַרגעניגן באַצאָלט דעם שטייער.

ווען כ'האָב ציזלינגען דערציילט די מעשה, האָט ער זיך צעשמייכלט און געענטפערט ערנסט:

„דו זעסט אויך וואָס פאַר אַן אופן ייִדן ווערן ציוניסטן?.. מיר אַליין קענען אַזוינס גאָרניט צוטראַכטן... די ווירקלעכקייט פאַרמאָגט, ווייזט אויס, אַ רייכערע פאַנטאַזיע און זי געפינט זיי אויס..."

פאַרוואָס בין איך געווען גלייכגילטיק ביים טיש?

כפר־סבא רעסטאָווירירט אירע רויִנען צום דריטן מאָל. די צאָל אַרבעטער האָלט אין וואַקסן. די פּרדסים אין דער מושבה ווערן באַאַרבעט בלויז דורך ייִדישע אַרבעטער. דער קיבוץ „הכובש", וואָס איז אַנגעקומען אין כפר־סבא נאָך יאָרן זיין אין פּתח־תקווה, ווו ער האָט זיך אָנגעגעסן מיט פאַרביטערונג, הונגער און פּייַנלעכן געראַנגל מיט די פּיינדלעכע פּויערים וועגן רעכט אויף אַרבעט, האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאַרהאַרטעוועטער קאָמפּאַניע, מיט אַ סך דערפאַרונג, וואָס האָט אַ סך מיטגעהאָלפן איינצופירן ייִדישע אַרבעט אין כפר־סבא און אומגעגנט, און צו דער פאַרשטאַרקונג פון דער אַרבעטער־פּאָזיציע בכלל.

און ניט נאָר אין כפר־סבא, די עלטסטע מושבה פון שרון, נאָר אויך מגדיאל, רעננה און הרצליה האָבן געשטעלט זייערע ערשטע טריט. צווישן די גרינדער פון מגדיאל איז געווען שמואל זשוכאָוויצקי, אַ פאַרברענטער ציוניסט און אַן איינפלוסרייכע פערזענלעכקייט. ער האָט אין זיין פּרדס באַשעפטיקט בלויז ייִדישע אַרבעטער און דערמיט געדינט ווי אַ ביישפּיל פאַר אַנדערע. געקומען איז ער פון פּוילן און האָט זיך געגומען פאַר אַ ציל: אויסבויען זיין מושבה, מגדיאל, אויפן באַזיס פון בלויז ייִדישער אַרבעט. כדי דאָס צו פאַרווירקלעכן האָט זיך געפאָדערט אַ גרויסע געוואַגטקייט, ווייל דאָס איז פאַרבונדן געווען מיט פאַרמעסטונג און מיט אַ שווערן געראַנגל מיטן רייכן פּויערים־פאַרבאַנד, וואָס האָט נעגירט ייִדישע אַרבעט. די פּרדסים פון זיינע מיטגלידער — אין פּתח־תקווה, ראשון־לציון, חדרה, זכרון־יעקב און אַנדערע אַלטע מושבות — זיינען געשלאָסן געווען פאַר ייִדישן אַרבעטער.

אַרבעטסלאָזיקייט און הונגער האָבן ניט אָפּגעלאָזט דעם ייִדישן אַרבעטער אין די דאָזיקע מושבות, און זיין קאַמף פאַר עקזיסטענץ און רעכט אויף אַרבעט איז שאַרפער געוואָרן וואָס פון טאָג. ביי די טויערן פון די געשלאָסענע פּרדסים איז געשטיגן די צאָל צוזאַמענשטויסן מיט דער מאַנדאַטאַרישער פּאָליציי, וואָס איז געקומען, אויפן רוף פון די באַלעבאַטים, באַשיצן זייער אייגנטום. בלויז די יונגע מושבות פון שרון האָבן נאָך מקיים געווען די

מיצווה פון ייִדישער אַרבעט. און אין יענע פינצטערע טעג האָבן זיי געדינט אַלס ליכטפּונקטן.

דאָקטאָר ווייצמאַן האָט זיך געהאַלטן ביי זיין „טראַדיציע”: ווען ער איז נאָר געווען אין לאַנד, פלעגט ער באַזוכן נהלל און עין־חרוד. דאָס מאָל איז ער געקומען אויך אין מגדיאל, אין זשוכאָוויצקיס מושבה. צו דער עפנט־לעכער פאַרזאַמלונג אין פאַלקסהויז זיינען געקומען איבער טויזנט מאַן — פון רעננה און כפר־סבא, פון הרצליה און רמתיים, מערסטנס אַרבעטער — און זי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פייערלעכן קבלת־פּנים פאַרן פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אין נאָמען פון גאַנצן שרון.

נאָך זשוכאָוויצקיס באַגריסונג, האָב איך באַגריסט אין נאָמען פון די שרון־אַרבעטער. כ'האָב דערציילט פון די צרות און אַרבעטסלאָזיקייט, וועגן דער אָפּגעפּרעמדקייט פון ייִדישן לאַנדבאַזיצער, וואָס היט, מיט דער הילף פון דער ענגלישער פּאָליציי, אַז קיין חלוץ זאָל זיך אין זיין פּרדס ניט באַווייזן. אַלס מוסטער האָב איך אויסגעטיילט דעם שרון, וואָס ווערט געבויט דורך ייִדן, און כ'האָב געפּאָדערט מ'זאָל זיך ווידמען צו אַן ענערגישן קאַמף קעגן די, וואָס רויבן צו דאָס רעכט פון ייִדישן אַרבעטער און ווילן ניט הערן פון איינעם פון די וויכטיקסטע געבאָטן פון אונדזער רענעסאַנס.

צערודערט איז ער געווען ווייצמאַן, ווען ער האָט אָנגעהויבן ריידן און האָט שטאַרק קריטיקירט די נעגירער פון די ציוניסטישע געבאָטן און פון אונדזערע לעבנס־יסודות אין ארץ־ישראל. צו גלייך מיט דער האַרבער קריי־טיק, האָט ער זייער וואַרעם גערעדט וועגן דער מוטוויליקייט פונעם חלוץ און פון דעם עלטערן שוין אַרבעטער, וואָס קעמפן ניט נאָר פאַר זייער רעכט אויף אַרבעט אין אַ ייִדישן משק, נאָר פירן אַ פונדאַמענטאַלע און ערשטראַנגיקע מלחמה פון ציוניזם.

נאָך דער פאַרזאַמלונג איז פאַרגעקומען אַ פייערלעכער מאָלצייט לכבוד דעם גאַסט ביי זשוכאָוויצקין. באַטייליקט האָבן זיך ביי אַ פּופּציק מאַן פון די „פּני” פון די מושבות פון שרון, אַפּהיטנדיק די פּראָפּאָרץ: 48 לאַנדבאַ־זיצער און 2 אַרבעטער... דער מזכיר פון מועצת הפועלים און איך...

געשען איז דאָס אַ יאָר צוויי נאָך מיין קומען אין לאַנד, צוויי יאָר, פון וועלכע חדשים לאַנג האָבן מיר פאַרזוכט דעם טעם פון הונגער, אַרבעטס־לאָזיקייט און קראַנקייט. און דאָ זיץ איך אין אַ גרוימענן זאַל, ביי פולע טישן פון כל טוב. כ'בין געזעסן אַ צעטומלטער און כ'בין ניט געווען בכוח צוצו־רירן זיך צו עפּעס אַ מאכל אָדער משקה. די באַלעבאָסטע האָט דאָס באַמערקט און האָט דאָס איבערגעגעבן דעם גאַסט. צו אַלעמענס דערשטוינונג האָט זיך דאָקטאָר ווייצמאַן אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו מיר, אַרויפגעלייגט זיין

האַנט אויף מיין אַקסל און האָט מיר געגומען פאַרזיכערן, אַז ניט אייביק וועט אָנהאַלטן דער מצב פון אַרבעטסלאָזיקייט און הונגער, און אַז ס׳וועלן קומען טעג, ווען אונדזערע שטרעבונגען וועלן פאַרווירקלעכט ווערן, און כאָטש היינט זעען זיי אויס ווי אַ ווייטער חלום, וועלן מיר זיי דערלעבן.

פון דאָרטן האָב איך זיך אומגעקערט אין „הכובש״ — ווידער צו אַ געראַנגל און שוועריקייטן, צו אַרבעטס־קאָנפליקטן און צו אַ נייעם קאַמף קעגן די פאַרזוכן פון די לאַנדבאַזיצער דורצוברעכן די פעסטונג פון יידישער אַרבעט און אריינפירן פרעמדע אַרבעט אין די פּרדסים, מעג עס זיין פאַר־בונדן אפילו מיט תפיסה.

אין יענע שווערע טעג האָט מיך אָפט באַגלייט די הויכע אַריסטאָקראַ־טישע געשטאַלט פון דאָקטאָר ווייצמאַן, וועמעס גלויבן אין דער היסטאָרישער שליחות פון יידישן אַרבעטער, האָט אונדז ניט ווייניק געשטיצט און געמו־טיקט אין אונדזערע שוועריקייטן און אָפּקומעננישן.

פאַרוואָס האָט מען אונדז ניט געבונדן די הענט ?

אין 1929טן יאָר האָט דער לאַגער פון דער „הכובש"־גרופּע זיך געפונען לעם כפר־סבא. מיר האָבן זיך אַהער צונויפגעזאַמלט נאָך אַ לענגערער תקופה אין פּתח־תקווה, ווו מיר האָבן באַקומען די ערשטע דערפאַרונג איינעם קאַמף פאַר יידישע אַרבעט אין אירע פּרדסים, און ווו מיר האָבן זוכה געווען צו דער ערשטער „פייער־פּראָבע" אין דעם קאַמף.

אַוודאי געדענקען נאָך מענטשן — כאָטש ניט קיין סך — יענעם „שוואַרצן פרייטאָג" אין פּתח־תקווה. דאָס איז געווען אין סעזאָן פון קטיף, און דורך די פּרדסים־טויערן האָבן מיר געזען די הונדערטער ביליקע אַרבעטער, פון די אַרומיקע אַראַבישע דערפער, וואָס שניידן און לייגן אַריין די אַראַנזשפּרוכט אין די קיילעכיקע געפלאָכטענע קאָשיקעס און טראָגן זיי אויף די פּלייצעס צום פּאַקהויז, ניט ווייט פון ברונעם. מיר זיינען געווען אַרבעטסלאָז און הונגעריק, און דער דאָזיקער אַנבליק האָט אונדז זייער צערייצט. די באַלעבאַטים פון די פּרדסים, די פאַררעטערישע יידן, האָבן דאָס פאַרויסגעזען און זיי האָבן איינגעלאַדן פּאָליציי. און ווען מיר האָבן זיך געריסן, אויפגעבראַכטע, צו די טויערן מיט גוואַלדן, האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף אונדז די בריטישע און אַראַבישע רייטער־פּאָליציי, מיט זייערע פערד, און זייערע שטעקנס האָבן געקנאַקט איבער אונדזערע קעפּ און רוקנס.

פאַרוווּנדעטע און צעטראָטענע האָבן מיר זיך אומגעקערט אין מחנה מיט אַ געפיל פון פאַרשטייערס וואָס האָבן אויסגעפילט אַ נאַציאָנאַלע און מענטשלעכע שליחות פון אַ גרויסן ציבור, אָבער ניט ווי באַזיגטע.

איצט, אין כפר־סבא, האָבן מיר זיך, אין די פּרדסים, ווידער אָנגעשטויסן אויף הונדערטער אַראַבישע אַרבעטער. געווען איז דאָס נאָך דעם ווי אין שרון איז אָנגעגאַנגען אַ דורכויס יידישע אַרבעט במשך פון פינף יאָר, און ווען די צאָל יידישע אַרבעטער איז אין שרון דערגאַנגען ביז צוויי טויזנט. איצט אָבער האָבן די באַלעבאַטים פון די פּרדסים מקנא געווען זייערע חברים אין פּתח־תקווה און האָבן ביסלעכווייז גענומען אַריינפירן ביליקע אַראַבישע אַרבעטער, אָנשטאָט די יידישע.

ווי געזאָגט, האָט זיך אונדזער מחנה באַזעצט לעם כפר־סבא ; צווישן

זיינע באַראַקן און געצעלטן איז געשטאַנען דער צריף פון דער בעקעריי, וואָס אַ דאַנק דעם האָבן מיר געהאַט ברויט, אַפילו ווען די מאַטעריעלע לאַגע איז געווען זייער אַ שלעכטע. מיר זיינען געווען איבער הונדערט חברים. צווישן אונדז עטלעכע מישפּחות; אין קינדער־צריף — אַריבער צען קליינ־וואַרג; און מיר טראָגן זיך אַרום מיטן התישבות־חלום, ווען די לופט אין דער מושבה ווערט וואָס פון טאָג מער פאַרפּעסטעט צוליב די אייגנטימער פון די פּרדסים, וואָס האָבן באַשלאָסן צו צעברעכן די „דיקטאַטור" פון דער ייִדי־שער אַרבעט, און האָבן מאָביליזירט צו דעם צוועק די מאַנדאַטאַרישע פּאָלי־ציי. מיר קומט אויס, אַז זינט מיין קומען אין לאַנד איז נאָך ניט געווען אַזאַ פאַרשאַרפטער קלאַסן־קאַמף ווי איצט. אַן אַטמאָספער פון אַ טיפער שנאה האָט געהערשט אין דער מושבה, און די גאַנצע אַרבעטער־געמיינ־שאַפט האָט זיך אַנגעשלאָסן אין דעם געראַנגל עוקר מין השורש צו זיין די פאַרראַט־אינטריגעס.

אַט אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די „וואַך־תקופה" אין שרון. טאָג־טעגלעך פלעגן זיך אויסשטעלן גרופּעס אַרבעטער פון דער מושבה און פון די שטאָ־טישע אַרבעטער מיט שילדן און לאָזונגען אין די הענט, וואָס שטרייכן אונ־טער דעם פאַרברעכן. מיט דער צייט זיינען צוגעשטאַנען צו אונדזערע וואַך־פּאָסטנס שרייבערס, דיכטערס, קינסטלערס, זשורנאַליסטן, לערערס און סתם ייִדן. אַזוי אַרום האָט זיך אונדזער וואַך־איינשטעל פאַרוואַנדלט אין אַ מין נאַציאָנאַלע דעמאָנסטראַציע, און דער קאַמף פון די ייִדישע אַרבעטער אויף אַרבעטסרעכט — אין אַ קאַמף פון גאַנצן ישוב. דער „פּאַרטיידיקונגס־פאַנד פאַר ייִדישע אַרבעט", וואָס איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן, האָט געשטיצט די געליטענע, ווייל ס'האָט ניט לאַנג גענומען, ווי דער פאַרשאַרפטער קאַמף האָט דערפירט צו צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי און צענדליקער אַרבע־טער מיט זייערע פאַרשטייערס זיינען אַרעסטירט געוואָרן.

ס'לייגט זיך אויפן שכל, אַז די אָנפירערס פון „פּויערים־פאַרבאַנד", וועלכע האָבן גענומען אונטער זייער שוץ די „הייליקע מלחמה" פון די פּרדסנים, וואָס ווילן ניט הערן פון ייִדישער אַרבעט, האָבן איינגערעדט די בריטישע רעגירער, אַז כל זמן די אַרבעטער־פירערס גייען אַרום פראַנק און פריי און „רייצן אָן" קעגן די פאַרפאַלגטע באַלעבאַטים, איז ניטאָ וואָס צו דערוואַרטן קיין באַרויִקונג. ווייזט אויס, אַז די גויִישע מוחות האָבן דאָס לייכט באַנומען, און די רעזולטאַטן פון דער תורה האָבן ניט געלאָזט וואַרטן אויף זיך צו לאַנג.

אין אַ געוויסן טאָג זיינען מיר איינגעלאַדן געוואָרן קיין יפו צו פּאָליאַקן, דעם וויצע־מושל פון קרייז, צו אַן אַדמיניסטראַטיוון מישפּט. דער מזכיר פון

מועצת הפועלים אין כפר־סבא, ראובן שרי (דעמאָלט שרייבמאַן), פנחס ספיר (דאַן קאָזלאָווסקי), דער פאַרוואַלטער פון דער ליי־ און שפּאָר־קאַסע פון אַר־בעטער אין דער מושבה, און מיין וויניקייט — אַ חבר פון „הכובש״; מיר דריי זיינען אָנגענומען געווען ווי די פירערס פון די אַרבעטער אין כפר־סבא.

מיר האָבן זיך דאָרט אָנגעטראָפן אויף עטלעכע באַלעבאַטים פון פּרד־סים, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן קעגן אונדז, און צווישן זיי מיינער אַן „אַלטער ידיד״ פון חוץ־לאַרץ.

די „פריינדשאַפט״ האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין ווילנע. איין מאָל האָט מען דאָרטן איינגעאָרדנט אַ פייערלעכע אַקאַדעמיע לכבוד דעם „תל־חי־טאָג״, אויף וועלכער איך בין אַרויסגעטראָטן אין העברעיִש. ווייזט אויס, אַז איך בין געפעלן געוואָרן איינעם אַ בכבודיקן יידן, אַ פאַרמעגלעכן, אַ בעל־בית פון אַ גרויסער בעקעריי און אַנדערע נכסים אין ווילנע. נאָך דער פאַר־זאַמלונג איז ער צו מיר צוגעגאַנגען, האָט מיר אָפּגעגעבן אַ „יישר־כוח״ און האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך אַהיים. געמיינט האָב איך, אַז דאָ גייט וועגן עליה־ענינים, האָב איך איינגעשטימט.

ווען כ׳בין געקומען האָט ער מיך זייער שיין אויפגענומען, מיט כיבוד. ניט לאַנג געוואַרט, האָט ער צו מיר אַ זאָג געטאָן: „זע, מיין טייערער, איך האָב דריי טעכטער חתונה צו מאַכן, און אַזוי ווי דו ביסט מיר געפעלן גע־וואָרן, לייג איך דיר פאָר, אַז דו זאָלסט נעמען מיין עלטערע טאָכטער פאַר אַ ווייב״. איך בין לכתחילה געבליבן זיצן אַ צעטומלטער, כ׳בין אָבער באַלד געקומען צו זיך און כ׳האָב אים געענטפערט, אַז, צום באַדויערן, איז דאָס ניט קיין פּאַסיקע צייט, ווייל איך בין פאַרנומען מיט די ענינים פון „החלוץ״ און עליה, און כ׳בין געצוווּנגען כסדר אַרומצופאָרן, אַזוי אַז כ׳וועל ניט האָבן ווען צו זיין אין דער היים... כ׳האָב שנעל אויסגעטרונקען די טיי, אָפּ־געזעגנט זיך. און בין אַוועק.

ווייזט זיך אַרויס, אַז דער ייִד איז געקומען קיין ארץ־ישראל, דריי חדשים שפּעטער פון מיר, און אַזוי ווי ער האָט געהאַט קאַפּיטאַל, האָט ער צווישן אַנדערע נכסים איינגעהאַנדלט אויך אַ פּרדס אין שרון. ער האָט זיך בליץ־שנעל אַקלימאַטיזירט, און אין סיכסוך וועגן יידישער אַרבעט איז ער געווען פון די הויפּט־קעגנער. איצט, אין דעם אַדמיניסטראַטיוון געריכט, איז ער געווען דער וואָרטזאָגער פון די באַלעבאַטים.

פּאָליאַק, דער ענגלישער וויצע־מושל, האָט אויסגעהערט די טענות פון ביידע צדדים און האָט דערקלערט אַ קורצע הפסקה. ער איז אַרויסגעגאַנ־גען און מיר זיינען געבליבן וואַרטן אויפן פּסק־דין. שטיל, מ׳רעדט ניט אויס

קיין וואָרט. פּלוצעם טוט דער ייִד אַ געשריי צו מיר: „אַ מיצווה אויף דיר! ווען דו וואָלסט גענומען מיין טאָכטער פאַר אַ ווייב, וואָלסטו אַזוי נידעריק ניט געפאַלן!...״

כ׳האָב פאַרקריצט מיט די ציין און ניט געענטפערט.

באַלד נאָך דעם איז אַריין פאַליאַק. ער האָט זיך געוואַנדן צו ביידע צד־דים און געפרעגט צי מיר האָבן ניט וואָס צוצוגעבן, און ווען מיר האָבן אים ניט געענטפערט האָט ער געפרעגט דעם ייִדישן אָפיציר, שיף, ווי דעם פאָליציי־פאַרשטייער, וועגן זיין מיינונג. זיין תשובה איז געווען, אַז כל זמן די אַרבעטער־פירערס זיינען פריי און זיינען גורם אומאָרדענונג, קען ער ניט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער רו אין דער מושבה.

פאַליאַק האָט אויסגעהערט דעם אָפיציר און האָט איבערגעלייענט דעם פסק־דין: מיר דאַרפן חתמענען, אַז מיר פאַרפליכטן זיך צו אַ „גוטער אויפ־פירונג״ אויף אַ תקופה פון זעקס חדשים, אין וועלכער מיר וועלן זיך ניט טאָרן געפינען אין כפר־סבא. די פאַרפליכטונג מיינט, אַז אונדז וועט פאַר־באָטן זיין צו פירן אַ וועלכע ניט איז אַגיטאַציע און העצעריי. מיר האָבן רעכט אויסצוקלייבן אונדזער גלות־פלאַץ אין צפון פון לאַנד. אויב מיר וועלן זיך אָפּזאָגן צו חתמענען אויף דער התחייבות צו אַ „גוטער אויפפירונג״ וועלן מיר אַרעסטירט ווערן און וועלן זיצן אין תפיסה ביז מיר וועלן חתמע־נען, מעג דאָס אפילו דויערן זעקס חדשים צייט...

נאָכן איבערלייענען דעם אורטייל האָט ער אונדז געמאָלדן, אַז ער דערלויבט אונדז אומצוקערן זיך אַהיים אויף אַ גאַנצע נאַכט, אָבער מאָרגן אין דער פרי מוזן מיר זיך מעלדן אין ביוראָ פונעם קרייז־מושל, כדי צו חתמען אויף דער התחייבות.

פון דאָרט זיינען מיר אַוועקגעפאָרן צום ועד הפועל פון דער הסתדרות באַראַטן זיך ווי אַזוי צו רעאַגירן אויפן אורטייל — אָננעמען אָדער אָפּזאָגן זיך. אין דער באַראַטונג האָבן זיך באַטייליקט דוד רמז, דוב האָז און אליהו גאָלאָמב. רמז האָט אונדז געראָטן חתמען, מיטן מאָטיוו, אַז ווען מיר וועלן זיין פריי, וועלן מיר, מחוץ כפר־סבא, קענען מיטהעלפן אינעם קאַמף מיט אַן עצה און מיט אונדזער השפעה.

מיר אָבער האָבן דעם מאָטיוו ניט אָנגענומען און האָבן קאַטעגאָריש גע־מאָלדן, אַז אונדזערע הענט וועלן ניט חתמען אויף אַ „גוטער אויפפירונג״, ווייל דאָס הייסט — אונטערגעבן זיך און מודה זיין, אַז אונדזער קאַמף איז ניט קיין גערעכטער. אונדזער שטעלונג האָבן אָנגענומען און באַשטעטיקט אַלע בייזיציקע.

דעם זעלבן אָוונט איז אין ירושלים פאָרגעקומען אַ רעפּרעזענטאַנץ־

פאַרזאַמלונג וואָס איז אַנגענומען געווען ווי די העכסטע אינסטיטוציע פון ישוב אין לאַנד. היות איך בין געווען אַ דעלעגאַט צו דער אסיפה, בין איך אַוועקגעפאָרן אַהין. בערל קאַצענעלסאָן האָט אין זיין אַרויסטריט אונטער־געשטראָכן, אַז דער גאַנצער ישוב אידענטיפיצירט זיך מיטן קאַמף פאַר ייִדי־שע אַרבעט און מיט דער וויכטיקייט פון דעם קאַמף, פון זיינע ווערטן און קאָנסעקווענצן פאַר דער צוקונפט.

„אַן ייִדישער אַרבעט" — האָט ער געזאָגט — „איז ניטאָ קיין ייִדיש־פאָטערלאַנד, און אונדזער גאַנצע מי און מאַטעריעש איז דאָך, אַז אונדזער פאָטערלאַנד זאָל ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ נייעם גלות"...

„דאָ געפינט זיך צווישן אונדז" — האָט ער פאַרגעזעצט — „אונדזער חבר יוסף באַנקאָווער, וואָס איז פאַרמישפּט געוואָרן צו תפיסה, צוליב זיין אָנטייל אין דעם קאַמף. ער האָט געבעטן דעם ייִדישן אָפיציר ער זאָל אָפּ־לייגן זיין אַרעסט אויף דריי טעג, כדי ער זאָל קענען אויספירן זיין פליכט, ווי אַ דעלעגאַט פון דער רעפּרעזענטאַנץ־פאַרזאַמלונג. דער אָפיציר האָט איינגעשטימט בלויז אויף פיר און צוואַנציק שעה, און מאָרגן פרי מוז ער זיך מעלדן אין דער פּאָליציי. ווי באַלד באַנקאָווער און זיינע חברים זיינען ניט איינגעגאַנגען אונטערצוחתמענען אויף „גוטער אויפפירונג", וואָס איר טייטש איז — אָפּזאָגן זיך פונעם בשותפישן קאַמף מיט די אַרבעטער פון כפר־סבא, מוז ער מאָרגן אין דער פרי אַריינגיין אין טורמע. דאָס איז דער לעצטער אָוונט וואָס ער איז מיט אונדז און, כ'מיין, אַז די פאַרזאַמלונג וועט וועלן הערן זיין געזעגענונגס־וואָרט"...

איך האָב דאָרט איבערגעגעבן וועגן דעם גאַנג פון אונדזער מלחמה פאַר ייִדישע אַרבעט און כ'האָב פאַרענדיקט מיט אָפּשייד־ווערטער. געווען איז דאָס אַן עמאָציאָנעלער מאָמענט; כ'האָב זיך געפילט ווי דער פאַרשטייער און שליח פון אַלע אַנוועזנדיקע און דאָס אידענטיפיצירן זיך פונעם גאַנצן ישוב אין פראָנט פון אונדזער קאַמף. מיט דער ברכה פון דער אסיפה האָב איך זיך די נאַכט אומגעקערט אַהיים.

צו מאָרגנס זיינען מיר געווען גרייט פאָרן קיין יפו און מעלדן, אַז מיר וועלן ניט חתמענען; מיט די פּעקלעך אין די הענט קלייבן מיר זיך אַריינ־צוגיין אין „פּאַנסיאָן" פון דער קעניגלעכער תפיסה. פּלוצעם האָבן גענומען קלינגען די גלאָקן פון דער מושבה, די געשעפטן זיינען תיכף געשלאָסן גע־וואָרן, די אַרבעט איבערגעריסן געוואָרן, און אַלע איינוווינער זיינען געגאַנ־גען צו דער פאַרזאַמלונג, צום צענטער פון שטעטל, זעגענען זיך מיט אונדז. כ'געדענק, אַז כ'בין אַרויס פון הויף פון רמת הכובש מיט מיין האַלב־יעריק ייִנגעלע אויף די הענט. מענטשן זיינען אַרויסגעטראָטן ריידן, זעגענען זיך,

אידענטיפיצירן זיך מיט אונדז. די צערודערונג איז געווען אַ גרויסע. חבר־טעס פון רמת הכובש און אויפזעעריגס פון קינדער־צימער האָבן זיך געווישט די אויגן, ווען כ׳האָב זיי דערלאַנגט מיין קינד.

אין ביוראָ פון קרייז־רעגענט האָט שוין אויף אונדז געוואַרט דער ייִדי־שער פּאָליציי־אָפיציר, שיף. קענטיק אַז ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט ניט זוכה זיין צו באַקומען אונדזערע חתימות, ווייל אויפן הויף, וווּהין מיר זיינען אַראָפּ, אין דער באַגלייטונג פון פּאָליציאַנטן, האָט שוין געוואַרט די שוואַרצע אַרעסט־מאַשין. פאַר אונדזער אַריינגיין אין איר, האָבן אונדז צוויי פּאָליציאַנטן געפּרוּווט אָנטאָן קייטן אויף די הענט. מיר האָבן זיי אָפּ־געשטויסן מיט כעס און דערקלערט, אַז מיר וועלן זיך קעגנשטעלן מיט גוואַלד, ווייל מיר זיינען ניט קיין קרימינעלע פאַרברעכער נאָר פּאָליטישע אַרעסטאַנטן. ווי באַלד די פּאָליציאַנטן איז קיין מאָל ניט אויסגעקומען האָבן צו טאָן מיט אַזאַ „סאָרט קליענטן״, זיינען זיי געבליבן שטיין צעטומלטע און האָבן ניט רעאַגירט.

מיר האָבן זיי געפרעגט וווּהין זיי פירן אונדז, נאָר קיין תשובה האָבן מיר ניט באַקומען. האָבן מיר דערקלערט, אַז מיר וועלן פרייוויליק ניט אַריינגיין אין דער מאַשין כל זמן זיי וועלן אונדז ניט זאָגן וווּהין מיר פאָרן. נאָך אַ געוויסער קווענקלעניש האָבן זיי דערקלערט, אַז מיר פאָרן צו דער צענטראַלער תפיסה אין ירושלים, „קישלע״.

ערשט דאַן האָבן מיר איינגעשטימט אַריינצוגיין אין דער מאַשין. די פּאָליציאַנטן האָבן פרייער אָפּגעאָטעמט און די מאַשין האָט זיך גערירט אין וועג אַריין...

צווישן די "קישלע"-מויערן פון ירושלים

דאָס אַוועקפירן אונדז אין אַ מלוכהשן „פּאַנסיאָן" אַזוי ווייט פון דער היים איז אונדז אויסגעקומען מאָדנע, ווען דאָ דערבײַ, אין דער אַראַבישער יפו, איז דאָך געווען אַ טורמע. אפשר האָבן די ענגלענדער מיט אַ כיוון אונדז געוואָלט דערווייטערן פון פאָקוס פון די אומרוען, צוליב וועלכע מיר זײַנען באַשטראָפט געוואָרן, אָדער זיי האָבן זיך באַצויגן צו אונדז מיט אַ באַזונדערן רעספּעקט און האָבן אונדז מכבד געווען מיט אַ הכנסת־אורחים דווקא אין דער הויפּשטאָט.

אַזוי צי אַזוי, זײַנען מיר יענעם אָוונט געזעסן אין אַ פּאַרצייטיקן שטיי־נערנעם בנין, אוודאי פון דער טערקישער תקופה, אין אַ קאָמפּאַניע פון גנ־בים, גזלנים און רוצחים פון דער „בעסערער געזעלשאַפט" אין לאַנד. זיי באַטראַכטן אונדז און מיר — זיי. אונדזער בלײַבן בײַ די אייגענע בגדים און ניט, ווי זיי, אין אַרעסטאַנטישע, האָט, קענטיק, צוזאַמען מיט אונדזער פרײַ־ער האַלטונג, אַרויסגערופן בײַ אונדזערע שכנים אַ געוויסן דרך־ארץ צו אונדז.

ניט נאָר דאָס הויז מיט זײַנע פונדאַמענטן איז געווען פון די טערקישע צײַטן, נאָר אויך זײַן באַקאַנטער נאָמען — „קישלע", איז אַ טערקיש וואָרט, כאָטש אין שפּאַניש הייסט ער „קאַלאַבוש". אָבער ניט אין סעמאַנטיק גייט דאָ. כ'וויל אײַך נאָר זאָגן, אַז ניט אין וויניק געביטן האָט די בריטישע אימ־פּעריע צוגעאייגנט מנהגים פון דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע, וואָס האָט דאָ אין לאַנד געהערשט פאַר איר, און די דערציילונג וועגן אַבו־דזשילדע וועט דאָס באַשטעטיקן.

בײַ טאָג זײַנען מיר דאָס רוב פאַרבליבן אין צעל, אָדער גענומען גע־וואָרן צו אַן אַרבעט, אָבער שפּעט נאָך מיטאָג פלעגט מען אונדז אַרויספירן צום „טאָג־שפּאַציר" אין שמאָלן הויף פון קאַלאַבוש. מיט אַ ריטמישן טראָט פלעגן מיר זיך דרייען איבערן הויף, איינער הינטערן צווייטן, בײַ אַ האַלבע שעה, און צוריק אין צעל אַרײַן.

מיר, דרײַ ייִדן, און „פּאַליטישע" דערצו, האָבן געוווינט אין צעל מיט נאָך זעכצן אַראַבער, קרימינעלע אַרעסטאַנטן; צווישן זיי יענער אַבו־

דזשילדע, מיט וועמען ייִדישע מאַמעס פלעגן סטראַשען זייערע קינדער, וואָס האָבן ניט געוואָלט עסן: „אויב דו וועסט ניט עסן ווי מ׳דאַרף, וועל איך רופן אַבו־דזשילדען"... ווייזט אויס, אַז זיין נאָמען האָט אויסגעפילט אויך אַ „דערציִערישע פונקציע"...

ווער איז געווען דער אַבו־דזשילדע? אַ באַוווסטער באַנדיט, וועמעס פחד האָט איבערגעשריטן די גרענעצן פונעם באַרגיקן ראַיאָן, ווו ער איז געווען טעטיק, גערויבט און געמאָרדעט, ביז מ׳האָט אים געכאַפּט און אַרייַנגעזעצט אין „קישלע", אין ירושלים.

היות מיר דריי, פון כפר־סבא, זיינען געווען „פּאָליטישע", איז אונדז דערלויבט געווען ניט נאָר צו טראָגן בירגערלעכע בגדים, נאָר אויך באַקומען עסנוואַרג פון דרויסן. פאַר דעם האָבן געזאָרגט די חברטעס פון דער שטאָטישער אַרבעטער־קיך. אין פאַרגלייך מיט אונדזערע שכנים, האָבן מיר זיך ממש געבאָדן אין עסן. זיי פלעגן אויסלופען די אויגן אָנקוקנדיק די קאָשיקעס שפּייז וואָס מיר האָבן באַקומען. נאָר זייענדיק דערצויגן אויף גלייכבאַרעכטיקונג, פלעגן מיר זיך טיילן מיט זיי מיט אַלץ.

טאָג־טעגלעך פלעגט מען נעמען אַבו־דזשילדען אין געריכט, ווו ס׳איז פאָרגעקומען זיין מישפּט, ביז דעם טאָג ווען מ׳האָט אים פאַראורטיילט צום הענגען. מ׳האָט אים אָפּגעגאָלט דעם קאָפּ, אָנגעטאָן אין רויטע בגדים, און ער איז אַריבערגעפירט געוואָרן אין צעל פון די פאַרמישפּטע צום טויט, אויפן אייבערשטן שטאָק פון דער תפיסה.

די ברוטאַלע ענגלענדער האָבן, ווייזט זיך אַרויס, אָנגעווענדט זייערע „דזשענטלמעניש" אייגנשאַפטן דווקא צו די פאַראורטיילטע צום טויט, וואָס האָבן זוכה געווען צו אַ סך עסן, פון דאָס סאַמע בעסטע. מסתמא האָבן די רעגירער געוואָלט דערווייזן, אַז זיי שיקן ניט אויף יענער וועלט קיין שוואַכע און צעקראַכענע באַשעפענישן, נאָר געזונטע און אָפּגעקאָרמעטע מענער. אַזוי אַרום האָט זוכה געווען אַבו־דזשילדע צו זאַטע און לוקסוספולע טעג.

איין מאָל, ווען אונדזערע צעל־מענטשן זיינען געווען אויף זייער טעגלעכן שפּאַציר, האָבן מיר דערהערט רופן פון אַן אייבערשטן פענצטער. אַבו־דזשילדע איז געשטאַנען ביי דער קראַטע און געשריִען כסדר: „אַל טאַלאַטה מן כפר־סבא!" דאָס הייסט: די דריי פון כפר־סבא. מיר האָבן זיך געוווּנדערט: וואָס וויל פון אונדז דער קאַנדידאַט אויף אַ שטריק? מיר האָבן אַרויפגעקוקט צו אים, ערשט ער האָט אַראָפּגעוואָרפן צו אונדז אַ פּעקעלע מיט... צוויי... באַנאַנעס... ער האָט, ווייזט אויס, געוואָלט דערווייזן, אַז אין זיינע לעצטע טעג טוט ער בכבודיקע מעשים און ער צאָלט אָפּ מיט העפלעכקייט פאַר העפלעכקייט...

אָבער אין אונדזער זינדיקער וועלט האָט דאָס אים ניט געהאָלפן; מ׳דערציילט, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט אַ געבורטסטאָג, האָט דער ענגלישער קעניג צוגעגרייט אַ רשימה פון די צום טויט פאַרמישפּטע, וואָס עס איז כּדאי צו באַגנעדיקן. ווען ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויפן נאָמען אַבו־דזשילדע, איז אים, ווייזט אויס, דער קלאַנג פונעם נאָמען געפעלן געוואָרן. האָט ער באַפוילן מ׳זאָל דערוויל דעם אורטייל ניט אויספירן, נאָר מ׳זאָל צושטעלן מער פּרטים וועגן דעם פאַרמישפּטן.

ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט... אויף מאָרגן נאָך זיין אַראָפּוואַרפן אונדז די באַנאַנעס, פאַר זונאויפגאַנג, האָט מען אים אַוועקגעפירט צו דער תּליה. אַ מוסלעמענישער גייסטלעכער האָט אויסגערופן „ניטאָ קיין אַללאַ נאָר אַללאַ״, און דער אומגליקלעכער האָט אויסגעהויכט זיין נשמה.

דערנאָך איז דער תּפיסה־פאַרוואַלטער אַריין צו זיך אין קאַנצעלאַריע, האָט אַרויסגענומען פון טישקעסטל אַ היפּשע פלאַש וויסקי און האָט זיך אָנגעגאָסן אַ פול גלאָז. זיצנדיק אַזוי, טרינקענדיק און טראַכטנדיק וועגן דעם גורל פון מענטשן, האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן, און עמעצער האָט אים איבערגעגעבן דעם קעניגס באַפעל.

„סאָרי, מיין הער״ — האָט ער געענטפערט מיט רויטלעכע אויגן — „איר האָט פאַרשפּעטיקט״...

און ער האָט זיך אָנגעגאָסן נאָך אַ גלאָז...

זיצנדיק אין טורמע, האָבן זיך אונדז געמאַכט אַ סך באַגעגענישן, נאָר ווייניק פון זיי זיינען מיר פאַרבליבן אין זכּרון. איך געדענק אָבער, אַז כ׳האָב עפּעס געלערנט וועגן דער מענטאַליטעט פון אונדזערע שכנים, וועגן זייערע קענגעזעצלעכע אייגנשאַפטן, ווי אכזריות און העלפעכקייט, אַ רייכע פאַנ־טאַזיע און אויפמערקזאַמקייט צו קליינלעכקייטן. איך האָב אויך באַרייכערט מיינע ידיעות אין אַראַביש.

און... כ׳האָב זיך אויך באַקאַנט מיט ירושלים און מיט איר סביבה, וווהין מ׳פלעגט אונדז פירן אַרבעטן. אין אַ געוויסן טאָג האָט אויך פּאַסירט די באַגעגעניש, וועגן וועלכער כ׳וועל דערציילן אין די ווייטערדיקע שורות.

*****

פאַר מיטאָג. די זון דערגייט צום זעניט. אין דער ליכטיקער שיין זיינען בולטער געוואָרן די שאַטירונגען פון די ירושלימער בערג, אָבער אויפן שיפּוע פון די בערג פון מדבר־יהודה, וואָס האָבן זיך פאַרנומען צו מיזרח־צו, צום ים־המלח, האָבן זיך פון דער גרויקייט אַרויסגעשיילט ווייסע פלעקן. דער אויסבליק פון דאַנעט, פון גאָרטן וואָס איז אַרום דעם פּאַלאַץ פון דעם הויך־

קאָמיסאַר אין מיזרח־ירושלים, נעמט אַרום אַ האַלב לאַנד, ביז די מואב־בערג, וואָס זייער אונטערשטער טייל איז פאַרהילט אין נעפל, וואָס שטייגט פונעם טיפן ים, פון אַ ווייטן פאַרוואָרפענעם תהום — —

איך קוק זיך צו צו קאָזלאָווסקין (מיין ידיד פנחס ספיר), וואָס האָקט מיטן לאָם אין קאַנט פון ניט קיין גרויסן פעלדז און וויל אים אַ ריר טאָן פון אָרט. איך אָבער שטיי און שפּאַר זיך אָן אָן מיין רידל. „פאַרן עסן וואָס איך באַקום אין מאַנדאַט־פּאַנסיאָן, אין ירושלימער תפיסה, האָב איך שוין היינט גענוג געטאָן", טראַכט איך זיך און כ'קוק זיך צו צום פאַרכאַפּנדיקן פּייזאַזש.

מיט אַ מאָל דערהער איך טריט. ניין, דאָס זיינען ניט קיין טריט פון אַ פּאָליציאַנט. אַ נידעריקער מאַן גייט אין מיין ריכטונג. איך באַמערק זיין הויכן שטערן, זיין טשופּרינע, וואָס שויבערט זיך פון לייכטן ווינט. צי האָב איך ניט קיין טעות? כ'קען שווערן, אַז דאָס איז בן־גוריון! וואָס טוט ער דאָ ביים הויך־קאָמיסאַר? מסתמא איז ער זיין גאַסט, ווייל כ'האָב ניט איין מאָל געהערט, אַז ער לאַדט אים איין כדי צו שמועסן איבער פילאָזאָפישע און פּאָליטישע ענינים. בן־גוריון איז פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען און ער זעט מיך ניט, ביז ער דערגייט צו מיר.

„שלום, בן־גוריון" — ווענד איך זיך צו אים. „אָ, דאָס ביסטו, באַנקאָווער?" — ענטפערט ער. „כ'האָב זיך ניט פאַרגעשטעלט, אַז כ'וועל דיך דאָ טרעפן... איך בין דאָ ביים מושל... קאָזלאָווסקי און שרייבמאַן זיינען אויך דאָ?.. כ'וועל זיך באַלד טרעפן מיט מיין גאַסטגעבער און כ'וועל אים דערציילן, אַז כ'האָב זיך דאָ באַגעגנט מיט מיינע גוטע פריינד..."

געזאָגט „שלום" און האָט זיך צוריקגעקערט אין פּאַלאַץ.

מיט דער צייט בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז בן־גוריון איז טאַקע יענעם טאָג איינגעלאַדן געווען צום סער אַרטור וואָקאָפּ. ווי אַזוי האָט אים געקענט איינפאַלן, אַז זיין גאַסט וועט טרעפן צווישן די אַרעסטאַנטן, וואָס אַרבעטן אין זיין גאָרטן, עטלעכע פון זיינע נאָענטע פריינד?

ביים מיטאָג האָט בן־גוריון דערציילט דעם סער אַרטור, אַז בשעת זיין שפּאַציר האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף עטלעכע פון זיינע גוטע פריינד, וואָס אַרבעטן ביי אים אין גאָרטן, אַרעסטאַנטן, אָבער ניט קיין פּאָליטישע פאַרברעכער, חלילה, נאָר אידעאַליסטן, חברים פון זיין פּלאַטפאָרם, און ס'האָט גריילעך געקענט פּאַסירן, אַז אויך ער, בן־גוריון, זאָל זיך געפינען צווישן זיי, ווייל ער שטיצט אַבסאָלוט די טעטיקייט, צוליב וועלכער זיי זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן.

פאַרנאַכט האָט מען אונדז צונויפגעקליבן און אָפּגעפירט אויף נאַכט־

לעגער אין ירושלימער „קישלע". פאַרנדיק האָב איך איבערגעגעבן די חב־רים וועגן מיין באַגעגעניש מיט בן־גוריונען, און זיי האָבן אַלע באַלד גבי־אות געזאָגט, אַז מיך וועט מען אין גיכן באַפרייען, ווייל ס'לייגט זיך אויפן שכל, אַז דער הויך־קאָמיסאַר וועט מאַכן אַ זשעסט פאַר זיין איינגעלאַדע־נעם גאַסט.

„פאַרוואָס נאָר מיך ?" — האָב איך געענטפערט — „מיר זיצן דאָך אַלע דריי אין איין לאַדקע !"

זייער פּראָגנאָז, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז געווען אַ ריכטיקער. דעם זעלבן אָוונט פאַרן צעשיידן זיך, האָט סער אַרטור וואָקאָפּ פאַרשפּראָכן זיין גאַסט צו טאָן וואָס נאָר מעגלעך איז, כדי צו באַפרייען זיינע פריינד. צו מאָרגנס אָבער האָט ער געקלונגען צו בן־גוריונען און געזאָגט: „ס'פאַר־דריסט מיך זייער... ס'איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז איך באַזיץ ניט קיין אַבסאָ־לוטן אויטאָריטעט דאָ אין לאַנד, ווי כ'האָב געמיינט... כ'בין ניט אויטאָרי־זירט צו באַפרייען אַ מענטשן, וואָס איז פאַרמישפּט געוואָרן און ער קומט אָפּ זיין שטראָף. בלויז אַ ריכטער, אָדער אַ פּאָליציי־קאָמענדאַנט האָבן רעכט דאָס צו טאָן"...

„אָ, אַ שאָד" — האָט אים בן־גוריון געענטפערט — „כ'בין איבערצייגט, סער אַרטור, אַז דו ביסט גענוג טאַלאַנטפול מתגבר צו זיין זיך איבער די פּראָטאָקאָל־באַוואָרעניש"ן...

און סער אַרטור האָט טאַקע געפונען אַ וועג... אַ פאַקט, אַז דעם זעלבן טאָג האָט זיך געעפנט די טיר פון מיין צעל און כ'בין איינגעלאַדן געוואָרן צום תפיסה־פאַרוואַלטער. קאָזלאָווסקין און שרייבמאַנען האָב איך שוין דאָרט געטראָפן. דער פאַרוואַלטער האָט אונדז אָנגעקוקט דערשטוינט, ביי־גיריק צו זען, ווי זעען אויס די אַרעסטאַנטן, מיט וועלכע מען אינטערעסירט זיך אין „די הויכע פענצטער" און מ'הייסט באַפרייען מענטשן, וועלכע זיי־נען נאָך ניט אָפּגעקומען זייער שטראָף...

ווען מיר האָבן גענומען אונדזערע פּעקלעך, האָט ער נאָך אַלץ גע־טראַכט, און איך האָב אַוועקגעשפּאַנט צום אויטאָבוס, כדי דעם זעלבן אָוונט אָנצוקומען אַהיים. אָנקומענדיק אין משק, האָב איך באַגעגנט נאָר די שומ־רים. אַלע זיינען שוין געשלאָפן. זיי האָבן מיך מכבד געווען מיט אַ גלאָז היי־סע טיי און כ'בין אַוועק צו זיך אין דירה. אויפן הימל האָט זיך אַ האַלבע לבנה גערוקט צו דער צווייטער זייט וועלט.

„עקשנות איז אַ פראַגע פון כאַראַקטער"

אין עצם גרייטן זיך עולה צו זיין אויף דעם באַדן אין וואַדי יפו, אין סאַמע הארץ פון די אַראַבישע פיינטלעכע דערפער, איז אונדז נאָך ניט קלאָר געווען ווער ס'וועט פינאַנסירן די אונטערנעמונג. הארצפעלד איז, ווי געוויינלעך, אַרומגעלאָפן אַ לאַנגע צייט צו באַקומען דעם ערשטן בודזשעט צו דעם צוועק. און איין מאָל, ווען כ'בין געווען אין „מרכז החקלאי", האָט ער מיר געמאָלדן, אַז „ס'איז דאָ אַ מעגלעכקייט צו באַקומען 5000 פונט, אָבער.."

„אָבער וואָס ?" האָב איך געפרעגט.

„דאָס איז אַ בייטראָג פון אַ דרום־אַפריקאַנער ציוניסט" — האָט הארצ־פעלד געענטפערט — „און זיי ווילן, אַז דער בייער פונקט זאָלן הייסן אויפן נאָמען פון גענעראַל סמאַטס, וואָס איז געווען אַ ציוניסטן־פריינד. דער פאָרשלאָג איז, אַז דער ישוב זאָל הייסן רמת יוחנן..."

ניט לאַנג טראַכטנדיק האָב איך אים גלייך געענטפערט: מיר וועלן אויפן נאָמען רמת הכובש ניט מוותר זיין. הארצפעלד און זיינע מיטאַרבעטער זיינען צעטומלט געוואָרן הערנדיק מיין קאַטעגאָרישע תשובה. ווען כ'האָב אין אונטן דערציילט די חברים וועגן דעם, האָבן זיי געלויבט מיין שטעלונג.

שפּעטער־צו האָבן מיר נאָך געדאַרפט אויסהאַלטן דעם דרוק און אפילו די דראָונג, אַז אויב מיר וועלן ניט איינגיין אויפן נאָמען „רמת יוחנן", וועלן מיר פאַרלירן בכלל וועלכע ניט איז שטיצע. און מען טאָר ניט פאַרגעסן, אַז אין יענע טעג איז אַ בודזשעט פון 5000 פונט געווען אַ זייער בכבודיקע סומע, וואָס האָט דערמעגלעכט אָנצוהייבן אַ ממשותדיקע התישבות.

מ'האָט געדאַרפט איין מאָל און ווידער אַ מאָל געבן צו דערקלערן אַ סך מענטשן, וואָס האָבן ניט פאַרשטאַנען אונדזער שטעלונג, וואָס עס באַדייט פאַר אונדז דער נאָמען „הכובש", נאָך פון די ערשטע טעג אין ווילנע, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן חלומען וועגן אַן עליה־קיבוץ. יענער עליה־קיבוץ, מיטן נאָמען „הכובש", איז פאַר אונדז געוואָרן דער סימבאָל און די פאָן פון דער גאַנצער חלוצישער באַוועגונג אין פוילן. זאָלן מיר איצט מוותר זיין אויף אים ?

„עקשנות איז אַ פראַגע פון כאַראַקטער", פלעגט מען אונדז ענטפערן.

איך ווייס, אַז סך האָבן באַטראַכט אונדזער עקשנות פאַר אַן אַבסורד. מיט דער צייט איז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז געווען אַ נאַטירלעכער אויסדרוק פון אונדזער סטאַבילער עקשנות, וואָס איז געוואָרן אונדזער קענצייכן, כאָטש דאָ האָט אפשר געשטעקט אויך אַ געוויסע תמימות. ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז אונדזערביישטיין אַלע נסיונות, וואָס אונדז איז מיט דער צייט אויסגעקומען דורכצומאַכן אין פאַרלויף פון אַ לאַנגער בלוטיקער תקופה, קען דערקלערט ווערן מיטן זכות פון דער תמימותדיקער עקשנות, וואָס איז באַזירט געווען אויף אַ קאַטעגאָרישן כוח...

***

די ערשטע טעג פון אונדזער גרינדן דעם רמת הכובש האָבן אונדז קיין נחת ניט פאַרשאַפט. ניט בלויז דאָס איבערנעמען זיך מיט יעדן טאָג אַרבעט, מיט יעדן נייעם געצעלט און צריף, מיט יעדן פונדאַמענט וואָס איז געגאָסן געוואָרן אין זאַמדיקן באָדן פאַר אַ ניי הויז, האָט צווישן אונדז דאָמינירט. פון טאָג צו טאָג איז געוואָקסן די אַקטיווקייט פון די אַראַבישע שכנים, וואָס האָבן ניט שלום געמאַכט מיטן אַנטשטיין פון אַ ייִדישן ישוב אין זייער סביבה.

איין מאָל, אין אַ שטורעמדיקער נאַכט, זיינען אויסגעהאַקט געוואָרן איבער פיר הונדערט ביימער אין אונדזער פרדס. צוליבן רעש און ווינט האָט קיינער ניט געהערט דעם אָפּהילך פון די העק. די חברים וואָס זיינען געקומען אין דער פרי אין פרדס זיינען דערשטוינט געוואָרן פון דער מאַסן־עקזעקוציע, וואָס האָט אָוועקגעממיטעט די פרוכט פון זייער לאַנגער און שווערער האָרעװאַניע. דעם ווייטאָג האָט באַגלייט אַ געפיל פון אַ טיפער באַליידיקונג און פון אַן אומזיכערקייט, אַז די פאַרברעכער וועלן באַשטראָפט ווערן.

שפּעטער זיינען צוגעקומען נאָך סאַבאָטאַזש־אַקציעס, שעדיקונגען אין דער קאָמוניקאַציע, נאַכט־שיסערייען, סימנים פון קוילן אויפן עסצימער און די הייזער. אונדזער לאַגער איז פול געוואָרן מיט אָקאָפּעס און פאַרבינד־קאַנאַלן, מיט אַ שטעכלדראָט־צוים אַרום און אַרום.

ווי נאָר נאַכט, פלעגן זיך אָנהייבן די שיסערייען, וואָס האָבן זיך געצויגן שעהען לאַנג, און דאָס אויער פלעגט זיך פּרווון אָריענטירן פון וואָסער זייט זיי קומען אָן, די האַנט פלעגט זיך אַ כאַפּ טאָן פאַרן רעוואָלווער אָדער ביקס, וואָס מ׳האָט אַרויסגעשלעפּט פון „סליק״, ווו זיי זיינען געווען באַהאַלטן ביי טאָג.

אַזוי האָבן זיך געצויגן די טעג און די נעכט, אַן איבעררייס צווישן דער אַרבעט און וואַרטע, און דעם ניט איבערגעריסענע חלום אויפצובויען דאָ

אַ פאַרנעמיקן און בלײַענדיקן ישוב. צענדליקער מאָל דורכן טאָג פלעגט זיך דער בליק אויפהייבן צום בויער־טורעם, צום עקבער וואָס גייט אַרויף און אַראָפּ, וואָס אונדזער גאַנצע צוקונפט איז אָפּהענגיק אין די רעזולטאַטן פון זײַן אַרבעט.

אַ געוויסן נאָך־מיטאָג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער עקבער האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַ שטיינערנעם שיכט. אַלע זײַנען געלאָפן אַהין מיט אַ פּאָר־כאַפּטן אָטעם. די ספּעציאַליסטן האָבן דאָך געזאָגט, אַז דאָ איז אַ שיכט וואָס פאַרמאָגט אַ סך וואַסער!

ערשט פון בויער־רער שפּאַרט טאַקע וואַסער! די פרײדגעשרייען האָבן איבערגעשטיגן איינער דעם אַנדערן; טייל חברים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ ווילדן טאַנץ — אין אַ מין אויסלאָדונג און אַנטשפּאַנונג פון דער שפּאַנונג, קלעם און מידקייט, וואָס האָט זיך געצויגן חדשים לאַנג. איצט איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז דער ענין איז דעצידירט: דאָ וועט אויסוואַקסן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער משק און אַ גרויסער ישוב.

אין דער פייערלעכער וואַסער־מסיבה איז דער עסצימער געוועזן פול פון ברעג ביז ברעג. אַלע האָבן געוווסט און פאַרשטאַנען, אַז מיר האָבן דערגרייכט צו אַ וויכטיקער סטאַנציע; ווי פריש בלוט וואָלט געפלאָסן אין אונדזערע אָדערן.

די טענץ אין עסצימער האָבן זיך געצויגן ביזן סאַמע אין דער פרי.

**
*

פערצן אַטאַקן האָט דורכגעמאַכט רמת הכובש, אָנהייבנדיק פון מיטן פעברואַר 1935 ביי נאַכט ביזן 18טן אויגוסט, ווען ס'איז דערהרגעט געוואָרן חיהלע פרוינד אויפן אָבסערוואַציע־פּונקט פון וואַסער־טורעם. די שפּורן פון די מערדער האָבן געפירט קיין קאַלקיליע.

חיהלע, דער ערשטער קרבן אין אונדזער בלוטיקער מלחמה.

אין יענעם טאָג בין איך געווען אין ירושלים, ווו כ'האָב זיך באַטייליקט ווי אַ מיטגליד אין דער פאַרזאַמלונג פון דער ישוב־רעפּרעזענטאַנץ. אויף דער פאַרזאַמלונג האָט מען מספּיד געווען אַכט און זעכציק קרבנות פון די אומרוען אין לאַנד. צי דען האָב איך זיך געקענט פאַרשטעלן, שטייענדיק שטום צום אָנדענק פון די קרבנות, אַז קומענדיק אַהיים, אין עטלעכע שעה אַרום, וועל איך געפינען חיהלעס ארון לעם וואַסער־טורעם, צווישן פאַרטרויערטע חברים, צוגעדעקט מיט אַ פאָן און מיט בלומען, און כ'וועל ווידער דאַרפן האַלטן אַ הספד?

**
*

פערטער אויגוסט 1938, אין די סאַמע אומרוען.

ס'איז פיר אַזייגער נאָך מיטאָג. די זון רוקט זיך צו מערב־זייט, און די שאָטנס פון די ציפּרעסן, וואָס נעמען אַרום די פּרדסים פון ביידע זייטן וועג, ווערן לענגער מיט דער אָוונט־שעה. איצט איז אָבער דער יסורים־וועג פּוסט, ווייל די לאַסטמאַשין פון רמת הכובש, מיט די זיבעצן חברים און חברטעס וואָס האָבן געאַרבעט אין די מיסקי־פּרדסים, איז געפאָרן, פון פאַר־זיכטיקייט־צוועקן, מיט אַ זייטיקן וועג. פאַר איר איז געקראָכן אַ קליינער טענדער מיט דריי שומרים און נאָך צוויי פוסגייער פון פאָרנט, כדי צו קאָנ־טראָלירן דעם וועג צי ער איז ניט מינירט.

זיי זיינען שוין געווען כמעט ביים סוף פון וועג, ווען ס'האָט זיך דערהערט אַ גוואַלדיקער אויפרייס. אַ הינטערשטע ראָד פון דער לאַסטמאַשין איז אַרויף אויף אַ גרויסער מינע, און די גאַנצע מאַשין האָט אַ פלי געטאָן אין דער לופטן, ווען איר פאָדערשטער טייל איז, אַן אָפּגעריסענער, פאַרשליידערט געוואָרן פופצן מעטער ווייטער. פינף חברים זיינען דערהרגעט געוואָרן אויפן אָרט,איין חברטע איז געשטאָרבן אויפן וועג צום שפּיטאָל. און נאָך צוויי — אין שפּיטאָל. בלויז דער שאָפער איז אַרויס גאַנץ.

אַכט דערהרגעטע.

דער גוואַלדיקער אויפרייס האָט אַלאַמירט די חברים פון קיבוץ און פון דער סביבה.

ווען ס'איז צוגעפאַלן נאַכט און דאָס פינצטערניש האָט גענומען איינהילן די וועלט, האָבן אַלע חברים פון רמת הכובש געוואַרט אויפן הויף אויף דער לאַסטמאַשין מיט די קדושים. ווען ס'האָט זיך דערהערט דער גערויש פון איר מאָטאָר און זי האָט זיך פאַרנומען צום הויף, האָט דער מוראדיקער ווייגעשריי געשפּאָלטן די לופט און געבראָטן דאָס לייב ווי אַ פייער. די לופט האָט געקאָכט מיט פינצטערן צאָרן און כעס, וואָס האָבן אויסגעלאָשן דעם מינדסטן ליכטיקן פונק.

צענדליקער יאָרן זיינען שוין פון דאַן אַריבער — יאָרן פון אומרוען, מלחמות, פּיין, ליידן, און ביז היינט נעמט מיך דורך אַ ציטער, ווען כ'דער־מאָן זיך אין יענעם אָוונט.

די לאַסטמאַשין איז צוגעפאָרן צום קולטור־הויז. פינף טראָגבעטלעך מיט טויטע קערפּערס שטעלט מען אַוועק אויף בענק איינס לעם צווייטן. מ'הערט ניט קיין פּיפּס. אַ שווערע שטומקייט הויערט איבער אַלץ און אַלעמען. דאָ און דאָרט פאַלט עמעצער, מ'כאַפּט אים אונטער. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם צעזעצן זיך די מענטשן איינער לעם צווייטן אויף דער ערד, אַרום הויז. שעהען ליגט מען אַן אַ קלאַנג און אָן אַ ריר צו טאָן זיך. און אַרום — אַ טיפע פינצטער־

ניש, אַ שטומע, אָן אַ שאָרך. ס׳איז שוין לאַנג נאָך האַלבער נאַכט און קיינער רירט זיך ניט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט צו פאַרשווּעכן דעם איובֿ־געפיל, אין וועלכן אַלע זיינען פאַרזונקען.

מיטן באַגינען האָבן זיך גענומען אויסשיילן פון דער פינצטערניש די הייזער, די געצעלטן און צריפים, די הייזער און די גראָזן. און מיט אַ מאָל לויכט אויף ווי אַ בליץ דער באַוווסטזיין, אַז דאָ, אין דער וויסטעניש, איז דאָך אויסגעוואַקסן אַ ישוב. אָבער דאָס געפיל פון באַפרידיקונג טרעט באַלד אָפּ ביי דער מחשבה וועגן שרעקלעכן פרייז, וואָס מיר האָבן באַצאָלט און האַלטן נאָך אין צאָלן: צוועלף קרבנות אין לעצטן מאָנאַט בלויז!

כ׳קוק זיך צו צו די מענטשן, צו זייערע אַראָפּגעלאָזטע אַקסלען, ווי זיי וואָלטן געטראָגן אַ שווערע משא. אין פאַרלויף פון געציילטע טעג האָבן זיך זיי איינגעקאַרבט אין די פּנימער טיפע קנייטשן. אַלע קוקן אויפן שאָסיי, מ׳וואַרט אויף דער מאַשין וואָס דאַרף ברענגען פון שפּיטאָל די דריי טויטע קערפּערס, און ווען זי קומט אָן, קומען צו נאָך דריי טראָגבעטלעך צו די פינף פון קולטור־הויז.

דערווייל קומען אָן מענטשן פון דער נאָענטער און ווייטער סביבה, און מיטאָג־צייט איז דער הויף אָנגעפּראָפּט געוווען מיט אַ גרויסן עולם. פון קולטור־הויז דערטראָגן זיך קלאַנגען פון האַמערס, וואָס פאַרקלאַפּן די ארונות איידער זיי לאָזן זיך אַרויס אין זייער לעצטן וועג, קלאַנגען וואָס רייסן דיר אָפּ דאָס האַרץ.

פּאַמעלעך ציט זיך די לאַנגע ריי צום בית־הקברות. דאָס פאַרשיטן די קברים ציט זיך לאַנג, ווי אָן אייביקייט, און ס׳דאַכט זיך דיר, אַז זי וועט זיך קיין מאָל ניט ענדיקן. איין גרויסער ברודער־קבר לעם די נאָך פרישע קברים. דער בליק פאַלט אָפּט אויף טיראַ, אויפן מערדער־דאָרף, און צום וואָדי, וווּ ס׳האָט אויפגעריסן די מינע. צי וועלן מיר ווען עס איז נקמה נעמען? און ווי וועט אויסזען די נקמה? אין דעם מאָמענט קענסטו זיך אפילו ניט פאָר־שטעלן קיין מענטשלעכע און שכנותדיקע באַציִונגען מיט די רוצחים. אַ געפיל פון אַ שרעקלעכער עלנטקייט לייגט זיך אָפּ אין האַרץ.

אהרון ציזלינג און דוד רמז זיינען מספּיד און טרייסטן. די שווערע און פּשוטע ווערטער דרינגען צוליב זייער פּשטות אַריין אין האַרצן, ברענגען מיט עפּעס אַזוינס, וואָס גיט צו אַ געוויסן זין דעם גאַנצן קאָשמאַר. דערנאָך, נאָך רגעס פון שווייגן, צעגייט מען זיך לאַנגזאַם, כאָטש ס׳ווילט זיך זייער אַרויסראַטעווען פון דער משא און פון דער צייט וואָס הערן ניט אויף צו דריקן — —

***

דעם זעלבן אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן דער שמועס, וואָס איז געווען פֿאַר־בונדן מיט אַן אויסלאָדן זיך און מיט אַן אַראָפּריידן זיך פֿון האַרצן. מיט דער צייט איז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז דער שמועס איז געווען אַ גורלדיקער. ער האָט זיך געצויגן צוויי טעג. און כאָטש מיר האָבן זיך ניט געקענט באַ־פֿרייען פֿון יתום־געפֿיל נאָך די פּופּצן געפֿאַלענע חברים און די דרייצן פֿאַר־וווּנדעטע, וואָס האָבן זיך געקייקלט אין זייערע ווונדן — האָט אין אַלע אַרויסטרעטונגען דאָמינירט אַן עקשנות און דעצידירטקייט אָנצוגיין ווייטער מיט דער אַרבעט און מיט דער שמירה, ניט צו פֿאַרלאָזן די פּאָזיציע, וועלכע מיר האָבן אַליין אויפֿגעבויט.

פֿון דעסט וועגן זיינען חברים אַרויס מיט דער טענה: פֿאַרוואָס פֿאַלט דער גאַנצער עול בלויז אויף אונדז אַליין, און פֿאַרוואָס באַטייליקט זיך ניט דער גאַנצער ישוב אין דער אויפֿגאַבע, אין וועלכער מיר האָבן פֿאַרגאָסן אונדזער בלוט אויף אַזאַ אכזריותדיקן אופֿן ? !

אין דעם שמועס האָבן זיך באַטייליקט יצחק טאַבענקין און חומה חיות.

כ׳געדענק ווי שווער עס איז געווען אָנטייל צו נעמען אין דעם שמועס. כ׳האָב ממש מורא געהאַט, אַז כ׳וועל זיך ניט קענען באַהערשן און וועל נאָך אויסדריקן אַלץ וואָס איז אָנגעבאַקן אויפֿן האַרצן און וועל דערביי צע־ברעכן עפּעס אַזוינס וואָס איז ביי אונדז הייליק, טראָץ דער פֿאַרביטערטקייט און בייזע איבערלעבונגען.

אין מיין אַרויסטריט האָב איך געזאָגט, אַז אין אָנבליק פֿון אונדזער שרעק־לעכער עלנטקייט, שעם איך זיך מיט דער אָפּגעריסנקייט און אָפּגעפֿרעמד־קייט פֿון געוויסע אינסטיטוציעס און אויטאָריטעטן. ערשט מיט אַ וואָך צוריק האָבן מיר באַגראָבן דריי חברים און נאָך דער לוויה האָב איך אַ פֿרעג געטאָן אין ועד הפּועל פֿון דער הסתדרות, פֿאַרוואָס מען פֿאַרענדיקט ניט גיסן דעם שאָסיי פֿון רמת הכובש. מיר מאָנען דאָס פֿון די אינסטיטוציעס שוין איבער אַ האַלב יאָר — און קיינער ענטפֿערט אונדז ניט. דאָס איז ניט נאָר אַ געלט־פֿראַגע, און ניט תמיד קען מען אין דעם באַשולדיקן די מאַכט. צייטנווייז זיינען אונדזערע אינסטיטוציעס אַזוי פֿאַרשטאָפּט און גלייכגילטיק אַז אין דעם זין האָבן זיי זיך ניט וואָס צו שעמען לגבי דער פֿרעמדער מאַכט.

דווקא אין דעם שמועס, האָב איך געזאָגט, וואָס קומט פֿאַר אַ פּאָר שעה נאָך דער לוויה פֿון די אַכט חברים, דאַרפֿן מיר דערשטיקן די געפֿילן וואָס גריזשען אין האַרץ, און טראַכטן וועגן מאָרגן — —

אין דעם שמועס האָבן זיך באַטייליקט, ווי געזאָגט, חומה חיות און יצחק טאַבענקין, וואָס האָט באַלויכטן דעם מצב פֿונעם אוניווערסאַלן שטאַנד־

פונקט פון דער תקופה, און ער האָט פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „אַ ייִד קען זיך ניט פאַרלאָזן אויף אַנדערע, נאָר אויף זיין אייגענעם כוח. רמת הכובש מוז וואַקסן און ווערן אַ שטאַרקער און אַן אַנגעזעענער ישוב. אונדזער כוח איז אין אונדזער עקשנות, אין אונדזער טיפער חברשאַפט, אין אונדזער צוזאַמענזיין, אין אונדזער לעבנס־ליבשאַפט — —

אין די רייד פון אַלע חברים האָט זיך אויסגעדריקט די עקשנות פון אונדזער לעבנס־פעיִקייט און אויסדויער.

***

שפּעטער זיינען אָנגעקומען לאַנגע וואַכעדיקע טעג, אין וועלכע די געפילן פון פאַרביטערונג און טרויער האָבן זיך צעלאָזן אין די בוי־איבערלעבונגען. חברים פון קיבוצים און פון שטאָט זיינען געקומען העלפן. דאָך זיינען נאָך יעדן טאָג געווען שעהען פון דענערווירונג און שפּאַנונג. יעטווידע באַוועגונג פון די אַרומיקע אַראַבער, יעדער אויסטערלישער שאָרך האָבן אָנגעשפּיצט די אויפמערקזאַמקייט און אַלאַרמירט אַלע חושים וואָך צו זיין.

איין טאָג האָב איך געוועסערט דעם פּרדס, און לעבן מיר האָט זיך אַרומגעדרייט אַ שומר מיט אַ ביקס. מיט דער טוריה האָב איך געפירט דעם וואַסערשטראָם צו די ערד־קאַנאַלן צווישן די ביימער; ווען איך פלעג זיך וועלן אַ רגע אָפּרוען, פלעג איך זיך אויסגלייכן און צוקוקן זיך צו דער סביבה. פון יענער זייט פּאַרקן האָט געאַרבעט אַן אַראַבער אין דערבייִקן ווייִנגאָרטן, וואָס האָט געהערט צום דאָרף מיסקי, און לעם אים — אַ שומר פון די דאָרפלייט, וואָס האָבן געהאַט רעכט צו טראָגן יאַגד־ביקסן. זיי האָבן זיך צוגעקוקט צו אונדז, און מיר צו זיי. די אַרבעט איז אָנגעגאַנגען ווייטער, אָבער די דענערווירונג און שפּאַנונג האָבן אונדז געהאַלטן ווי מיט צוואַנגען.

וועסערנדיק בין איך ביסלעכווייז דערגאַנגען צום פּאַרקן, צו אונדזער בית־עולם. פּופּצן קברים! ס'האָט מיך מיט אַ מאָל דורכגענומען די שרעקלעכע באַדייטונג פון דער צאָל, וואָס איז אונדז צוגעקומען אין אַזאַ קורצער צייט. אַ נייער ישוב, יונג און קליין — און אַזאַ גרויסער בית הקברות... דאָס אויג האָט געשוועבט איבער די אין שטיין אויסגעקריצטע נעמען, און היגטער יעדן נאָמען דערזעסטו דעם חבר אָדער חברטע, וואָס ערשט אייערנעכטן זיינען דאָ געווען צוזאַמען מיט דיר, זיינען געווען אַ טייל פון דיר און פון דיין לעבן, פון דיינע מחשבות, האָפענונגען און חלומות — —

ווען כ'האָב גענומען די טוריה און אַריינגעשטעקט זי אין דער ערד, האָב איך אויך מיינע אויגן אַריינגעשטעקט אין דר'ערד און כ'האָב דאָרט דערזען דעם שורש פון אונדזער לעבן.

„וועלכער קיבוץ איז דער רייכסטער?"

ווען ביי אונדז איז געווען רויִק, ווען די טעג און נעכט זיינען „ריין" געווען פון שיסערייען — איז אונדז ניט לייכט געווען צוגעווינען זיך צו דער רו. דער זיגל פון די באַלאַגערונגס־טעג איז נאָך לאַנג, לאַנג איינגעקאַרבט געווען אין אונדזער וועזן, און די רויִקייט האָט אונדז אויסגעזען פרעמד און ניט באַטירלעך. יאָרן לאַנג האָבן מיר נאָך געפילט דעם אָפּזאָץ פון יענער בלוטי־קער תקופה, און אונדזער זכרון האָט אונדז אָפט דערמאָנט אין איר, סיי אין שלאָף און סיי וואַכעדיקערהייט — —

***

„וועלכער קיבוץ איז גרעסער און רייכער — דגניה אָדער רמת הכובש?"

געפרעגט האָט דאָס אַ קאַנאַדער ייִד אין די מיטעלע יאָרן אין וויניפּעג, קאַנאַדע, וואָס איז געלעגן אונטער אַ גראָבן שיכט שניי.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָב איך געאַרבעט אין דער מגבית פון דער הסתדרות אין די פאַראייניקטע שטאַטן. איך בין געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און דערציילט די ייִדן וועגן אונדזער אָנטייל־נעמען אין דער מלחמה, וועגן אונדזער באַגעגעניש מיט דער שארית־הפליטה און וועגן אַלץ וואָס מיר האָבן געטאָן כדי אויפצוועקן אין די פאַרבליבענע רעשטלעך אַ האָפענונג און אַ ווילן צו אַ נייעם לעבן.

כ'געדענק, אַז אין מיינע אויפטריטן פאַר די ייִדן פון די פאַראייניקטע שטאַטן, האָב איך מיין אויפקלערונג געפירט אויפן זעלבן שטייגער ווי יוסף באַראַץ פון דגניה. ער האָט געוווּנען די סימפּאַטיע פון די ייִדן אין גלות און זייערע נשמות מיט זיינע האַרציקע דערציילונגען וועגן לעבן אין ארץ־ישראל, וועגן דעם שייער אין דגניה און אין כנרת, וועגן דער מאַלאַריע און וועגן אויסטריקענען זומפּן, וועגן די ערשטע קינדער פון דער קבוצה, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אין דער ברענענדיקער היץ פון עמק הירדן אאַ"וו. באַ־ראַץ האָט אין זיינע מעשיות אַריינגעטאָן אַ שטיק האַרץ און זיינע האַרצי־קע רייד האָבן באַצויבערט זיינע צוהערער.

איין מאָל, נאָך מיין אַן אַרויסטריט אין וויניפּעג, ווו כ'האָב דערציילט

אויך וועגן רמת הכובש, האָט זיך איינער פון די צוהערער דערמאָנט אין די מעשיות פון יוסף באַראַץ; האָט מיך דער ייד אַ פרעג געטאָן:

„וועלכער קיבוץ איז גרעסער און רייכער — דגניה צי רמת הכובש?"

אין דער ערשטער רגע בין איך צעטומלט געוואָרן פון דער אויסטערלישער שאלה, כ'האָב אים פשוט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. ווי קען מען בכלל פאַרגלייכן רמת הכובש, וואָס איז אַ שאַפונג פון דער פערטער עליה, און דגניה, וואָס איז די מאַמע פון קבוצות?

נאָך אַ ווײַלע קווענקלען זיך, האָב איך אים געענטפערט, אַז זיכער איז רמת הכובש רייכער. דאָס איז אפשר דער רייכסטער קיבוץ אין לאַנד, דער עולם אין זאַל האָט מיך אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

„יאָ" — האָב איך געזאָגט — „רמת הכובש האָט דעם גרעסטן בית־עולם. ניטאָ נאָך אַזאַ אין דער רעשט קיבוצים. דאָרט זיינען פאַראַן איבער פיר הונדערט קברים פון חברים און חברטעס, וואָס זייער מערהייט איז אַ רעזול־טאַט פון אַראַבישע אָנפאַלן, פון אונדזערע אַראַבישע שכנים. די קדושים זיי־נען געווען פשוטע פאַלקס־מענטשן, פון דער חלוצישער ראַסע, געטריי און איבערגעגעבן".

„ס'זיינען דאָ קיבוצים, וואָס פאַרמאָגן פאַרשיידענע און פּראָספּערירנדיקע אָפּצווייגונגען, אפילו אינדוסטריעלע" — האָב איך זיי געזאָגט. „אונדזער גורל איז אָבער געווען מיר זאָלן אין אַ קורצער צייט האָבן דעם גרעסטן בית־הקברות". און פאַרשטעלנדיק פאַר זיי די נעכט ווען מען איז אונדז איבערגעפאַלן, די מלחמה און די געפאַלענע גופא, איז מיר אַליין פּלוצעם קלאָר געוואָרן ווי קאָלאָסאַל עס איז דער מענטשלעכער און גייסטיקער אוצר, וואָס איז באַהאַלטן אין מיין היים, אין שרון — —

מיינע צוהערער האָבן זיך צוגעהערט שטיל. דערשטוינט עטוואָס פון מיין דערציילן וואָס זיי האָבן אַזוינס ביז איצט ניט געהערט אויף קיין שום אסיפה...

כ'האָב זיי אויך איבערגעגעבן וועגן די טעג נאָך דער באַלאַגערונג, וועגן דער איבערגאַנגס־תקופה, וואָס צווישן דער שפּאַנונג און רויִקערן לעבן, ווען דער מאַטראַץ אין די אָקאָפּעס האָט נאָך אַ היפּשע צייט געדינט ווי אַ נאַכט־געלעגער פאַר די חברים. אַ לאַנגע צייט האָבן מיר ניט געוווּסט וואָס הייסט אויסטאָן זיך פאַרן שלאָף, ווייל שלאָפן פלעגן מיר אויף די פּאָסטנס, אין די בגדים.

נאָך דער אומאָפּהענגיקייטס־מלחמה, ווען אַ טייל פון די שכנישע אַראַבישע דערפער זיינען שוין געווען אין אונדזערע הענט, האָט אויך רמת הכובש פרייער אָפּגעאָטעמט. מיר האָבן זיך אומגעקערט צו אַ נאָרמאַלן לעבן, אַר־

בעטן ביי טאָג און שלאָפן ביי נאַכט. אמת, די גרייטקייט און די שמירה איז נאָך געווען אַ וויכטיקער טייל פון אונדזער אַרבעט, אָבער פון באַלאַגערונגס־צושטאַנד האָבן מיר שוין ניט געוווּסט.

ביסלעכווייז האָט זיך דאָס לעבן איינגערעגולירט. יעדערער האָט זיך גע־האַט זיין בעט און זיין בעטגעוואַנט. נו, אויב אַזוי, דאַרף מען דאָך האָבן אַ פּיזשאַמע, אמת? אַ פּיזשאַמע?.. וואָס איז דאָס? מ׳האָט פון דעם כמעט ווי ניט געהערט — —

איין מאָל, אַן ערב שבת, ווען די חברים זיינען געקומען פון דער אַרבעט, האָט יעדערער געפונען אין זיין בגדים־קעמערל אין מאַגאַזין אַ פּיזשאַמע. האַלטנדיק זי אין האַנט איז אוממעגלעך געווען ניט צו דערמאָנען זיך אין די שלאָפּלאַזע נעכט אויף די פּאָסטנס און אַקאָפּעס. די פּיזשאַמע האָט אפשר סימבאָליזירט די איבערגעשטאַלטונג וואָס איז געשען אין אונדזער לעבן.

„נו, איר צווייפלט נאָך אין דעם צי רמת הכובש איז דער רייכסטער קיבוץ אין לאַנד?״ — האָב איך געפרעגט די ווינניפּעגער ייִדן, וואָס זיינען געזעסן אַנטקעגן מיר. זייער ענטפער איז געווען אַן אומעטיקער האַרציקער שמייכל...

דרייסיק יאָר שפּעטער: פאַרזאַמלונג צום אָנדענק פון יענע טעג אין כפר־סבא (פון רעכטס אויף לינקס): ראובן שרי, אהרן בעקער (סעקרעטאַר פון דער הסתדרות), באַנקאָווער (רעדט), מרדכי סורקיס, פּנחס ספיר, בעלפער (סעקרעטאַר פון אַרבעטער־ראַט אין כפר־סבא). אונטן: חברים־ותיקים. אין הינטערגרונט — דאָס בילד פון די דריי אַרעסטירטע.



אויף דער לוויה פון יוסף אהרונוביץ, פון די אָנפירערס פון „הפועל הצעיר”. פון רעכטס אויף לינקס : מאיר ארגוב, באַנקאָווער, בן־גוריון, צבי ליבערמאַן. אונטן : שטייען פאַרנט : אלכסנדר זיסקינד ראַבינאָוויטש (רעכטס), פאַליאַ בן־גוריון (אין מיטן), באַנקאָווער און הינטער אים האַרצפעלד.

אויבן: די חברים אין הכשרה־קיבוץ סאלדוני ביי ווילנע, בעת יוסף באַנקאָווערס (לינקס) באַזוך
אונטן: דער מרכז פון „החלוץ" אין פוילן, 1924. זיצן (פון רעכטס אויף לינקס): יצחק פונט, אַן
אומבאַקאַנטער, באַנקאָווער, אליהו דאָבקין, חומה חיות. שטייען: אהרן בערדיטשעווסקי, אַן
אומבאַקאַנטער, יוסף אוליצקי, אברהם האַפט, מרדכי יפה, אברהם גובערמאַן.

„דער דרייילינג" פון כפר־סבא, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן דורך די ענגלענדער, צוליב זייער קאַמף פאַר יידישע אַרבעט (פון רעכטס אויף לינקס): פנחס קאַזלאָווסקי (ספיר), באַנקאָווער, ראובן שרייבמאַן. אונטן: געזעגענונג־פאַרזאַמלונג אין כפר־סבא, פאַר זייער גיין אין טורמע.

אַ מסיבה פאַר נחום ניר (אין צענטער) צו זיינע 80 יאָר. לינקס — י. טאַבענקין. רעכטס — י. זרבבל. חברים פון פועלי ציון און אחדות העבודה. אונטן: אַ באַגעגעניש אין בבה אידעלסאָנס (פון דער לינקער זייט) צימער אין ועד הפועל מיט אַנדזשעליקאַ באַלאַבאַנאָוואַ, סעקרעטאַרין פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין איטאַליע, לעבינס געוועזענער געהילף. רעכטס: אהרן בעקער,

אויפן וועג צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין 1935. פון רעכטס צו לינקס: זיאַמע אהרונוביץ (זלמן ארן), באַנקאָווער, יצחק בן־אהרן, ישראל גלילי. אונטן: מ׳כאַפּט אַ לייכטן דרימל אויף דער קאָנפערענץ פון קיבוץ המאוחד אין יגור, 1937, בעת די דיסקוסיעס אין זאַל זיינען ניט שטאַרק אינטערעסאַנט.

אויבן : בערל קאַצענעלסאָן איז מספיד ביילינסאָנען. רעכטס — באַנקאָווער, לינקס — מרדכי נמיר.
אונטן : פאַרטיי־קאָנפערענץ אין חדרה, 1935. פאָרזיצער — באַנקאָווער. רעכטס פון אים — יוסף אהרונוביץ, אברהם קאַצענעלסאָן, משה שערטאָק. לינקס פון אים — בן־גוריון, מאיר אַרגוב א.א.

אויבן: אויף זרובבלס לוויה. אונטן: דעם זעלבן טאָג, אַ באַגעגעניש אין ועד הפּועל פון דער הסתדרות. פון לינקס אויף רעכטס: בן־גוריון, י. טאַבענקין, נחום ניר, שטייען: משה טאַבענקין,



„מ'קען קלעטערן אויף די פּיראַמידן?"

געפּלעפּטע זיינען מיר געשטאַנען פאַר די קאָלאָסאַלע פּיראַמידן, און אונדזער עיקר התפּעלות איז געווען ניט נאָר פון די גוואַלדיקע און מעכטיקע געביידעס. זי האָט זיך אויסגעדריקט אין דער שאלה, וואָס מיר האָבן געהאַלטן אין איין פרעגן זיך אַליין — ווי אַזוי האָט מען אויסגעהאַקט, אַרומגעטעסעט, געבראַכט און אַרויפגעשלעפּט אַזוינע שווערע, טיטאַנישע שטיינערנע הרודעס, ביז מען האָט יעדער איינע אַוועקגעלייגט אויף איר פּלאַץ. כ'האָב באַשלאָסן ניט צו „ברעכן זיך דעם קאָפּ" איבער דער סוגיה, און כ'האָב זיך באַנוגנט מיט דער דערקלערונג, אַז צענדליקער טויזנטער קנעכט האָבן ביי דעם געאַרבעט יאָרן לאַנג. וועט איר דאָך פרעגן: ווער איז דאָס די „מיר", וואָס זיינען דאָרט געווען?

ובכן מיר זיינען געווען באַנאַנד: בערל רעפּעטור און איך. עטלעכע טעג פאַר דעם, אויף אַ זיצונג פון פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט אין תל־אביב, האָב איך דערהאַלטן פון אים אַ צעטעלע, ווו ער דערציילט מיר, אַז ער פאָרט קיין מצרים, קיין קאַיר, באַזוכן בערל קאַצענעלסאָנען, וואָס איז אַוועקגעפאָרן אַהין היילן זיך. „ביסט אפשר גרייט מיטצופאָרן?" כ'האָב אים גלייך געענטפערט — יאָ! ווייל אין די קאָפּדרייעניש פון יענע טעג האָבן מיר געפילט, אַז מיר נייטיקן זיך אין אַן עצה און אַנווייזונגען פון בערל קאַצענעלסאָנען, וואָס איז פאַר אונדז געווען ניט נאָר דער מורה נבוכים, נאָר אַ מענטש וואָס אין זיין מוח און הארץ געפינט זיך דער קאָמפּאַס פון דער באַוועגונג.

נאָך דער זיצונג האָט מיר בערל רעפּעטור געזאָגט, אַז לאָה, בערל קאַצענעלסאָנס פרוי, האָט אים דערציילט, אַז די מעדיצינישע אונטערזוכונגען האָבן אויסגעפונען, אַז ס'איז עפּעס ניט בסדר מיט זיין בלוט, ווייזט אויס — אַן אָנהייב פון סקלעראָז. דאָס, און זיין אָפּגעריסן זיין פון לאַנד און פון חברים, רופט זיך אָפּ שלעכט אויף זיין שטימונג, און ס'איז געווונטשן, אַז חברים זאָלן פאָרן אים באַזוכן און דערמוטיקן. רעפּעטור האָט איר פאַרשלאָגן אַנגענומען און ער לייגט אים פאַר אויך מיר.

געווען איז דאָס אין די אומרוען פון יאָר תרצ"ו, אין די טעג ווען ס'זיינען

אַנגעגאַנגען שאַרפע וויכוחים אין דער באַוועגונג אַרום דעם פאַרשלאַג צו פאַראייניקן די פאַרטייען מיט דער קיבוצישער באַוועגונג, וואָס בערל קאַצע־נעלסאָן איז געווען זיין פאַנען־טרעגער, וויכוחים וואָס האָבן שוין געטראָגן אין זיך שפורן פון דער שפּאַלטונג, וואָס איז מיט דער צייט געשען אויף דער פאַרטיי־קאָנפערענץ אין כפר־ויתקין. בערל קאַצענעלסאָנס לאָזונג איז געווען — „איין הסתדרות, איין פאַרטיי, איין קיבוצישע באַוועגונג". אין דעם האָט ער געזען די קווינטעסענץ פון דער גאַנצער טעטיקייט, און דאָס האָט געבראַכט צו אַ גרויסער שפּאַנונג צווישן אים און אַ סך חברים פונעם קיבוץ המאוחד, פון וועלכן ער האָט געפאָדערט ער זאָל זיך פאַראייניקן מיטן חבר הקבוצות. די מערהייט חברים פון קיבוץ המאוחד זיינען געווען קעגן דער פאַראייניקונג, ווייל לויט זייער מיינונג איז ווייט ניט זיכער געווען, אַז דער קיבוץ וועט קענען פאַרזעצן זיינע אויפגאַבן, וואָס דרינגען אַרויס פון זיין אידעאָלאָגיע און פון זיין וועלט־אַנשויונג.

נאָך דעם ווי בערל קאַצענעלסאָן האָט פאַרעפנטלעכט זיין אַרטיקל „ערעו־רים על המצב הקיים", אין יאָר תרצ"ו, האָט זיך דער וויכוח געהאַלטן אין איין פאַרשאַרפן. דאָס גלייכן נאָך זיין רעדע אויף דער טעמע אין נען און אין אַנדערע ישובים פונעם קיבוץ המאוחד.

צו די דיסקוסיעס, וואָס האָבן דער עיקר אויפגערודערט די קיבוצים, זיינען צוגעקומען אינעווייניקסטע פּאָלעמיקעס אין דער הסתדרות, באַזונ־דערס אין די שטעט, וועגן אַרבעטס־אָפּמאַכן, אַרבעטסלאָזיקייט, סטאַביל־קייט און לוין, ווי אַ צוגאַב צו די מיינונגס־פאַרשיידנהייטן, וואָס האָבן צע־שפּאַלטן דעם גאַנצן יידישן ישוב און אַלע פּאַרטייען אַרום דעם פאַרשלאָג צו צעטיילן דאָס לאַנד וואָס די בריטישע מאַכט האָט אַריינגעטראָגן, און האָט צערודערט די אַטמאָספער.

אין קעלער פון „בית ברנר" אין תל־אביב, דאָס הויז פון דער מועצת הפּועלים אין דער גרויסער שטאָט, האָט זיך צעמענטירט אַ בלאָק פון ווידער־שפּעניקייט און פון אָפּאָזיציע צום שטאַב און צום אַפּאַראַט, וואָס האָט שפּע־טער געדינט ווי דער יסוד פון „סיעה ב'" מיט די חברים פון קיבוץ המאוחד אין דעם שפּיץ. הקיצור, דאָס איז געווען אַ זייער פערמענטירנדיקע תקופה, מיט שאַרפע ווידערשפּרוכן און אַ סך ראַנגלעניש, וואָס האָבן בערלען קיין געזונט ניט צוגעגעבן, ווייל ער איז דאָך געשטאַנען אין ברענפּונקט פון דעם גאַנצן ווידעראַנאַנד.

כ'געדענק, אַז קיין מצרים זיינען מיר אַרויסגעפאָרן פון לוד שפּעט ביי־טאָג מיט אַ צוג, וואָס איז געפאָרן דורך נאַכט און איז אָנגעקומען אין קאַנ־טאַראַ אין דער פרי, אין דעם טייל וואָס ליגט פון יענער זייט סועץ. נאָך אַ

דריי־פיר שעה וואַרטן, האָבן מיר זיך גערירט און זיינען אָנגעקומען אין קאַיִר. צו ערשט האָבן מיר אָנגעביסן אין אַ רעסטאָראַן און דערנאָך זיינען מיר מיט אַ טראַמוויי צוגעפאָרן צום פּאַנסיאָן, ווו בערל האָט געוווינט.

ווען כ׳האָב דערזען ווי ער האָט זיך איבערגענומען און דערפרייט מיט אונדז האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מיר האָבן זייער גוט געטאָן וואָס מיר זיינען אַהער געקומען. ער האָט אונדז פאַרגעלייגט מיר זאָלן ניט דורכ־לאָזן די געלעגנהייט און תיכף אַרויסגיין אויף אַ שפּאַציר אין שטאָט און איר אומגעגנט, זען די פּיראַמידן און די איבעריקע אינטערעסאַנטע פּלעצער. און באַלד האָט ער אונדז פאַרשאָטן מיט שאלות וועגן אַלץ וואָס עס קומט פאָר אין לאַנד, אין הסתדרות, אין קיבוץ און אין דער פּאַרטיי. ער קריגט טאָקע יעדן טאָג בריוו און צייטונגען פון ארץ־ישראל, ער וויל אָבער אויך וויסן פון אַלץ, פון דעם וואָס אין די צייטונגען איז ניטאָ.

בערל רעפּעטור, אַ טוער פון „סולל בונה״, האָט אים דערציילט וועגן דער טעטיקייט פון דער אינסטיטוציע אין לאַנד און אין די שכונותדיקע לענדער, וועגן די פּלענער וואָס קריסטאַליזירן זיך אויס אַרום דער „התישבות חומה ומגדל״, וועגן דער אַקטיווקייט פון דער „הגנה״, וועגן דער אונטערגראַבונגס טעטיקייט פון די שכנים, און נאָך אַ סך פאַרשיידענע ידיעות; ער האָט זיך אָבער ניט געקענט אַרויסדרייען פון בערלס קאָנקרעטע פראַגן און ער האָט אים דערציילט וועגן די צעוואַקלטע באַציִונגען אין דער פּאַרטיי און וועגן איר טריבער אַטמאָספער.

ס׳איז ניט שווער געווען צו זען, אַז די ענינים רויבן אָוועק בערלס רו. ער איז זייער צערודערט געווען און האָט גערעדט מיט אַ טיפער גערירטקייט:

„ניט די ענינים פון חיפה און תל־אביב, מיט אַלע דאָרטיקע ביטערע פאַר־העלטענישן אינטערעסירן מיך אין דעם מאָמענט, כאָטש זיי טוען געוואַלד וויי״, האָט ער געזאָגט. „דאָס איז אַלץ אויפן פערזענלעכן באָדן. די סכנה איז טיפער און זי ליגט אין דער צעשפּליטערונג פון דער קיבוצישער באַוועגונג, וואָס איז דער יסוד און דער שורש פון אונדזער גאַנצער אונטערנע־מונג. איך בין זיכער, אַז עס זיינען פאַראַן ממשותדיקע סיבות, וואָס האָבן געבראַכט צו דער פאַרביטערטקייט און צו דער יורונג פון די אַרבעטער קעגן דעם אַפּאַראַט פון דער הסתדרות אין תל־אביב, און מיר גייט אָן דער מצב ניט ווייניקער ווי דעם קיבוץ המאוחד, וואָס גיט זיין פּראַטעקטאָראַט צו דער דערשיינונג, וואָס קען צו נישט מאַכן דאָס בעסטע וואָס מיר פאַרמאָגן. אָבער כל זמן דער קיבוץ המאוחד האָט זיך ניט פאַראייניקט מיט די אַנדערע קיבוצישע באַוועגונגען, ווי אַזוי וועלן מיר דערוויזן אַז די ענינים פון דער באַוועגונג זיינען וויכטיקער פון דעם אַפּאַראַט?״

דאָ האָט ער גענומען לויבן דעם קיבוץ המאוחד, וואָס איז ניט מסכים, אַז אין זיינע רייען זאָלן זיך געפינען בלויז אויסדערוויילטע חברים (לויטן קריטעריום פון דער יוגנט־באַוועגונג און פון דער איינהייטלעכער דער־ציִונג). ער דאַרף זיין אָפן פאַר יעדן יידן. ער האָט גערימט דעם ציוניסטישן און חלוצישן וועג פון דעם קיבוץ, אַ זאַך וואָס פאַרזיכערט פון אַ שפּאַלטונג, ווי ס׳איז געשען אין גדוד, ווו ס׳האָט זיך אַנטוויקלט אַן אַנטי־ציוניסטישע אָפּאָזיציע. „דאָס איז דער בשותפישער יסוד פאַרן קיבוץ און פאַר אַלע טיילן פון דער באַוועגונג, דעריבער איז ניטאָ קיין שום סיבה עס זאָל ניט פאַר־קומען די פאַראייניקונג״.

יעדן מאָל, ווען אין צימער איז שטיל געוואָרן, פלעגט ער זיך כסדר אומ־קערן קלאָגן און ווייטיקן אויף דער שפּאַלטונג אין בית־אלפא, ווען אַלטע חברים פון מפא״י האָבן פאַרלאָזן און זיינען אַריבערגעגאַנגען קיין רמת־יוחנן. מיר האָבן געזען, אַז דאָס האָט אים טיף געטראָפן, און אַז ער נעמט דאָס אָן ווי אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג. מיר האָבן פּרובירט אַריבערפירן דעם שמועס אויף אַנדערע געביטן, נאָר ס׳איז אונדז ניט געלונגען אָפּצו־ווענדן אים פון דעם ענין, וואָס האָט אים דערשיטערט. מיר האָבן געפּרוּווט, מיטן גאַנצן דרך־ארץ און העפלעכקייט, אויסצודריקן אונדזער מיינונג, אַז ניט דער מצב אין דער קיבוצישער באַוועגונג האָט דערפירט צו דער לאַגע אין דער פּאַרטיי און אין דער תנועה, נאָר מיר האָבן זיך איינגעהאַלטן און האָבן זיך צו אים צוגעהערט שטילערהייט. מיר זיינען דאָך געקומען מבקר חולה זיין, און דאָ זעען מיר ווי ער איז צעקלעמט און צעווייטיקט פון די געשעענישן אין דער באַוועגונג, וועגן וועלכער ס׳האָט זיך געפירט אונדזער שמועס.

פּלוצעם האָט ער אַליין איבערגעריסן, ווי ער וואָלט זיך געכאַפּט, אַז ער פירט זיך ניט אויף ווי ס׳באַדאַרף צו זיין מיט זיינע געסט, און ער האָט ווידער פאַרגעלייגט מיר זאָלן אויסנוצן אונדזער זיין אין מצרים און זאָלן וואָס מער שפּאַצירן און מאַכן עקסקורסיעס. „צאַדיקאָוו״ — האָט ער געזאָגט — „וועט אייך באַזאָרגן מיט אַלעם נייטיקן״.

***

ווער איז דאָס דער צאַדיקאָוו ? ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז אַ געוועזענער חבר פון דגניה, נאָר ער האָט זייער געליטן פון קדחת און איז געצוווּנגען געווען פאַרלאָזן דאָס לאַנד און באַזעצן זיך אין מצרים. דאָ האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט אַלץ וואָס האָט געבונדן ארץ־ישראל מיט מצרים און מיט דער היגער יידישער קהילה, געפירט אַ ציוניסטישע טעטיקייט און האָט זיך

באַטראַכט פאַר אַ שליח פון דער הסתדרות. בערל קאַצענעלסאָנען האָט ער פאַרהערלעכט, ער האָט זיך צו אים באַצויגן ווי צו אַ פאָטער און אַ לערער און האָט געזאָרגט פאַר זיינע באַדערפעניש. ער האָט דאָס געדונגען פאַר אים דעם פּאַנסיאָן, האָט אָרגאַניזירט ער זאָל באַהאַנדלט ווערן פון דאָקטוי־רים־ספּעציאַליסטן, און ער האָט אים קאָנטאַקטירט מיטן מצרישן יידנטום.

מיט דער צייט וועל איך זיך נאָך טרעפן מיט דעם צאַדיקאָוו, ווען כ׳וועל קומען אין מצרים אין דער אוניפאָרם פון די יידישע איינהייטן פון בריטישן מיליטער, און ער, דער איין־און־איינציקער, וועט לגבי אונדז אויספירן אַלע פונקציעס פונעם „ועד למען החייל״ מיט אַ גרענעצלאָזער איבערגעגעבנ־קייט און ליבשאַפט.

פאַרנאַכט, נאָכן אָפּרוען זיך אַ ביסל, זיינען מיר אַוועק צו דער פּרעכטי־קער שול, וואָס האָט געגלאַנצט מיט אַ סך גאָלדענע און זילבערנע אָרנאַמענ־טן. דער שמש — אין אויסגעהאַפטע בגדים, ווי יענע „קאַוואַסן״, רעשטלעך פון טערקישן רעזשים, וואָס האָבן געדינט ווי באַשיצער פון די ספרדישע הויפּט־רבנים — האָט אונדז מקבל פּנים געווען און האָט אונדז דערקלערט אַלע פּרטים וואָס זיינען קאָנצענטרירט געווען אין דעם רעליגיעזן צענטער, וואָס אונדז האָט ער אויסגעזען ווי אַ רעטעניש. פּלוצעם איז אויפגעשטאַנען אַ ייד, וואָס איז געזעסן ניט ווייט פון אונדז, איז צו אונדז צוגעגאַנגען, דערלאַנגט „שלום עליכם״ און האָט זיך פאַרגעשטעלט ווי קאַפּולסקי, וואָס איז געקומען אַהער פון ירושלים, וווהין ער קלייבט זיך בקרוב אומצו־קערן.

ער האָט אונדז פּראָפּאָנירט צוצופירן פּרייוויליק צו דער קאַראַימער שול, האַלטנדיק פאַר אונדז אַ לאַנגע און אינהאַלטסרייכע לעקציע וועגן דער עדה. וועגן איר געשיכטע, גערעגנגל און אירע קהילות אין דער וועלט. לאַנג האָבן מיר דאָרט ניט פאַרבראַכט, ווייל לגבי דער גרויסער שול, האָט אונדז די שול אויסגעזען ווי אַן אָרעמער קרוב פון דער מישפּחה.

ווי אַ שאַרפער איבערגאַנג צו אַן אַנדער וועלט זיינען מיר געקומען, אין קאַפּולסקיס באַגלייטונג, צום קוואַרטאַל פון קאַירער אונטערוועלט. די קאָ־רופּציע איז דאָ אַנגעגאַנגען פראַנק און פריי, אָן פּחד און אָן קיין שום אָפּ־האַלט. און די זונות האָבן געפירט זייערע עסקים עפנטלעך. קינדער, פאַר־מיטלערס, זיינען צוגעשטאַנען צו יעדערן, און זיי האָבן אונדז אויך ניט דורכ־געלאָזן. ס׳האָט אונדז געעקלט, און מיר האָבן זיך וואָס גיכער אומגעקערט אין האָטעל וווּ מיר זיינען איינגעשטאַנען.

דעם זעלבן אָוונט איז אונדז געקומען באַזוכען אַ מענטש, וועלכן בערל רעפּעטור האָט גוט געקענט; געהייסן האָט ער בן־אשר און איז אָפּט געווען

אַ שליח פון דער הסתדרות אין פאַרשיידענע לענדער, און זיין פונקציע איז געווען שאַפן קאָנטאַקטן מיט פּערזענלעכקייטן און אינסטיטוציעס אין פאַרשיידענע פלעצער. אַראַביש און פראַנצייזיש האָט ער געקענט אויסגעצייכנט, מצרים, דאָס לאַנד מיט אירע בירגער, האָט ער געקענט, ווי ער וואָלט דאָ געוווינט שוין יאָרן לאַנג, נאָך דעם ווי ער האָט זיך אויסגעפרעגט וועגן אונדזער באַגעגעניש מיט בערל קאַצענעלסאָן האָבן מיר אָפּגעמאַכט, אַז מאָרגן וועט ער זיך באַפרייען און וועט אונדז דינען ווי אַ וועגווייזער אין אונדזער עקסקורסיע. קודם כל וועלן מיר, פאַרשטענדלעך, גיין אָנקוקן די פּאַראַמידן.

ווי כ'האָב שוין דערמאָנט אין אָנהייב פון דער נאָטיץ, האָב איך זיך ניט געבראָכן דעם קאָפּ אויסצופאָרשן די מעטאָדן, מיט וועלכע די פּיראַמידן זיינען געבויט געוואָרן. אָבער בערל רעפּעטור, אַ מאַן פון „סולל בונה", האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיטן בויוועזן. בן־אשר האָט צוגערופן אַן אינסטרוקטאָר, אַ פאַכמאַן, וואָס האָט זיך דאָרט אַרומגעדרייט, און יענער האָט דערציילט וועגן פאַרשיידענע הייבערס און קיילעכיקע מאַטעריאַלן, וואָס מיט זייער הילף האָט מען געשלעפּט די גוואַלדאָוונע שטיינער איבער ווייטע דיסטאַנסן, דורך הונדערטער און טויזנטער קנעכט... כ'מיין אַז ניט נאָר איך, נאָר אויך בערל רעפּעטור איז פון זיינע דערקלערונגען ניט קליגער געוואָרן.

ווען דער אינסטרוקטאָר האָט פאַרענדיקט, באַקומען זיין שכר־טירחה און איז אַוועק, האָב איך אַ פרעג געטאָן בן־אשרן:

„אפשר קריכן מיר אַרויף אויף די פּיראַמידן ?.. דאַכט זיך, אַז דער שיפּוע איז ניט אַזוי געפערלעך"...

„אַ סך האָבן געפּרוווט און מען פּרוווט נאָך עד היום" — האָט בן־אשר געענטפערט — „אָבער כמעט אַלע האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט, און ניט ווייניק זיינען דערהרגעט געוואָרן... פון דעסט וועגן געפינט זיך תמיד אַ מענטש וואָס פּרוווט דאָס ווידער..."

דעם זעלבן טאָג האָבן מיר באַזוכט אין דער אַלטערטימלעכער און גראַנדיעזער מתים־שטאָט, מיר האָבן געזען אַנטיקע מצבות פון מלכים און מיר האָבן זיך באַקענט מיטן היעראָגליפן־כתב, וואָס האָט אונדז טאַקע אויסגעזען ווי היעראָגליפן...

בערל רעפּעטור האָט ניט אויפגעהערט צו באַטאָנען, אַז ער האָט חשק אָנצוקוקן אייניקע פאַבריקן דאָ אין לאַנד, זען דעם אופן פון זייער אַרבעט און לייטונג, און דער עיקר — די אַרבעטס־באַדינגונגען פון די אַרבעטער. „גוט, אונדזערע עלטערן האָבן געבויט די פּיראַמידן, מיין פולע אָנערקענונג צו

זיי״ — האָט ער געזאָגט — „אָבער ווי זעען זיי אויס איצט, אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט?״

אונדזער אַנטוישונג איז געווען גרויס. מיר האָבן באַזוכט אין צוויי־דריי פאַבריקן און מיר האָבן דאָרט געטראָפן קינדער, פרויען און זקנים, וואָס האָבן געאַרבעט אין פרימיטיווע באַדינגונגען אַ סך שעהן אין טאָג און האָבן באַקומען אַ הונגער־לוין, די אויפזעער גייען אַרום מיט קאַנטשיקעס אין די הענט און איזדעקעווען זיך איבער זיי. וועגן סאָציאַלע פאַרזיכערונגען האָבן זיי, פאַרשטייט זיך, קיין מאָל ניט געהערט. אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז מיר געפינען זיך אין די פינצטערע טעג פון מיטל־עלטער.

ניט ווייניקער פרימיטיוו, און אפשר נאָך מער, איז געווען די מצרישע לאַנדווירטשאַפט, וועלכע מיר האָבן געזען שפּאַצירנדיק ביים נילוס, וואָס אויף זיינע וואַסערן זיינען געשוווּמען אַרעמע לאַדקעס און ראָד־שיפלעך, מיט צענדליקער רייזנדערס אויפן דעק. צענדליקער און הונדערטער פאַלאַכן האָבן געטאָפּטשעט אין דער בלאָטע, וואָס דער טייך האָט אָנגעשלעפּט, צו־זאַמען מיט זייערע דזשאַמוסן, זייער איינציקער פאַרמעגן.

אין סך הכול איז דאָס געווען אַ דערדריקנדיק בילד, כאָטש דאָס לאַנד גופא איז געווען שיין, און די גרויסע צאָל זעלטענע אַנטיקן, וואָס זיינען דאָרט איינגעפּאַסט געוואָרן, האָבן אים באַהויכט מיט דער מאַיעסטעטישקייט און פּראַכט פון אַן אוראַלטער וועלט, וואָס האָט געהאַט אַ בכבודיקן טייל אין דער בראשיתדיקער אַנטוויקלונג פון דער מענטשלעכער קולטור. נאָר דער דיס־טאַנס פון יענער וועלט ביז אונדזער היינט האָט אויסגעוויזן צו זיין אַ סך מער ווי די טויזנטער יאָרן, וואָס זיינען פאַרשריבן אין דער קולטור־געשיכטע פון די פעלקער און מענטשן.

אונדזער צווייטער באַזוך ביי בערל קאַצענעלסאָנען האָט אונדז צוריקגע־קערט צו אונדזער אייגענער צערודערטער און צעוויטיקטער וועלט. בערל האָט ווידער גערעדט מיט ווייטאָג וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר אין דער פּאַרטיי און אין דער באַוועגונג, נאָר ער האָט אונדז געהאַלטן אין איין וואָרענען ניט אַריינצופירן קיין פּערזענלעכע עלעמענטן אין וויכוח, וואָס איז אין תוך אַן אידעישער.

דערנאָך איז דער געשפּרעך אַריבער צו די סאַמע וויכטיקע, אָבער מער אַלגעמיינע ענינים, ווי די פּראָבלעם פון סערטיפיקאַטן, „עליה ב'״ און אַנדע־רע געביטן פון דער ציוניסטישער וועלט, אָבער אויף דעם געשפּרעך האָט נאָך געדריקט די סכנה פון די שווערע אינעווייניקסטע באַציִונגען אין דער פּאַרטיי, אַן אַטמאָספער פון אַן ערב־שפּאַלטונג, וואָס האָט, ווי ס'ווייזט אויס, געלויערט הינטער דער טיר.

פאַרנדיק אַהיים האָב איך זיך אַליין געפרעגט צי אונדזער באַזוך האָט אויסגעפירט זיין שליחות. אונדזער אויפגאַב איז דאָך געווען אונטערצושטיצן בערלען און צו דערמוטיקן אים אין זיין עלנטקייט, אין זיין פיזישן ווייטאָג און אין דער צעקלעמטקייט פון זיין נשמה — און אָט דאַכט זיך, אַז אונדזערע שמועסן האָבן אים נאָך מער צערודערט און האָבן אים דערפירט צו דעם, ער זאָל דערציילן פון אַלץ וואָס דריקט אויף אים, פון דעם ווייטאָג וואָס די צעפאַרנקייט פון דער באַוועגונג האָט אים פאַרשאַפט, און וואָס איז פאַר אים געווען ווי אַ פערזענלעכער ווייטאָג.

איך האָב אָבער דערביי געפילט, אַז מיין פאַרערונג און דרך־ארץ, וואָס כ'האָב פון תמיד אָן געהאַט פאַר בערלען זיינען נאָך מער געשטיגן, כאָטש אונדזערע חלוקי־דעות זיינען מיט דעם באַזוך ניט קלענער געוואָרן. ריידנדיק מיט אים, האָב איך געשפירט אַ מין שטאָלץ, וואָס איך געפין זיך אין דער מחיצה פון אַ מאַן, וואָס שטייט אין צענטער פון דער תקופה, אָבער די פליגל פון זיין גייסט טראָגן אים אַריבער איבער זיין צייט, צו די האָריזאָנטן פון דער צוקונפט. און ווען כ'האָב אונטערגעצויגן דעם סך־הכול פון מיין רייזע קיין מצרים, האָב איך געוווסט, אַז מיינע באַגעגענישן מיט בערלען האָבן אויף מיר אַ סך שטאַרקער געווירקט, ווי די פיראַמידן, כאָטש כ'בין נתפעל געווען פון זייער פאַרנעם און פון דער מענטשלעכער פעיִקייט זיי אויסצובויען.

און אַזוי האָבן מיר זיך אומגעקערט אַהיים, צו די עצם געשעענישן פון תרצ"ו—תרצ"ז, צו די ריסן וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין פאַרגרעסערן אין דער גאַנצקייט פון דער באַוועגונג און צו דער שטייגנדיקער פאַרביטערונג ביי טיילן פון אַרבעטער־ציבור. און איך, דער פאַרטיי־סעקרעטאַר, שטיי אין סאַמע מיטן פון דער מחלוקת צווישן די פירער און דער מאַסע, צווישן פאַרטיי־פראַקציעס אין די שטעט, אין האַרץ פון דער מיספאַרשטענדעניש, וואָס האָט דאָמינירט אין קיבוץ המאוחד, ווו איך בין אַ חבר און ער איז מיין היים פון יאָרן אָן ביז היינט, צווישן די פירער, וועלכע מיר האָבן באַטראַכט פאַר וועגווייזערס, און אָט צעגייען זיך אונדזערע וועגן און די מחיצות האַלטן אין איין וואַקסן.

און יעדן אָוונט, נאָך אַ טאָג וואָס איז פול מיט באַגעגענישן און אָנגעלאָדן מיט שמועסן און שטורמישע זיצונגען, פלעג איך זיך באַמיִען קומען אַהיים, אין רמת הכובש, וואָס האָט געפירט אַ שווערע מלחמה, אויף טויט און אויף לעבן, קעגן די דערפער פון די בלוטדורשטיקע פאַגראָמשטשיקעס, ברענגט אירע געהרגעטע צו זייער אייביקער רו, און פאַרבינדט זיך מיט דער דאָזיקער ערד דורך בלוטיקע פעדעם, וואָס וועלן שוין ניט איבערגעריסן ווערן...

„דאָס געלט? אויף אַ זיכערן פּלאַץ!"

חיים ווייצמאַן איז ניט נאָר אַ דיפּלאָמאַט און אַ וויסנשאַפטלעכער, נאָר ער איז אויך פול מיט חכמה. און כאָטש ער איז אַ פּראָפעסאָר וואָס איז באַקאַנט מיט די וועלט־הערשער, פלעגט ער אָפט דערוויין, אַז זיין אָפּשטאַמען פון אַ יידישן שטעטעלע, מאָטעל, ביי פּינסק, האָט אויף אים געלייגט זיין חותם, און זיינע ווערטלעך — זיינען פול געוועז מיט פאָלקסטימלעכן חן. אַ סך מעשיות ווערן דערציילט וועגן זיינע עסקים מיט מענטשן, וועגן זיינע פאַר־בינדונגען מיט פאַרשיידענע מנהיגים, און ווי אַזוי ער פלעגט זיך פירן ביים איבערצייגן קעגנער און פריינד.

ווייל ער איז מיר זייער באַליבט געוועזן, וויל איך דאָ דערמאָנען וואָס ניט איז פון יענע ענינים.

נאָך די געשעענישן פון 1936 האָט זיך די פּאָליטישע טעטיקייט פון ישוב און דער ציוניסטישער באַוועגונג קאָנצענטרירט דער עיקר אין לאָנדאָן, אין די אומאויפהערלעכע קאָנטאַקטן מיט דער בריטישער רעגירונג, מיט פּאַרלאַ־מענט־דעפּוטאַטן און סתם מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַ השפעה אויף דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג. ווי באַלד אַזוי, האָט דאָרט ווייצמאַן מערסטנס פאַרבראַכט, און בלויז פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אַראָפּכאַפּן קיין ארץ־ישראל, טרעפן זיך מיט זיינע קאָלעגן פון „מכון זיו" אין רחובות, וואָס איז מיט דער צייט באַקאַנט געוואָרן ווי דער „ווייצמאַן־אינסטיטוט", ווי אויך מיט פאַרשטייער פון אינסטיטוציעס און חברים פון זיין אידעע און טעטיקייט. אין רחובות פלעגן צו אים קומען גרופּעס חברים פון דער באַוועגונג כדי צו דערוויסן זיך וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר אויף דער פּאָליטישער אַרענע, וועגן פּראָבלעמען, רעיונות, פּאַרשלאָגן און אויסזיכטן.

צום סוף פון אַזאַ מין באַגעגעניש האָט מען איין מאָל פאַרפירט אַ גע־שפּרעך וועגן די אויסזיכטן פונעם פּלאַן צו גרינדן פינף און צוואַנציק נייע לאַנדווירטשאַפטלעכע פּונקטן, פון וועלכע, אין דער ערשטע פאַזע, זאָלן צען באַלד אויסגעבויט ווערן. די שאלה איז אָבער, פאַרשטענדלעך, גע־ווען ווו נעמט מען די מיטלען, וואָס אפילו לויט די דעמאָלטיקע באַגריפן, זיינען געווען גוואַלדיק גרויס, כדי דעם פּלאַן צו פאַרווירקלעכן.

אין אַ פריִערדיקער באַגעגעניש האָבן האַרצפעלד און בערל קאַצענעלסאָן געראָטן ווייצמאַנען ער זאָל זיך באַמיִען טרעפן מיט פאָליאַקן, דעם באַלעבאָס פון „נשר", אַ מיליאָנער וועמעס עיקר פאַרמעגן איז קאָנצענטרירט געווען אין פראַנקרייך, און פרוּוון ווירקן אויף אים ער זאָל זיין אַ שותף ביים פינאַנסירן די אַקציע.

איצט, אין דער אויבן דערמאָנטער באַגעגעניש, האָט אונדז ווייצמאַן דער־ציילט וועגן זיין זען זיך מיט פאָליאַקן. „דער מאַן" — האָט ווייצמאַן פאַר־ענדיקט — „האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס פאַרן לאַנדווירטשאַפט־לעכן פּלאַן". ער האָט געפרעגט און האָט זיך געגריבלט און האָט געוואָלט וויסן וואָס מער פּרטים וועגן דער רעאַליזאַציע פון דעם פּלאַן. צום סוף נאָך שעהען פאַרהאַנדלונגען אין דער רוסישער שפּראַך, וואָס נאָר איר האָט ער גוט געקענט, האָט פאָליאַק אַ פרעג געטאָן ווייצמאַנען מיט דער פולער ערנסטקייט און מיט טיפער פאַרזאָרגקייט:

„שיין... שיין... אַ שיינער פּלאַן... ווו וועט איר אָבער נעמען געלט דורכ־צופירן אַזאַ שיינעם פּלאַן?"

ווייצמאַן, וואָס האָט די גאַנצע צייט גערעדט אויף דער פראַגע, האָט גע־ענטפערט, אויך אויף רוסיש:

„וואָס איז די פראַגע? מיין געלט איז ביי דיר אין קעשענע!" פאָליאַק האָט זיך צעלאַכט און אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט: „יאָ... דאָס איז מיט אַן אמת אַ זיכערער פּלאַץ ...און איז פון דאָרטן קיין מאָל ניט אַרויס"... פאָליאַק איז געבליבן טריי זיין דערקלערונג. ער האָט אינוועסטירט זיין געלט אין „זי־כערערע" עסקים און אין „זיכערערע" לענדער... אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די דייטשן האָבן פאַרנומען פראַנקרייך, האָט ער פאַרלאָרן זיין גרויסן קאַפּיטאַל און דאָס איינציקע רעשטל פון זיין פאַרמעגן איז אים פאַרבליבן דאָ, אין ארץ־ישראל...

„וואָס וועט זיין, ווען דאָקטאָר ווייצמאַן וועט פרעגן: ווו איז באַנקאָווער?"

אין 1934 איז נאָך אין יוגאָסלאַוויע געווען אַ מלך, וואָס האָט געהייסן אַלעקסאַנדער. איין מאָל האָט זיך אים פאַרגלוסט צו באַזוכן פראַנקרייך, און דער פראַנצייזישער אויסערן־מיניסטער, באַרטו, איז געפאָרן צום פּאָרט אין מאַרסיי מקבל־פּנים זיין אים, אָבער ביידן האָבן מקבל־פּנים געווען קראָאַטישע טעראָריסטן, געדונגענע פון דער אונגאַרישער אונטערערד, און זיי האָבן ביידן דערהרגעט.

די שפּאַנונג אין אייראָפּע איז זייער שטאַרק געשטיגן און אין דער לופט האָבן געגרילצט קלאַנגען וועגן אַ מלחמה צווישן יוגאָסלאַוויע און אונגאַרן. אַ סך האָבן געדענקט אַן ענלעכע געשעעניש, וועלכע האָט געבראַכט צום אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אין יאָר 1914, אַ צוואַנציק יאָר פאַר דעם. פראַנקרייך האָט גלייך געשלאָסן אירע גרענעצן, ניט אַריין און ניט אַרויס.

וועט איר דאָך פרעגן: וואָס גייט מיר אָן די גאַנצע מעשה? שולדיק אין אַלץ זיינען, פאַרשטייט זיך, די... ציוניסטן... זיי האָבן באַשלאָסן איינצו־אָרדענען זייער קאָנגרעס פּונקט אין דער צייט אין דער שיינער שווייצאַריע ווי געוויינלעך. היות כ'האָב אַמטירט ווי דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר אין לאַנד, האָב איך געהאַט בדעה אַרויסצופאָרן עטלעכע טעג פריִער, כדי צו אָרגאַני־זירן אַ באַגעגעניש מיט דער פראַקציע פון אחדות העבודה, איידער דער קאָנגרעס וועט געעפנט ווערן. אין יענער צייט זיינען נאָך קיין מענטשן ניט געפלויגן אין דער לופטן, נאָר זיי זיינען געפאָרן פון לאַנד צו לאַנד מיט דער באַן אָדער מיט אַ שיף. איך האָב זיך אויך געקליבן אָפּצושווימען קיין פראַנק־רייך און פון דאָרט אַריבערפאָרן קיין שווייצאַריע. צו דעם צוועק האָב איך זיך גענייטיקט אין אַ פראַנצייזישער טראַנזיט־וויזע.

בין איך אַוועקגעפאָרן צום פראַנצייזישן קאָנסול אין ירושלים נאָך דער וויזע. ער האָט מיך טאַקע העפלעך אויפגענומען, אָבער ער האָט געמאָלדן, אַז פראַנקרייך איז געשלאָסן פאַר אויסלענדער צוליב דעם אַטענטאַט, און דעריבער קען ער מיר אַזאַ דורכפאָר־וויזע ניט אַרויסגעבן. אים פאַרדריסט

דאָס זייער, אָבער ער קען מיר מיט קיין זאַך ניט העלפן.

וואָס טוט מען? האָב איך זיך מישב געווען מיט חברים. ערשט איינער האָט זיך אָפּגערופן, אַז אויך וויפל אים איז באַקאַנט, געפינט זיך אַ פראַנ־צייזישער קאָנסול אויך אין חיפה. ס'איז כדאי צו פאַרבינדן זיך מיט דוד הכהן, וואָס חיפה איז זיין „אימפעריע״, און קלאָר מאַכן דעם ענין.

געערעדט און געטאָן. כ'האָב אויפגעהויבן דאָס טרייבל און אַנגעקלונגען צו דוד הכהן. צום גליק האָב איך אים געטראָפן אין שטוב, איידער ער איז אַוועק צו זיין אַרבעט אין „סולל ובונה״, ווו ער איז געווען אַ חבר פון דער דירעקציע. ווען כ'האָב אים איבערגעגעבן מיין פּראָבלעם, האָט ער זיך היל־כיק צעלאַכט: „אַ פראַנצייזישע וויזע? דאָס גאָר? אויך אַן ענין! קום מאָרגן קיין חיפה צו מיר אַהיים מיטן פּאַספּאָרט, און מיר וועלן דערליידיקן דעם ענין!״

כ'האָב זיך געוווּנדערט וואָס מיר אַליין איז ניט איינגעפאַלן צו פאַרבינדן זיך מיט דוד הכהן. זיינע פאַרבינדונגען מיט די מאַנדאַט־באַאַמטע אין לאַנד, מיט די מיליטערישע אָנפירערס, אַמבאַסאַדאָרן און דיפּלאָמאַטן, זיינען געווען גוט באַקאַנט! און ווער רעדט נאָך אין חיפה! דאָרט איז דוד הכהן געווען אַ „מלך״, און ס'איז ניט געווען קיין טיר, וואָס זאָל וואָגן זיין פאַרשלאָסן פאַר אים...

צו מאָרגנס אין דער פרי בין איך געקומען קיין חיפה, צו דוד הכהן אין שטוב, אַנגעטאָן לויט דער דעמאָלטיקער מאָדע — קורצע כאַקי־הייזלעך, סאַנדאַלן און אַ בלויע אייבערהעמד, אָן אַפּענע. „פריִער וועסטו טרינקען אַ גלאָז טיי״, האָט ער געזאָגט. אָפּגעטרונקען טיי, זיינען מיר אַוועק צום פראַנצייזישן קאָנסולאַט, וואָס געפינט זיך אין דער אונטערשטער שטאָט.

אַ גרויסער עולם האָט באַלאַגערט דעם קאָנסולאַט, און די ריי פון מענטשן וואָס וואַרטן איז געווען געוונג לאַנג. אָבער דוד, וואָס איז געגאַנגען דער ערשטער, האָט זיך ניט אַרומגעקוקט אין די זייטן, און האָט זיך ניט פאַר־האַלטן אַ סעקונדע אפילו. ער האָט זיך פאַרנומען לינקס, אַרויף מיט די טרעפּ אויפן צווייטן שטאָק, צו אַ לאַנגן קאָרידאָר, ווו ביים סוף איז געווען דעם קאָנסולס ביוראָ, און איך, ווי זיין שאָטן, נאָך אים.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער משרת, וואָס איז געשטאַנען ביים סוף פון קאָרידאָר האָט געקענט דוד הכהן, און ער האָט זיך צוגעאײַלט עפענען פאַר אים דעם קאָנסולס טיר. דער קאָנסול איז אויפגעשטאַנען פון זיין שטול און איז אים אַנטקעגן־געגאַנגען. איך בין געשטאַנען און האָב זיך צוגעקוקט ווי די צוויי נעמען זיך אַרום און שמועסן דערביי וועגן פאַרשיידענע ענינים אין פראַנצייזיש אויף אַ קול, אַריינגערעכנט זייער מיינונג וועגן די פרויען

וואָס זיי האָבן נעכטן באַגעגנט אויף עפּעס אַ מסיבה.

מיר האָבן זיך אָוועקגעזעצט אויף די פּאַטעלן וואָס זיינען דאָרט געשטאַ־נען, און זייער שמועס איז אָנגעגאַנגען ווייטער אויף אַ פריילעכן אופן, און דער קאָנסול לייגט לחלוטין ניט קיין אַכט אויפן קהל וואָס וואָרט אין דרויסן כדי צו באַגעגענען זיך מיט אים.

דוד האָט מיך ניט פאָרגעשטעלט פאַר זיין קאָלעגע. איך בין געזעסן און זיך צוגעקוקט, ניט פאַרשטייענדיק קיין איין וואָרט, און נייגעריק צו וויסן ווי אַזוי וועט פון דעם „אויסוואַקסן" די געגאַרטע וויזע. וואָס צוליב איר בין איך אַהער געקומען. ערשט ווען דער דינער איז אַריין און האָט אָוועקגע־שטעלט אויפן טיש אַ טאַץ מיט טעפּעלעך טערקישן קאַפע, האָט זיך דוד אַ ווענד געטאָן צו מיר און האָט געפרעגט דעם קאָנסול:

„דו ווייסט ווער דאָס איז?"

דער קאָנסול האָט אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען, ווי איינער זאָגט: פון וואַנעט זאָל איך אים קענען?

„דאָס איז דאָך באַנקאָווער" — זאָגט אים דוד — „אונדזער פּאַרטיי־סעקרעטאַר. ער דאַרף מאָרגן פאָרן קיין שווייצאַריע, צום ציוניסטישן קאָנ־גרעס, אָרגאַניזירן די ענינים. אָבער דיין קאָנסול פון ירושלים האָט אים ניט געגעבן קיין דורכפאָר־וויזע דורך פראַנקרייך. ער האָט, ווייזט אויס, מורא טאָמער וועט ער פאַרשטאַרקן די מהומה וואָס הערשט אין פראַנקרייך מיטן דערמאָרדן דעם יוגאָסלאַווישן קיניג... קענטיק, אַז דיין קאָנסול פון ירו־שלים פאַרשטייט ניט, אַז באַנקאָווער מוז זיין אויפן קאָנגרעס, שטעל זיך פאָר, אַז פּראָפעסאָר ווייצמאַן, וואָס מיר און די גאַנצע וועלט באַטראַכט אים ווי דעם יידישן פּרעזידענט, וועט עפענען דעם קאָנגרעס און וועט מיט אַ מאָל איבעררייסן, וועט זיך אַרומקוקן און אַ פרעג טאָן: „ווו איז באַנ־קאָווער?.." וועט מען דאָך אים דערקלערן, אַז איבער דעם וואָס דיין קאָנ־סול אין ירושלים האָט אים ניט געוואָלט געבן קיין וויזע, איז ער ניט גע־קומען צום קאָנגרעס! דו שטעלסט זיך פאָר וואָס פאַר אַ רושם דאָס וועט מאַכן אין דער וועלט?"

דער קאָנסול האָט זיך צוגעהערט צו דודן, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, פאַרגע־זעצט צו טרינקען דעם קאַפע, און זיי האָבן ווידער גענומען שמועסן וועגן זייערע וואָכעדיקע געשעפטן, ווי מ׳וואָלט גאָר וועגן מיר ניט גערעדט, ווי כ׳וואָלט דאָרט בכלל ניט געווען...

אַט אַזוי האָבן זיי נאָך געשמועסט ביי אַ פערטל שעה, און איך, ווי כ׳וואָלט פאַרגעסן געוואָרן... צום סוף האָבן זיי אָפּגערעדט צו טרעפן זיך אין אָוונט, האָבן זיך אויפגעהויבן און מ׳האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַרומנעמען און

דריקן די הענט. דוד האָט זיך געלאָזט צו דער טיר, און איך, ווי זיין שאָטן, נאָך אים. ער גייט אַראָפּ צום ערשטן שטאָק, נעמט ביי מיר דעם פּאַספּאָרט, גייט אַריין אין אַ צימער, דערלאַנגט אים דעם באַאַמטן, וואָס זיצט דאָרט און זאָגט אים עפּעס. יענער נעמט אַ שטעמפּל, חתמעט אָפּ דעם פּאַספּאָרט, שרייבט זיך אונטער און דערלאַנגט מיר.

„שלום. אַ דאַנק", און מיר פאַרלאָזן דעם קאָנסולאַט, דער פּאַספּאָרט איז ביי מיר אין טאַש.

דער באַזוך אין קאָנסולאַט האָט גענומען ניט מער ווי אַ האַלבע שעה, און גייענדיק צוריק צו „סולל בונה" האָב איך נאָכגעקלערט וועגן דעם עלעגאַנטן אופן, מיט וועלכן דוד האָט געלייזט די פּראָבלעם, און כ'האָב באַוווּנדערט דעם סוד פון זיין צוויבער און פון זיין מעגלעכקייט צו אונטערהאַלטן זיך מיט מענטשן און דערביי דערגרייכן וואָס ער וויל...

אין צוויי טעג אַרום, ווען איך בין געפאָרן מיט אַ שיף, דורך פראַנקרייך, צום קאָנגרעס, האָב איך ניט איין מאָל געטראַכט ווי גוט עס איז וואָס איך וועל זיך באַטייליקן אין קאָנגרעס כדי אויסצומיידן די דאגות פון דאָקטאָר ווייצמאַן און זיין אומאָנגענעמע איבערראַשונג פון מיין אָפּוועזנהייט, מיט וועלכער דוד הכהן האָט אָנגעשראָקן דעם פראַנצייזישן קאָנסול צו פוסנס פון כרמל...

פאַרוואָס האָט דער שיפסקאַפּיטאַן אַריינגעוואָרפן די וואַליזע אין ים?

דער ים איז געווען בלוי און רויִק און די זון האָט זיך שוין גענומען רוקן אַרויפצו ווען ס'האָט זיך פלוצעם באַוויזן איבער אונדז אַ דייטשער עראָפּלאַן, און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער גענומען פּיקירן אונדזער שיף, וואַרפנדיק דערבײַ עטלעכע באָמבעס און באַשיסנדיק אונדז מיט אַ מאַשינביקס. דערנאָך איז ער נעלם געוואָרן.

וויפל מאָן זײַנען מיר געווען אינעם קליינעם קוילן־שיפל? אַריבער זיבן הונדערט ארץ־ישׂראלדיקע זעלנער און אַ צוויי הונדערט גריכן פון ציפערן. נעכטן זײַנען מיר אָנגעקומען צום אַטענער פּאָרט, און ווען מיר האָבן זיך געקליבן אַראָפּצוגיין אין שיף, האָט זיך דערהערט אַן אַליאַרם און מיר האָבן זיך צעשפּרייט און באַהאַלטן אין די נאָענטע געסלעך. די שיף־אַרבעטער זײַנען לחלוטין פאַרשוווּנדן. דאָס איז אונדז קלאָר געוואָרן נאָך האַלבער נאַכט, ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט און זײַנען אַרײַן אין שיף, און ס'איז ניט געווען ווער ס'זאָל אונדז אַרויספירן אין אָפענעם ים. ערשט נאָך אַ סך מי איז אונדז געלונגען צו „מאָביליזירן" עטלעכע מאַטראָסן און מיר זײַנען אָפּגעשוווּמען. די ענגשאַפט איז געווען אַ שרעקלעכע, און ווען דער עראָפּלאַן האָט זיך אָפּגעטראָגן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דער גאַנצער שיף זײַנען פאַראַן בײַ אַ הונדערט ביקסן און פיר מאַשינביקסן. מיר האָבן געוווּסט, אַז די פײַנטלעכע עראָפּלאַנען וועלן זיך שנעל צוריקקערן, האָט מען דעריבער אָרגאַניזירט, אַז די באַוואָפנטע זאָלן זיי מקבל פּנים זײַן.

און ס'איז טאַקע אַריבער ניט מער ווי אַ שעה און דער שונא איז דאָ. דאָס מאָל זײַנען געווען צוויי עראָפּלאַנען. מיר האָבן געעפנט אויף זיי אַ פײַער מיט אַלע כלים וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, און איינער פון זיי איז טאַקע געטראָפן געוואָרן און איז אַרײַנגעפאַלן אין ים. דער צווייטער האָט אָבער פּיקירט, באַוואַרפנדיק אונדז מיט באָמבעס און שיסנדיק מיט אַ מאַשינביקס. דער אָפיציר וואָס איז געשטאַנען אויפן דעק און אָנגעפירט מיט דער פאַרטיידיקונג, איז געהרגעט געוואָרן און אַריבער צוואַנציק זעלנער זײַנען פאַרוווּנדעט געוואָרן.

אונדזער כוונה איז געווען אָנצוקומען צום אינדזל קרעטאַ. די באָמבאַרדי־רונגען אויף אונדזער קליין שיפל, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין איבער־חזרן, האָבן אונדז געצוווּנגען צו געפינען מיט דער שנעלסטער מעגלעכקייט אַ זיכערערן ברעג, כדי צו קענען זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער יבשה. מיר זיינען שוין געווען אַן אַכציק־ניינציק מייל פון קרעטאַ, ווען פאַר אונדז האָט זיך פלוצעם אַנטפּלעקט אַ ניט גרויסער אינדזל, און עטלעכע פון אונדז, וואָס האָבן געהאַט מאַפּעס, האָבן פעסטגעשטעלט, אַז דאָס איז דער אינדזל מילאָס.

אונדזער שיף האָט זיך אַ קער געטאָן אין זיין ריכטונג מיט אַ לאַנגזאַמ־קייט וואָס האָט אונדז געצופּט די נערוון. מיטאָגצייט זיינען מיר געווען נאָענט צום ברעג. דער ענגלישער מיידזשער מיט עטלעכע אָפיצירן איז צוגעשוווּמען מיט אַ לאָדקע צום אינדזל, כדי צו באַקומען אַ דערלויבעניש פון דער דאָרטיקער מאַכט אויסצושטייגן. דערווייַלע האָט זיך אונדזער שיף געהאַלטן אויף איר אַנקער — אַן אומבאַוועגלעכער, אָפענער ציל וואָס לאָדט פּשוט איין... און אונדזער איינלאָדונג איז טאַקע באַלד אָנגענומען געוואָרן. צוויי טאָרפּעדאָס זיינען פלוצעם אויף אונדז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן. איינער פון די פיר דייטשע עראָפּלאַנען, וואָס האָט שנעל דורכגעשניטן דעם הימל, האָט אונדז געשיקט די מתנה. צו אונדזער מזל זיינען די טאָרפּעדעס אַריינ־געפאַלן אין ים און די שיף איז ניט געטראָפן געוואָרן. אין צווישנצייט האָבן מיר באַשאָסן די עראָפּלאַנען און איינער פון זיי איז אַריינגעפאַלן אין ים.

וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס צו זיין אַ כסדרדיקער ציל פאַרן שונא? — האָבן מיר געטראַכט — און מיר האָבן אָנגעהויבן שפּרינגען אין וואַסער און שווימען צום ברעג. אין דער זעלבער צייט האָט מען גענומען אַראָפּלאָזן נאָך לאָדקעס און אין אַנדערטהאַלבן שעה אַרום זיינען מיר שוין געשטאַנען אויף דער יבשה. אין פאַרלויף פון עטלעכע שעה האָבן מיר געקלעטערט איבער באַרגשפּאַלטן און טייכלעך, צווישן בערג, ניט ווייט פון ים־ברעג. אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר געוואָלט כאַפּן אַ דרעמל, אָבער מיר זיינען געווען אַן קאָצן און אָן בגדים און די ביטערע קעלט האָט אונדז ניט געלאָזן צומאַכן די אויגן.

אין דער פרי זיינען ווידער אָנגעפלויגן דייטשע עראָפּלאַנען און נאָך עט־לעכע מאָל פּרוּוון, איז זיי געלונגען סוף כל סוף צו טרעפן אין אונדזער ליידיקער שיף, וואָס האָט זיך גענומען בויגן אויף אַ זייט. ווייזט אויס, אַז דערמיט האָבן זיך געענדיקט די באָמבאַרדירונגען. וואָס וועט אָבער זיין מיט אונדז? ווי וועלן מיר פון דאַנעט אַרויסגיין? מיר געפינען זיך, בערך, אין העלפט וועג צווישן אַטען און קרעטאַ, און אויב ס'וועט ניט קומען קיין

שיף אַרויסצופירן אונדז פון דאַנעט, זיינען מיר דאָך אויסגעשטעלט אויף... בעצם, אויף וואָס זיינען מיר אויסגעשטעלט? אויף אומקום, צי אויף צרות?

אויפגעהאַלטן האָבן מיר זיך אין אַ מין טאָל, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון עטלעכע באַרגשפּאַלטן מיט היילן אין די ווענט. ס'איז דערקלערט געוואָרן אַ רעזשים פון אויסנאַם־צושטאַנד אין דער שפּייז־פאַרטיילונג. אין אַ פּאָר שעה אַרום זיינען אייניקע פון אונדז אַרויס „מאָביליזירן" עסנוואַרג ביי די איינוווינער פונעם קליינעם אינדזל.

צו ערשט האָבן זיי געצאָלט פאַרן שפּייז מיטן גריכישן געלט וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, און ווען דאָס געלט איז אויסגעגאַנגען, האָבן זיי געביטן אַ פּאָר הויזן אויף אַ שטיק קעז, און אַ העמד פאַר אַ סלאָיִק ציגנמילך.

ווי לאַנג וועלן מיר דאָ דאַרפן זיצן אין די בערג? מיר האָבן זיך איינגעלאָקירט אין די היילן און אין די באַרגשפּאַלטן און אַנדערע האָבן זיך „איינגעאָרדנט" ביי די איינוווינער גופא, וואָס זייערע שטיינערנע הייזקעס זיינען צעזייט געווען צווישן די פעלדזן, איבערן דאָרף וואָס איז געלעגן אונטן. די גאַנצע באַפעלקערונג פון אינדזל האָט באַטראָפן ניט מער פון צוויי הונדערט, צוויי הונדערט פופציק מישפּחות.

לאַנגזאַם האָט זיך איינגעשטעלט אַ לאַגער־לעבן, אַריינגעטאָן אין ליידיקגייעריי און דערוואַרטונג. אומעטיקע שמועסן האָבן זיך געפירט צווישן די מענטשן, אַלע זיינען מיר געווען דערדריקט און דערשלאָגן, דער עיקר האָבן מיר זיך געפילט באַליידיקט, וואָס מ'האָט אונדז פאַרלאָזן און מפקיר געווען.

איין מאָל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז אַ שיף קומט אָן, און מיר האָבן אַלע גענומען גיין צום ברעג. צום סוף, נאָך שעהען גיין, פאַרנאַכט, זיינען מיר צוגעקומען צו אַ קליינער דאַמבע מיט עטלעכע וואַרשטאַטן, און מיר האָבן דאָרט געוואַלט איבערנעכטיקן. קיין שום שיף האָט מען ניט געזען און דער ים איז געווען פּוסט און ליידיק, ווי דער הימל פון אויבן.

עטוואָס שפּעטער אין דער פרי האָט זיך באַוויזן אַ שיף, וואָס איז געווען אַזוי גרויס ווי אונדזער האַלב דערטרונקענע שיף. עטלעכע הונדערט מעטער פון ברעג האָט זי גענומען אַראָפּלאָזן לאַדקעס און מענטשן. אין דער צייט האָבן זיך צו איר אַ לאָז געטאָן צוויי דייטשע עראָפּלאַנען. די באָמבעס האָבן זי גלייך געטראָפן, ס'איז אויסגעבראָכן אַ שריפה און אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זי אָנגעהויבן זינקען. די עראָפּלאַנען האָבן זיך נאָך געדרייט אַרום איר און געשאָסן פון מאַשינביקסן אויף די וואָס זיינען געשפּרונגען אין ים אַריין, כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן.

די לעבנגעבליבענע האָבן מיר אַריינגענומען אין אונדזערע היילן, מיר

האָבן זיי באַקליידט און אָנגעקאָרמעט מיט וואָס מיר האָבן געהאַט. אַרויס־געוויזן האָט זיך, אַז זיי זיינען גריכן, זעלנער און ציווילע, וואָס האָבן זיך גע־ראַטעוועט פון גריכנלאַנד.

פאַרנאַכט איז צוגעשווומען אַ שיפל מיט פופציק בריטישע קאָמאַנדאָ־זעלנער צו דער דאַמבע און באַלד נאָך דעם זיינען זיי אָפּגעשווומען אין דער ריכטונג פון קרעטאַ, צוטשעפּענדיק צו זייער שיפל נאָך צוויי. „מיט דער געלעגנהייט" האָט אונדזער מיידזשער אָפּגעשיקט אַן עקספּרעס־ידיעה צום הויפּטשטאַב וועגן הילף.

בערך אַ וואָך צייט זיינען מיר געזעסן אויפן אינדזל מילאָס, אָפּגעריסן פון דער וועלט. די צייט האָט מען פאַרטריבן זיצנדיק גרופּנווייז אין שמועסן, אַריינגעטראַכט זיך אין דעם וואָס עס דערוואַרט אונדז און אין זוכן אַן עצה ווי אַזוי אַרויסצוקריגן זיך פון די צרות, וואָס שטייען אונדז פאָר, ווי ס'ווייט אויס, ערגער פון שלעכט. אין דריי טעג אַרום נאָכן דערטרינקען אונדזער שיף, האָבן דייטשע פליִער דערטרונקען נאָך פיר שיפן ביי די ברעגן פון מילאָס.

איין מאָל איז אַריין אין אונדזער הייל — די סערזשאַנטן־הייל — דער אַלטער ענגלישער מיידזשער. מיר האָבן אים זייער געבעטן ער זאָל אָפּשיקן טעלעגראַמעס צו דער קאָמאַנדשאַפט און דערקלערן די סכנה, וואָס דער־וואַרט די יידישע זעלנער, וועלכע זיינען קאָנצענטרירט אין מילאָס. ער האָט אונדז צוגעזאָגט אָנטקעגן צו קומען אונדזער פאַרלאַנג. ס'איז אָבער שווער צו זאָגן, אַז זיין באַזוך האָט אונדז מיט וואָס ניט איז דערמוטיקט.

אין צווישנצייט האָט אַ גרופּע פון אַ צוואַנציק ענגלישע זעלנער „אָרגאַ־ניזירט" אַ מין שיפל און זיי זיינען אָפּגעשווומען קיין קרעטאַ. פינף יידישע זעלנער זיינען צו זיי צוגעשטאַנען. מיר האָבן זיך מיט זיי געזעגנט מיט דער האָפענונג, אַז אויב זיי וועלן אַהין דערגרייכן, וועלן זיי מצליח זיין עפּעס אויפצוטאָן.

אין צוויי טעג אַרום זיינען מיר, סערזשאַנטן, אַרויסגערופן געוואָרן צום מיידזשער. כאָטש ער איז, לויט זיין שטייגער, געווען גוט אָנגעשיכורט, האָט ער פאַר אונדז פאַרגעשטעלט די לאַגע אין די שאַרפסטע אכזריותדיקסטע פאַרבן. ער האָט געהאַט פאַר אונדז צוויי פאָרשלאָגן: איינער — אַרויס־הענגען אַ ווייסע פאָן, און דער צווייטער — צעשפּרייטן זיך אין די בערג און וואַרטן, אפשר וועט דאָך אָנקומען אַ שיף און וועט אונדז אַרויספירן פון דאַנעט. מיר האָבן אים געבעטן ער זאָל אונדז געבן צייט צו באַראַטן זיך.

עד היום געדענק איך אונדזער דעמאָלטיקן מצב־רוח. ווי די גאַנצע וועלט

וואַלט פאַר אונדז פאַרשפאַרט געוואָרן. און מ'האָט ניט אַנגעזעען קיין איין מינדסטן ליכטיקן פונק. דאָך איז אונדז געלונגען דורכצופירן אַ זאַכלעכן שמועס. כ'געדענק אַז איך בין ניט איינגעגאַנגען אויף די יאוש־פאַרשלאָגן פון די חברים מיר זאָלן שלום מאַכן מיטן פאַרשלאָג פון מיידזשער און כ'האָב פאַרגעלייגט מיר זאָלן ביי אים פאָדערן ער זאָל אַרויסשיקן עס.אָ.עס.־ טעלעגראַמעס קיין קאַיר. חוץ דעם, האָב איך געזאָגט, מוזן מיר זוכן און געפינען, פאַר יעדן פּרייז, אַ וועלכן ניט איז שיפמיטל און פּרווון אַרויס־ כאַפּן זיך פון אינדזל אין די נאַכט־שעהען. וואָס עס זאָל ניט זיין, האָב איך רעזומירט, איז אין דעם דאָ אַ שאַנס, אַז טייל פון אונדז וועט זיך ראַטעווען, ווייל דייטשע געפענגעניש מיינט פאַר אונדז אַלעמען טויט.

און אַזוי איז טאַקע באַשלאָסן געוואָרן; און ווען מיר האָבן איבערגעגעבן דעם מיידזשער אונדזער באַשלוס, האָט ער געמאָלדן, אַז ער גיט אונדז פרייע הענט צו טאָן ווי מיר פאַרשטייען. באַלד איז אַרויס אַ גרופּע מענטשן זוכן און ברענגען שיפלעך. די אָנווייזונג איז געווען מ'זאָל זיך דערביי באַנוצן מיט אַלע מיטלען.

די טעג האָבן מיר געוואַרט אויף אַ דייטשן אולטימאַטום, ווי ס'האָט פּאַ־ סירט מיטן אינדזל טיראַ, וואָס איז נאָענט צו מילאָס, אין פאָרם פון אַ בריוו אין אַ שאַכטל, וואָס איז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן פון אַ פיינטלעכן עראָפּלאַן, אָבער אַזאַ אולטימאַטום האָבן מיר ניט דערהאַלטן.

אין אָוונט, ליגנדיק אויף דער פייכטער ערד פון הייל, זיינען אויפגעשוווּ־ מען פאַר מיינע אויגן בילדער פון לאַנד — די שטוב, די מישפּחה, די חב־ רים. אַרום מיר האָבן די חברים געקרעכצט פון שלאָף, פון דרויסן איז דער־ גאַנגען דאָס בילן פון הינט, באַגלייט מיט לאַנגע ווידערקולן פון די בערג.

צוויי טעג שפּעטער, דאַכט זיך דעם לעצטן טאָג פון אַפּריל, האָט עמעצער דערמאָנט, אַז מאָרגן איז דער ערשטער מאַי. האָבן זיך ווידער די מחשבות גענומען דרייען אַרום הויז און אַרום ארץ־ישראל. דעם אָוונט האָב איך זיך געלייגט אין דרויסן, אונטער אַ בוים, ניט ווייט פון הייל, און קוקנדיק אויף די שטערן בין איך איינגעשלאָפן.

כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט ווען דער דיזשורנער שומר האָט מיך גוט אַ טרייסל געטאָן. ס'איז געווען ערשט נאָך האַלבע נאַכט.

„וואָס איז געשען?" האָב איך געפרעגט.

„צוויי קריגסשיפן זיינען אָנגעקומען צום ברעג", האָט ער מיר גע־ ענטפערט.

לכתחילה האָב איך ניט באַנומען וואָס ער זאָגט, און ס'איז מיר אויסגע־ קומען, אַז איך חלום נאָך, אָבער ער האָט ווייטער דערציילט, אַז ס'איז דאָ

אַן אָנווייזונג אין פאַרלויף פון אַ האַלבער שעה צו זיין ביי דער דאַמבע. מיינע חושים האָבן זיך תיכף אויפגעוועקט און כ'בין אויפגעשפּרונגען ווי אַ ווילדער. אין משך פון געציילטע מינוטן זיינען מיר אַלע געווען גרייט און מיר האָבן זיך שנעל גערירט אַראָפּצו צום ים.

צוויי בריטישע קריגסשיפן זיינען טאַקע דאָרט געשטאַנען, און שיפלעך זיינען אַראָפּגעלאָזן געוואָרן און זיינען געשווומען צום ברעג. אָפיצירן און מאַטראָסן זיינען געווען אין זיי, מיט געווער אין האַנט. ערשט נאָך דעם ווי אונדזער מיידזשער איז געקומען, האָבן זיי אונדז געגלייבט און זיי האָבן אונדז געבעטן וואָס גיכער אַריינגיין אין די שיפן. אין דער רגע האָבן מיר געפילט אַ טיפע ליבשאַפט צו די דאָזיקע ים־לייט וואָס זייערע צווישנבאַ־ציִונגען האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט פשטות, אין קעגנזאַץ צום סנאָביזם און העסלעכקייט, וואָס האָט געהערשט צווישן די פאַרשיידענע ראַנגען פון דער בריטישער אַרמיי.

און אויב מיר האָבן זיך געניייטיקט אין אַ באַווייז, האָט אים דער ענגלישער מיידזשער אונטערגעטראָגן. ער האָט געמאָלדן, אַז קיינער וועט אויף די שיפן ניט אַרויפגיין ביז צוויי גרופּעס וועלן ניט ברענגען די וואַליזעס און די פּערזענלעכע זאַכן פון די אָפיצירן, וואָס געפינען זיך ערגעץ אין די בערג. ער האָט באַפוילן וועלכע צוויי גרופּעס זאָלן זיי ברענגען. מיר האָבן זיך געקאָכט פון כעס, אָבער מיר האָבן זיך באַהערשט, ווייל מיר האָבן פאַרשטאַ־נען, אַז איצט איז ניט די צייט צו שאַפן „טראָבלס".

כמעט אַ שעה איז אַריבער ביז די זעלנער האָבן זיך אומגעקערט, שלעפּנדיק וואַליזעס און קאַסטנס, מיט די לעצטע כוחות.

„דעם באַגאַזש וועט מען אַרויפטראָגן איידער די מענטשן וועלן אַרויפ־גיין", האָט געמאָלדן דער בריטישער סערזשאַנט־מיידזשער; האָט מען דעם באַגאַזש אַריינגעטראָגן אין אַ לאָדקע, וואָס האָט זיך אָוועקגעלאָזט צו איינע פון די שיפן. ווען עטלעכע וואַליזעס זיינען שוין געווען אויפן דעק, איז צוגעגאַנגען דער שיפסקאַפּיטאַן.

„וואָס איז דאָס?" האָט ער געפרעגט.

מ'האָט אים געזאָגט, אַז דאָס זיינען די פּריוואַטע זאַכן פון די אָפיצירן.

„וואָס?" האָט זיך דער קאַפּיטאַן צעשריִען, „צוליב דעם האָב איך איינגע־שטעלט מיין לעבן און בין געקומען אַהער? מיר זיינען געקומען ראַטעווען מענטשן און ניט קיין פּריוואַטן אייגנטום פון אָפיצירן!"

און ער האָט גענומען אַ טשעמאָדאַן און אַריינגעוואָרפן אין ים. באַלד האָבן זיך די מענטשן אַרויפגעוואָרפן אויף דער לאָדקע און האָבן אַריינ־געוואָרפן אַלע וואַליזעס און קאַסטנס אין ים. ניט געקוקט אויף דער גע־

שפּאַנטקייט פון דער שעה, וואָס איז פול געווען מיט שרעק, ציטער און זאָרג, האָבן מיר זיך ניט געקענט איינהאַלטן פון שמייכלען און הנאה האָבן.

איצט איז דאָס פאַרלאָדן די שיפן מיט מענטשן פאָרגעקומען איינס־צוויי. ס׳האָט ניט לאַנג גענומען ביז מ׳האָט געבראַכט די קראַנקע פון שפּיטאָל, וואָס איז געווען אויפן אינדזל, און די שיפן האָבן אויפגעהויבן די אַנקערס. יע־דערער האָט זיך געפונען אַ פּלאַץ און די מאַטראַסן האָבן אָנגעהויבן טראָגן צו אונדז טיי, ביסקוויט און פּאַפּיראָסן. מיר האָבן דערפילט אַ וואַרעמע מענטשלעכע באַציִונג און זיינען איינגעשלאָפן באַרויִקטע.

אין דער פרי זיינען מיר שוין געווען אין קרעטאַ. גייענדיק צום לאַגער, ווו מיר האָבן געדאַרפט איינשטיין, האָב איך אויפגעהויבן די אויגן צום הימל; געווען איז ער בלוי און ריין פון וואָלקנס. פּלוצעם האָב איך זיך דערמאָנט, אַז היינט איז דער ערשטער מאַי, און ווען ניט די פאַרשאָלטענע מלחמה וואָלט איך אפשר געפילט דעם פרילינג. כ׳האָב אָבער פאַרשלאָסן מיין האַרץ און מוח פאַר די מחשבות וואָס זיינען מיך באַפאַלן און האָבן מיר געוואָלט אַנזאָגן, אַז די צרות האָבן זיך נאָך ניט געענדיקט, און אַז עס הייבט זיך אָן אַ נייע פּרשה, די פּרשה פון קרעטאַ.

WATER! WATER!

אַן אונדזל־לאַנד. קרעטאַ. שאַסייען, באַלאַדענע מיט טויזנטער מענטשן, אין אַפּגעטראָגענע מיליטערישע אוניפאָרמען. מענטשן — פּליטים, אַנטלויפן פון דער מעכטיקער צעשטערערישער מלחמה, וואָס יאָגט זיי נאָך — פון דער דייטש־נאַצישער קריגס־מאַשין. דאָס ווערט אָנגערופן „צוריקצוג". די פיס טרעטן, ווילן דערגיין צו עפּעס אַ ברעג. מ'זאָגט אַז דאָרט וואַרטן אויף זיי רעטונגס־שיפן. אַנטלויפן, אַנטלויפן פון דעם אינדזל, וואָס איז איינגעטונקט אין פייער ,עקספּלאָזיעס און אויפרייסן פון באָמבעס.

אַ מענטש מאַכט דורך אין זיין לעבן פאַרשיידענע תקופות — פון גוטס און פון שלעכטס, פון באַפרידיקונג און פון ליידן. פאַר מיין אָנקומען אין קרעטאַ האָב איך געמיינט, אַז אַלע צרות פון דער וועלט בין איך שוין דורכ־געגאַנגען — הונגער און שרעק אין אוקראַיִנע, דלות אין פּוילן, אַרבעטס־לאָזיקייט און פאַרביטערונג אין ישוב, ניט־דערשלאָפנקייט און תפיסה, דער־פער מיט מערדער לעם אונדזער הויז אין רמת הכובש ; און דערנאָך — די ערשטע טעג פון וועלטקריג : זאַמד־שטורעמס אין מערבדיקן מידבר, אָנגריפן און צוריקצוגן, פאַרוואונדעטע, טויטע און קברים, און אַ סך חברים, יידישע זעלנער, וואָס זיינען דערטרונקען געוואָרן — און נאָך, און נאָך — —

כ'האָב געטראַכט, אַז עס איז שוין ניטאָ אַ זאַך וואָס זאָל מיך איבערראַשן. איז אָבער אָנגעקומען אַ נייע ווירקלעכקייט און ס'איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז ס'איז ניטאָ קיין גרענעץ צו די ליידן וואָס אַ מענטש קען פאַרטראָגן, אויס־האַלטן קריזיסן און פּלאָגן, פאַר וועלכע עס שטעלט אים אַוועק אין צוריקצוג דער באַוואָפנטער און גרויזאַמער שונא.

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער קאָנצענטרירטער אָנגריף פון די דייטשן אויף קרעטאַ און זיי האָבן זיך באַנוצט — דאָס ערשטע מאָל אין דער צווייטער וועלט־מלחמה — מיט פאַראַשוטיסטן, וואָס זיינען אַראָפּגעלאָזן געוואָרן פון עראָפּלאַנען, האָט די בריטישע אַרמיי געמאָלדן אַ צוריקצוג. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז צו אַזאַ מצב האָט די אַרמיי ניט געהאַט קיין שום פּלאַן, דאַקעגן האָט אומעטום געהערשט אַ ווילדער מיש־מאַש, שוין ניט גערעדט פון אַן אָפּגעלאָזנקייט. ס'איז גאָר שנעל קלאָר געוואָרן, אַז די

גאַנצע אַרמיי איז אַנגעוויזן בלויז אויפן הפקר פון גורל. בלויז איין באַפעל איז געפאַלן, און דאָס ניט צו די פאַלקן און קאָמפּאַניעס, נאָר צו יעדן זעלנער באַזונדער, פערזענלעך: „יעדערער זאָל זיך אַליין ראַטעווען!"

שוידערלעך האָט אויסגעזען די אַפּטרעטנדיקע בריטישע אַרמיי, אַ כאַאָטישע און פאַרצווייפלטע אַרמיי, אַ סטאַדע אָן אַ פאַסטעך. און אין דער אַלגעמיינער פאַרלוירנקייט, אין יאוש און הפקרות, איז די לאַגע פון די ארץ־ישראלדיקע זעלנער, וואָס לגבי זיי איז די אַנאַרכיע געווען אָן אַבסאָלוטע און אָן אונטערגעשטראָכענע, געווען פילפאַכיק ערגער. אויך לגבי אַנדערע מיליטער־טיילן, האָבן זיי געפילט זייער עלנטקייט און פאַרפרעמדונג. מיט די שאָסייען און וועגן האָבן זיך געשלעפּט מיט די לעצטע כוחות בריטישע זעלנער, פון אויסטראַליע, פון ניו־זעלאַנד, ציפּערן און ארץ־ישראל. אַלע האָבן זיך געסטאַרעט דערגרייכן צו אַ ברעג, געפינען אַ שיף, וואָס זאָל זיי אַרויסראַטעווען פון דער דייטשער פּאַסטקע.

אַפּטרעטנדיק האָבן די ענגלענדער גענומען „אָרגאַניזירן" די ענינים, געפּרוּווט איינפירן אַ שטיקל „סדר", וואָס דער טייטש פון דעם איז, קודם כל — באַפרייען די שאָסייען פאַר די ענגלענדער. ניו־זעלאַנדער און אויסטראַליער, כדי זיי זאָלן לייכטער דערגרייכן צו די שיפן, וואָס דאַרפן קומען צום ברעג אַרויסצוראַטעווען זיי. אַזוי אַרום איז אויף די שאָסייען ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר די זעלנער פון ארץ־ישראל און ציפּערן, דאָס הייסט, אַז זיי דאַרפן בלייבן הפקר פאַר דער דייטשער געפאַנגענשאַפט, און אפשר אויך פאַרן טויט. וואָס וועלן ניט טאָן די פאַרגעשריטענע און נאָבעלע ענגלענדער צו ראַטעווען זייער לעבן?..

מיר האָבן אָבער ניט געטראַכט אונטערצוגעבן זיך דער רשעותדיקער און דערנידערנדיקער גזירה פון די בריטישע קאָמענדאַנטן־"דזשענטלמענער". אונדזערע בחורים האָבן זיך אַן עצה געגעבן און מיט פאַרשיידענע „טריקן" צו נישט געמאַכט די אינטריגע: אויסטראַלישע און ניו־זעלאַנדישע היטלען זיינען אויסגעוואַקסן אויף אַ סך קעפּ פון אונדזער חברה, און זיי האָבן זיך אויסגעמישט אין די שורות פון דער אַנסופיקער גייענדיש פון טויזנטער, טויזנטער, וואָס ציִען זיך אָן אָן אָנפירונג און אָן אַ סדר. אין דעם שטומען גערודער האָט זיך אָפּט געלאָזט הערן אַ געשריי נאָך רחמים, וואָס האָט צעריסן דאָס האַרץ: water ! water !, און פלעגט פאַרפאַלן ווערן אינעם גלייכגילט פון אַרום. קיין וואַסער איז ניט געווען. די וואַסער־פלעשער זיינען געהאַנגען ליידיקע אויף די פּאַסן, ווייל ס'איז ניט געווען ווו אָנצופילן זיי.

פאַרווונדעטע האָבן געקנייט און געפאַלן ביי די זייטן פון די וועגן, הפקר פאַר דורשט, פאַרן שונא, פאַר פאַרגעסונג, און אפשר פאַרן טויט. אַלע גייען

אין אַ מין טעמפּקייט, אַ שעה נאָך אַ שעה, טאָג און נאַכט ביז... ביז דער רגע, ווען עס טוט אַ גלאַנץ פאַר די אויגן די ים־בלויקייט, און די פיס, ווי זיי וואָלטן זיך אָנגענומען מיט כוח פון אַן אומבאַקאַנטן רעזערוואַר, האָבן פאַרשנעלערט זייער גאַנג.

אויף די גליקלעכע, וואָס האָבן מצליח געווען צו דערגיין צום ברעג, האָבן געוואַרט שיפן. אין דער גרויסער מהומה האָט זיך איינגעשטעלט אַ געוויסער סדר ביים אַרויפגיין אויף די שיפן, וועלכע זיינען בליץ־שנעל אָנגעפילט געוואָרן ביז די ברעגן; ווייל יעדע רגע האָט באַדייט טויט אָדער לעבן. באַלד איז אויפגעהויבן געוואָרן דער אַנקער און זיי זיינען אַוועק־געשוואומען אין דער ריכטונג פון מצרים, איבערלאָזנדיק אַ שוימיקן וואַסער־שלעפּ.

איך האָב זיך געפונען אויף אַן אָנגעפּרעסטן שיפדעק, וואָס איז געשוואומען קיין אַלעקסאַנדריע. די אַלע לאַנגע שעהען, אין דער ענגשאַפט וואָס אָטעמט מיט פאַרשטונקענער לופט, בין איך געווען ווי אין אַ שאָק, אין אַ מין חלום, ווי כ׳וואָלט זיך אַליין באַטראַכט פון אַן אַנדער־וועלטיקן אָבסערוואַציע־פּונקט. נאָר אין אונטערבאַוואוסטזיין האָט אין מיר געדופקט, ווי קלעפּ פון אַ האַמער, איין איינציקער ווילן: קומען אַהיים, קומען אַהיים!

איך האָב זיך טאַקע לאַנג ניט פאַרהאַלטן. ווי נאָר כ׳האָב באַטראַטן דעם מיצרישן ברעג, האָב איך זיך באַלד אויפגעכאַפּט פון מיינע חלומות, און איין מחשבה, איין מחשבה, האָט מיך באַהערשט. כ׳האָב קיין זאַך ניט געזען אַרום זיך, כ׳האָב נאָר געזוכט אַ טרעמפּ אַהיים. כ׳האָב זיך אַרויסגעדרייט פון אַלע מיליטערישע פאַראָרדענונגען און כ׳בין אַוועק מיט איין וועג, וואָס פירט קיין צפון. כ׳האָב לאַנג געוואַרט ביז ס׳איז אונטערגעקומען אַ מילי־טערישע לאַסטמאַשין, וואָס איז געפאָרן קיין קאַנטאַראַ און האָט מיך מיט־גענומען.

כ׳געדענק כמעט ניט ווי אַזוי ס׳זיינען אַריבער די לאַנגע שעהען, ווי אין אַ נעפּל פאַרוויקלטע, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט ווי אַ טרעמפּיסט ביז קאַנטאַראַ, פון קאַנטאַראַ ביז רפיח, פון דאָרט קיין רחובות, און צום סוף, פון רחובות קיין תל־אביב. כ׳געדענק בלויז, אַז כ׳בין אָנגעקומען אין תל־אביב עטוואָס נאָך מיטאָג, און דער אויסזען פון גאַסן, ליידיקע און רויִקע אַזוי, איז געווען אויסטערליש.און דאַן האָב איך זיך דערמאַנט, אַז היינט איז יום־טוב, שבועות.

כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט ווי כ׳וואָלט זיך אַליין ניט געגלייבט: יום־טובדיקע גאַסן, פאַרלעך אין באַד־קאַסטיומען און שטובשיך גייען צום ים; יידן מיט בערד, רעליגיעזע, שפּאַצירן זיך מיט נחת... מ׳זעט ניט קיין העלם,

קיין געווער, קיין וואַסערפלאַש, קיין רוקזאַק, קיין כאַקי־בגד... און רויִק... רויִק... אַן אַלאַרמען, אָן דעם גערויש פון עראָפּלאַנען, מ׳לויפט ניט באַהאַלטן זיך... סאַראַ מאָדנע וואָר דאָס איז!

עטוואָס שפּעטער בין איך געווען אויפן ראָג פון שדרות ראָטשילד, אַנט־קעגן אליהו גאָלאָמבס הויז. כ׳האָב זיך געוואָנדן צו אַ שאָפער פון אַ טעקסי און כ׳האָב אים געזאָגט, אַז איך וויל פאָרן אין רמת הכובש, נאָר כ׳האָב ניט קיין געלט...

„אויב דו האָסט ניט קיין געלט, טאָ פאָר ניט!" האָט ער מיר געענטפערט.

כ׳האָב צוגעוואַרט אַ ביסל און ביז צוגעגאַנגען צו אַ צווייטער טעקסי, כ׳האָב זיך אַריינגעזעצט, און אָן שום הקדמות האָב איך געהייסן פאָרן קיין רמת הכובש. דער רויִקער און דרייסטער טאָן מיט וועלכן כ׳האָב גע־רעדט האָט, ווייזט אויס, באַזייטיקט זיינע ספקות, האָט ער אָנגעצונדן די מאַשין און מיר זיינען אָוועקגעפאָרן.

די גאַנצע צייט וואָס מיר זיינען געפאָרן קיין רמת הכובש האָט מיר ס׳האַרץ משוגענערווייז געקלאַפּט. און ווען די מאַשין איז אַריינגעפאָרן אין משק, האָב איך דערזען אַ גרויסן ציבור ביים עסצימער און עמעצער שטייט און רעדט; ווען מיר זיינען צוגעקומען נעענטער, האָב איך דערקענט אַז דאָס רעדט האַרצפעלד.

כ׳האָב געבעטן דעם שאָפער ער זאָל זיך אָפּשטעלן, כ׳בין אויסגעשטיגן און שטילערהייט אָוועק צו זיך אין צימער. כ׳האָב ניט געוואָלט אַז צוליב מיר זאָלן זיי איבעררייסן די מסיבה. מיט די לעצטע כוחות האָב איך זיך דערשלעפּט צו מיין דירה, כ׳האָב געעפנט די טיר, בין אַריין, און כ׳בין גלייך אַ פאַל געטאָן אויף אַ בעט. ווייזט אויס, אַז צוליב מיין שרעקלעכער מידקייט און געריצטקייט האָב איך פאַרלאָרן דעם באַוווּסטזיין און האָב געחלשט.

כ׳נוייס ניט ווי אַזוי האָט מען זיך דערוווּסט פון מיין קומען, אָבער באַלד זיינען אָנגעקומען מענטשן און מ׳האָט מיך געבומען אָפּמינטערן. מיט שווער־קייט האָט מען אַראָפּגעצויגן פון מיר די שמוציקע מיליטערישע בגדים און ווי עס איז אַראָפּגעשלעפּט מיינע שיך, ווען כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך זיך געפונען אין בעט, אין אַ כאַלאַט און מענטשן האָבן זיך אַרויפ־געוואָרפן אויף מיר אַרומצונעמען, קושן און באַגריסן. און דאָ און דאָרט האָט זיך געהערט אַ שעפּטש פון דער ברכה "תחית־המתים"...

שפּעטער האָט מען מיר דערציילט, אַז ערב יום־טוב איז פאָרגעקומען אַ וויכוח אין רמת הכובש צי מ׳דאַרף פּראַווען דעם יום־טוב צי ניט, אַזוי גרויס איז געווען די זאָרג וועגן מיר. אַריבער צוויי טויזנט מאַן פון ארץ־ישראל

זיינען אַריינגעפאַלן אין דער דייטשער געפאַנגענשאַפט, נאָר מיין נאָמען איז דערשינען צווישן די פאַרלאָרן־געגאַנגענע, דאָס הייסט, אַזוינע וואָס פון זייער גורל איז גאָרנישט באַוווּסט. צוליב דער אומזיכערקייט איז באַשלאָסן געוואָרן, סוף כל סוף, צו פייערן דעם יום־טוב.

איצט, זייענדיק וואַך, האָב איך געהאַט איין פאַרלאַנג: וואַסער! וואַסער! מ׳האָט מיך אויפגעהויבן און אַוועקגעפירט צום טוש פון משק. געשטאַנען בין איך אונטערן שפּריצער לאַנג, לאַנג, איינגעזאַפּט מיט גרויס הנאה דעם שטאַרקן שטראָם וואָס שווענקט מיין גוף, און האָב זיך ניט געקענט אָפּ־רייסן...

צו ביסלעך האָב איך געפילט, אַז איך הייב אָן, ווייזט אויס, צו קומען צו זיך. כ׳האָב געשפּירט ווי מיינע כוחות קערן זיך אום צו מיר צוריק. אָבער ביז גאָר לאַנג האָב איך ניט געקענט פאַרגעסן דעם אויסזען פון די מאַסן מענטשן, די לאַנגע רייען פון אָפּטרעטנדיקן מיליטער, די הונדערטער דורש־טיקע, די פאַרוווּנדעטע וואָס קניִען ביי די וועגן, און אין מיין מוח האָבן זיך כסדר איבערגערופן די פאַרצווייפלטע געשרייען: water! water! — —

אַ סערזשאַנט-מיידזשער איז ניט
קיין מזכיר פון אַ קיבוץ

כאָטש אין דער בריטישער אַרמיי האָבן די זעלנער אָפט געזונגען דאָס באַוווסטע ליד וועגן סערזשאַנט-מיידזשער, וואָס איז געווען דער הויפּטזייל פון יעדער מיליטערישער איינהייט, איז דאָס ניט געווען קיין פונקציע וואָס האָט אים באַליבט געמאַכט ביי די זעלנער. קלאָר, אַז זייער באַציִונג צו אים איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק געווען פון זיין אויפפירונג. זיינע רעכט זיינען געווען כמעט אומבאַגרענעצט, ווייל ער איז פאַראַנטוואָרטלעך געווען פאַר דער אָרדענונג און דיסציפּלין, פאַר דער זויבערקייט און פאַרן אַנגענומענעם שטייגער לעבן. דאָס רוב איז ער באַטראַכט געווען ווי אַ שרעקלעכע געשטאַלט, וואָס וואַרפט אַן אַ פּחד אויף אַלעמען. ניט נאָר די פּשוטע זעלנער האָבן אים אין אַלץ געפאָלגט, נאָר אפילו די העכערע קאָמאַנדירן האָבן גאָרנישט געטאָן ניט באַראַטנדיק זיך מיט אים.

כדי צו באַפרייען זיך עטוואָס פון זיין פּחד, איז אין ענגלישן מיליטער פאַרפאַסט און געזונגען געוואָרן דער באַקאַנטער שלאַגער, וואָס אין אַ פרייער איבערזעצונג קלינגט ער בערך אַזוי:

„גיב מיר אַ קוש, סערזשאַנט-מיידזשער דו מיין,
איידער ביינאַכט מיך אין בעט שלעפערסט איין — —"

היינט שטעלט זיך פאַר, אַז אין אַ געוויסן טאָג האָט מען מיך גערופן צו דער קאָמענדאַנטור פון דער איינהייט, און דעם קאָמענדאַנטס שטעלפאַרטרעטער, אַ מיידזשער, האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך דאַרף פאַרנעמען דאָס אָרט פון דעם סטאַבילן סערזשאַנט-מיידזשער, וואָס איז אַוועקגעפאָרן אויף אורלויב. דערביי האָט ער מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז ווען יענער וועט זיך אומקערן פון אורלויב, וועל איך אַרבעטן מיט אים צוזאַמען, ווייל ס'קען גריילעך זיין, כ'זאָל פאַרבלייבן ביי דער פונקציע אויך שפּעטער.

כאָטש כ'האָב שוין פון לאַנג חושד געווען אַז דאָס דערוואַרט מי, בין איך דאָך צעטומלט געוואָרן: נאָר דעם אָפיצירס טאָן, סטאַרענדיק זיך צו ריידן מיט מיר העפלעך, איז דאָך געווען דעצידירט און באַפעלעריש, און ביי מיין גאַנצן ווילן געבן אים צו פאַרשטיין, אַז איך בין ניט דער פּאַסיקער מענטש

פאַר אַזאַ פונקציע, האָב איך זיך אַנגעשטויסן אויף אַ שמייכלדיקן אומווילן, צו וועלכן ס'איז קיין עצה ניטאָ.

כ'האָב פאַרגעסן צו דערציילן, אַז געשען איז דאָס אין מערבדיקן מידבר, אין אַ פּלאַץ וואָס הייסט קווינע, ווו ס'האָט געלאַגערט אונדזער שאַפערן־איינהייט. כ'בין דערגאַנגען אַהער נאָך די מפלות, צוריקגאַנג און פאַרצווייפלונג פון גריכנלאַנד און פון קרעטאַ, נאָך דעם ווי צוויי טויזנט פון אונדזערע זעלנער זיינען אַריינגעפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט, און אַ סך פון אונדז זיינען דורך די ענגלענדער איבערגעלאָזן געוואָרן אויף הפקר, ווען זיי זיינען אָפּגעטראָטן צו די רעטונגס־שיפן. איז וואָס איז דער וווּנדער, וואָס מיר האָבן צו זיי ניט געפילט קיין שום סימפּאַטיע, און מיר האָבן בלויז געזוכט אַ מעגלעכקייט צו דערגיין מיט אַלע וועגן צו די ייִדישע איינהייטן כדי זיך באַפרייען פון דער אַפּוטרופּסות און חברשאַפט פון די אַלביאָן־זין?

די מעשיות וואָס בן־גוריון, אליהו גאָלאָמב, אַגרון און אַנדערע האָבן אונדז דערציילט, אַז „אַזוינע זאַכן זיינען שוין געשען", און אַז אַזוי האָבן געהאַנדלט די ענגלענדער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה לגבי דער קאָמפּאַניע פון די ייִדישע פּרייוויליקע, האָבן נאָך מער אַקטיוויזירט אונדזער ווילן. אויב מלחמה־האַלטן מיט די נאַציס — איז נאָר אין די ראַמען פון ייִדישע איינהייטן, מיט אַ ייִדישער קאָמאַנדשאַפט, מיט אַ ייִדישן שטייגער, און מיט אַנדערע פאַרהעלטענישן אין דער מיליטערישער הערארכיע.

ווייזט זיך אַרויס אַז דאָס איז ניט לייכט, און כ'האָב געמוזט דורכמאַכן גענוג וואַנדלונגען און אַוואַנטורעס ביז איך בין געקומען צו דער ייִדישער שאָפערן־איינהייט אין קווינע. היות כ'בין געקומען פון דער סאַפּיאָרן־אָפּטיילונג, איז קלאָר, אַז קודם כל האָב איך זיך געמוזט באַקענען מיט אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט מאַשינען און מיט שאָפעריי; בין איך אין אַ צוויי טעג אַרום געלעגן אונטער אַ מיליטערישער מאַשין, גענישטערט אין אירע געדערעם און געלערנט אירע טיילן און גלידער, נאָכן אַנשטופּן מיין בויך מיט טעאָרעטישע ידיעות וועגן זייער פונקציע. צום סוף פון דעם קורס, וואָס האָט זיך געצויגן גענוג לאַנג, האָט מען מיר באַשטימט דריי עקזאַמענס — אַ פּאַכמעגישן, אַ מעכאַנישן און אַן אַדמיניסטראַטיוון. די ערשטע זאַך האָט מען אונדז געבראַכט אַ נייע מאַשין, וועלכע מיר האָבן געדאַרפט צענעמען מיט אַלע חלקים, דערנאָך — מאָנטירן זי אויף דאָס ניי. און ווען די אויפגאַבע איז געלונגען זיינען מיר צוגעטראָטן צו די עקזאַמענס.

במשך פון דעם קורס האָב איך, ווי געזאָגט, געדאַרפט אויספירן די פונקציע פונעם סערזשאַנט־מיידזשער, וואָס איז געווען אין אורלויב, אָבער צום סוף בין איך אַרויסגערופן געוואָרן צו דער קאָמאַנדשאַפט פון דער איינהייט, דאָס

מאָל צום קאָמענדאַנט אַליין, וואָס האָט זיך ביי מיין אַריינגיין אויפגעשטעלט, געדריקט מיין האַנט און געזאָגט: „איך באַגריס דיך, סערזשאַנט־מיידזשער באַנקאָווער מיט דיין נייער פונקציע".

אויף דעם אופן האָב איך באַקומען מיין ענדגילטיקן מיליטערישן גראַד. כ'האָב סאַלוטירט און האָב זיך אומגעקערט צו זיך אין געצעלט.

***

איך בין לאַנג געלעגן אויפן בעט און געטראַכט פון דער נייער פּאָזיציע, אין וועלכער כ'בין אַריינגעפאַלן. כ'האָב זיך געשלאָגן מיט דער דעה און האָב זיך פאַרגעשטעלט כלערליי מעגלעכקייטן און סיטואַציעס, וואָס דערוואַרטן מיך אין מיין ראָל. כ'האָב זיך אַליין פאַרהערט, געיִשובט זיך ווי אַזוי צו האַנדלען און רעאַגירן אין געוויסע אומשטאַנדן, וואָס די ווירקלעכקייט וועט מיר צוטראָגן, כדי ניט צו זיין ענלעך צו יענער אימהדיקער געשטאַלט, וואָס אידענטיציפירט זיך אין דער בריטישער אַרמיי מיט דער פונקציע, וואָס איז אויף מיר אַרויפגעלייגט געוואָרן.

ניט לאַנג נאָך דעם, האָב איך דערהערט טריט פון אַ גרופּע מענטשן וואָס דערנענטערט זיך צו מיין געצעלט. מ'האָט פאַרקאַשערט די טירפלאַכטע, און אין געצעלט זיינען אַריין דריי מאַן, אַלע חברים פון קיבוץ המאוחד, פון די סאַמע נאָענטע צו מיר.

„דאָס מאָל קומען מיר ווי אַ דעלעגאַציע", האָבן זיי געמאָלדן.

„זע, באַנקאָווער" — האָבן זיי אָנגעהויבן, נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך געזעצט, ווער אויף אַ שטול, ווער אויף אַ קאַסטן און ווער אויף דער ערד — „דאָ ניט לאַנג ביסטו געווען דער מזכיר פון קיבוץ המאוחד און דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר. אונדז לייגט זיך ניט אויפן שכל דו זאָלסט אויספירן די ראָל פון אַ סערזשאַנט־מיידזשער". „פאַרוואָס?" — האָב איך געפרעגט.

„ווייל אויב מען וויל אַז אין דער איינהייט זאָל הערשן דיסציפּלין און אָרדענונג, איז אוממעגלעך דאָס אַפּצוהיטן ניט זייענדיק האַרט און אומבוי־געוודיק, אָן שטראָפן און אָן אַרעסטן. דאָס איז דער זכות און די פליכט פון אַ סערזשאַנט־מיידזשער לויטן רעגולאַמין און לויט דער טראַדיציע, און אויב דו וועסט זיך אַזוי פירן, וועלן דיך די זעלנער פיינט האָבן, ווי יעדן סערזשאַנט־מיידזשער...".

„אָבער", האָב איך געזאָגט — „אפשר קען מען זיך אויך פירן אויף אַ פאַרקערטן אופן, ניט אויפן קאָנווענציאָנעלן..."

„אין רעזולטאַט וועט קיין שום דיסציפּלין אין דער איינהייט ניט זיין... דאָס מיינט — אַ באַלאַגאַן, הפקרות, אומאָרדענונג... מיליטער איז ניט קיין

קיבוץ, און אַ סערזשאַנט־מײדזשער איז ניט קײן מזכיר פון אַ קיבוץ, און ניט קײן געזעלשאַפטלעכע קאָמיסיע אָדער אַ קולטור־קאָמיסיע...״

„בדרך כלל בין איך מסכים מיט אײך״, האָב איך געענטפערט. „כ׳האָב קײן מאָל ניט געשטרעבט און ניט געהאַט קײן אַמביציע אויסצופירן די ראָל פון אַ סערזשאַנט־מײדזשער אין דער בריטישער אַרמײ, בפרט נאָך דעם אַלעמען וואָס כ׳האָב דורכגעמאַכט די אַלע דינסט־יאָרן אין דער סאַפּיאָרן־אָפּטײלונג. אָבער... אָבער מיר געפינען זיך דאָך אין אַ ייִדישער אײנהײט, און אויב מ׳האָט אויף מיר גוזר געווען צו זײן אַ סערזשאַנט־מײדזשער אין אַ ייִדישער אײנהײט, זאָג איך אײך צו, אַז כ׳וועל זיך ניט פירן ווי אַ מזכיר פון אַ פּאַרטײ אָדער פון אַ קיבוץ, אָבער אויך ניט ווי אַן ענגלישער סערזשאַנט־מײדזשער. כ׳זאָג אײך צו, אַז כ׳וועל האַנדלען לויט מײן אײגענעם פאַרשטײן און באַנעמען מײן פונקציע, און איך גלײב, אַז כ׳וועל געפינען אַ שותּפישע שפּראַך מיט אַלע זעלנער...״

די חברים האָבן מיך אויסגעהערט שווײַגנדיק, און אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן זײ פאַרלאָזן מײן געצעלט.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן מײן קאַריערע פון אַ סערזשאַנט־מײדזשער, וואָס האָט אָנגעהאַלטן פיר יאָר, אין מידבר, אויף דער פראָנטליניע, וואָס האָט זיך געצויגן פון אל־עלמײן ביז טריפּאָלי, אין מאַלטאַ און אין איטאַליע, און דערנאָך — אין די שטורמישע טעג פון אונדזערע באַגעגענישן מיט דער שארית־הפליטה און אונדזערע באַזוכן אין די טויטלאַגערן אין דײטשלאַנד.

כ׳מײן, אַז איך בין געווען געטרײַ דער קרוין, וואָס איך האָב געטראָגן אויף די דרײַ פּאַסן אויף מײן אַרבל. אָבער בײַ מיר איז קײן ספק ניט, אַז איך בין געטרײַער געווען מײן ראָל, וואָס האָט, לויט מײן מײנונג מער געפּאַסט פאַר אַ ייִדישער אײנהײט, וואָס איז דורכגעדרונגען געווען מיט אַ מענטשלעכער און נאַציאָנאַלער שליחות, און האָט זיך, צווישן אַנדערן, אויסגעדריקט אין אַן אינערלעכער דיסציפּלין און אַן אָנשטענדיקער און חברישער באַציִונג צו יעדן זעלנער.

אין יאָרן אַרום האָבן מיר דערמאַנט צוויי פון יענע דרײַ חברים פון דער דעלעגאַציע דעם געשפּרעך און די ספקות וואָס זײַנען אַרויסגעבראַכט געוואָרן. איצט, האָבן זײ געזאָגט, פאַרדריסט זײ ניט, וואָס איך בין ניט אַנטקעגנגעקומען זײער פאַרלאַנג...

***

פון דעסט וועגן האָבן מיר אין די ייִדישע אײנהײטן געהאַט אַ סך גוטע

טעג, טעג פון באַגייסטערונג מיטן אָפּשטויסן דעם נאַציִשן שונא, טעג פון גרויזאַמען און צאַרנדיקן טרויער אין אָנבליק פון חורבן, און טעג פון אַ דערלייזונגס־באַוווסטזיין אין די באַגעגענישן מיט די געבליבענע פון חורבן. אין אַזוינע טעג האָט אונדזערע איינהייטן אַרומגענומען אַ דערהויבענע גרייט־קייט אויסצודריקן דעם פולן זין פון אונדזער מאָביליזירן זיך און דעם עיקר פון זיין ציל. אין אַזעלכע טעג בין איך אויך אין מיין ראָל ווייט געווען פון רוטין, און איך בין אַריינגעטאָן געווען אין די פּראָבלעמען, וואָס די צייט און די שליחות האָבן אונדז אונטערגעטראָגן.

מיט די ענגלענדער אָבער זיינען געווען ניט ווייניק צוזאַמענשטויסן. ניט איין מאָל האָבן זיי געגראָבן אונטער מיר, צוויי מאָל האָט מען מיך געוואָלט דעגראַדירן. דאָס איז געשען אין מאַלטאַ. אויפן אינדזל זיינען געווען הונ־דערטער פעסטונגען, מויערן און טונעלן פון מיטל־עלטער, אָבער זיין סטראַ־טעגישע ווערט איז, דער עיקר, באַשטאַנען אין זיין אָרט, אַ זעכציק מייל פון סיציליע און הונדערט פופציק מייל פון אַפריקע. דאָ איז קאָנצענטרירט געווען דער עיקר כוח, וואָס האָט זיך געדאַרפט אַרויפוואַרפן אויף דער באַצווונגע־נער אייראָפּע. דורך סיציליע און דעם איטאַליענישן שטיוול, וואָס האָט פון אַ סך שטאַנדפונקטן אויסגעוויזן צו זיין די „אַכילעס־פּיאַטע״ פון דייטש־איטאַליענישן אַקס.

מיר זיינען געווען אַ טייל פון דעם דאָזיקן כוח. דאָרט זיינען געווען צענד־ליקער און הונדערטער שיפן פון כלערליי מינים, וואָס האָבן געפירט אין זייער בויך און אויפן דעק גוואַלדיקע אַרמיי־טיילן פון אַלערליי פאַרמאַציעס, קריגס־מאַטעריאַלן און אַמוניציע, שפּייז און אַנדערע אַרטיקלען, און אין סך־הכל — אַ מעכטיקער כוח, וואָס האָט געדאַרפט פאַרנעמען סיציליע, כדי צו פאַרוואַנדלען זי אין אַ טראַמפּלין פאַר וויטערדיקע אינוואַזיעס.

מיר האָבן זיך איינגעאָרדנט און אויפגעשטעלט אונדזער לאַגער; איין מאָל האָט מען אונדז אָנגעזאָגט, אַז דער סערזשאַנט־מיידזשער פון הויפּט־שטאַב קומט אויף אַן אינספּעקציע (ער איז נאָמינירט געווען איבער אַלע כוחות אין מאַלטאַ). מיר זיינען געוווינט געווען צו אינספּעקציעס פון הויכע אָפיצירן, פון דעסט וועגן האָב איך זיך זייער באַמיט צוצוגרייטן אונדזער לאַגער צו דער ערשטער אָפיציעלער אינספּעקציע, וועמעס עיקר־כוונה איז זיכער געווען קאָנטראָלירן אַלע פּרטים פון דער איינהייט.

דער ענגלישער סערזשאַנט־מיידזשער, פעט און גרויס, איז געקומען אין דריי טעג אַרום, צען אַזייגער אין דער פרי, און ס'איז אונדז גלייך קלאָר געוואָרן, אַז ער טראַכט ניט פון קיין קאָנטראָל, נאָר זיין באַזוך איז סתם פון הנאה וועגן. ווי באַלד אַזוי, איז ער איינגעלאַדן געוואָרן אין סערזשאַנטן־

קלוב. דאָרט האָט מען בליץ־שנעל דערלאַנגט צום טיש פלאַשן וויסקי, קאָנ־יאַק און ביר, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ זויפן, ווי ס'באַדאַרף צו זיין. גע־צויגן האָט זיך דאָס אַ שעה נאָך אַ שעה, און דער גאַסט האָט ניט אַרויס־געוויזן קיין שום סימן, אַז ער מיינט עפּעס אַנדערש. פאַרנאַכט איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז ער קלייבט זיך אָנצוגיין מיט דער זויפעריי אויך ביי נאַכט, און אפילו צו מאָרגנס. דער אויסזיכט צו זיצן מיט אים און „אָנהאַלטן קאָמפּאַניע" האָט צו מיר ניט געשמייכלט און האָט מיר ניט צוגעגעבן קיין סך מוט...

צו מיין גליק, איז אַריין אַ זעלנער אין קלוב און האָט מיר געזאָגט, אַז איך ווער אַרויסגערופן צום קאָמענדאַנט פון לאַגער. כ'האָב פריי אָפּגעאָטעמט און בין אַוועק נאָכן זעלנער. דער קאָמענדאַנט האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט אַ דרינגנדיקע שליחות, וואָס האָט מיך געצווונגען צו פאַרלאָזן מיין איינהייט. כ'האָב זיך אומגעקערט אין קלוב, אַנטשולדיקט זיך פאַרן גאַסט און כ'האָב אים פאַרגעלייגט ער זאָל נאָך געניסן פונעם כיבוד ביז כ'וועל זיך אומקערן. מיין געהילף וועט מיט אים פאַרברענגען, האָב איך געזאָגט. אָבער דער גאַסט האָט זיך אויפגעהויבן און האָט מיר געמאָלדן, אַז ער גייט אויך אַוועק. מיר האָבן זיך צעשיידט לויט אַלע כללים פון העפלעכקייט, און כ'בין אַרוס אויס־פירן מיין שליחות.

אין צוויי טעג אַרום האָב איך באַקומען אַ באַפעל צו מעלדן זיך צוזאַמען מיט מיין קאָמענדאַנט פאַר אַ געוויסן גענעראַל אינעם הויפּטשטאַב אין צו־זאַמענהאַנג מיט אַן אַנקלאַג, וואָס עס האָט דערלאַנגט דער סערזשאַנט־מיידזשער פון שטאַב, וואָס האָט אינספּעקטירט אונדזער איינהייט און האָט אויסגעפונען, אַז איך האָב ניט קיין אַנונג אין געזעלשאַפטלעכע באַציִונ־גען...

פאַרן גענעראַל האָב איך זיך געשטעלט צוזאַמען מיט מיין קאָמענדאַנט, אַ מיידזשער, און ביידע האָבן מיר געהערט פון גענעראַל די באַשולדיקונג, אַז איך בין געווען ניט העפלעך צום טיטל־טרעגער, וואָס איז געשיקט גע־וואָרן אויף אַ באַזוך אין מיין איינהייט. פאַר אים איז געלעגן מיין אויפפירונג־קאַרטל, און ער האָט אויסגעפרעגט מיין מיידזשער וועגן מיין כאַראַקטער און מיין באַציִונג צום מיליטער. דער מיידזשער האָט מיך פאַרטיידיקט ווי נאָר ער האָט געקענט, ער האָט געלויבט מיינע אָרגאַניזאַטאָרישע און אַדמיניסט־ראַטאָרישע פעיִקייטן, געריימט מיין גרויסע איבערגעגעבנקייט צו די זעלנער, און ער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז דאָ איז ניטאָ קיין אָרט צו באַ־שולדיקן מיך אַזוי שווער.

דער גענעראַל האָט זיך אַ ווילע פאַרטראַכט און האָט געפּסקנט, אַז איך משך פון אַלע יאָרן האָט מען מיך טאַקע אין גאַרנישט ניט באַשולדיקט, אָבער

די איצטיקע אַנקלאַגע איז זייער אַ האַרבע. נאָר וויבאַלד דאָס איז די ער־שטע, באַגנוגנט ער זיך מיט אַ וואָרענונג, וואָס וועט פאַרצייכנט ווערן אין מיין אויפפירונגס־קאַרטל. ער האָפט, אַז מער קיין אַנקלאַגעס וועלן קעגן מיר ניט זיין, ווייל אין קעגנפאַל וועט ער זיין געצוווּנגען צו האַנדלען מיט דער פולער שטרענגקייט.

***

דער צווייטער פאַל, צוליב וועלכן ס׳האָט מיר געדראָט צו פאַרלירן מיין סערזשאַנט־מיידזשער־קרוין, איז געשען בערך אין אַ חודש אַרום.

געשען איז דאָס נאָך דער געוווּער־זוכעניש אין רמת הכובש (דורכגעפירט דורך בריטישע סאָלדאַטן), וואָס איז געווען באַגלייט מיט אַן איזדעקעוון זיך און ברוטאַלע מעשים, וואָס האָבן גורם געווען דעם טויט פון שמואל וויליגיץ ז״ל. ווען צו אונדז איז דערגאַנגען די ידיעה און ס׳זיינען באַקאַנט געוואָרן די פרטים, האָב איך זיך אָוועקגעזעצט און אָנגעשריבן צום קאָמענדאַנט פון דער איינהייט אַ שאַרפן פראָטעסט־בריוו כדי מ׳זאָל אים אַריבערשיקן צום הויפּטשטאַב.

צווישן אַנדערן האָב איך אָנגעשריבן אין יענעם בריוו, אַז ווי אַ חבר פון רמת הכובש און ווי אַ פאַמיליע־מאַן און אַ פאָטער פון אַ קינד, איז מיר שווער צו טראָגן די אוניפאָרם פון דער בריטישער אַרמיי, וואָס איז באַפלעקט געוואָרן מיטן בלוט פון מיינע חברים און חברטעס אין מיין הויז. איך שעם זיך, האָב איך פאַרענדיקט מיין בריוו, צו טראָגן די אוניפאָרם, וואָס עס האָבן געטראָגן די ענגלישע זעלנער, ווען זיי זיינען באַגאַנגען די נידער־טרעכטיקע פאַשיסטישע מעשים, און איך בעט מ׳זאָל מיך באַפרייען פון דעם סערזשאַנט־מיידזשער־ראַנג, ווי אַ פּראָטעסט קעגן פּאָגראָם וואָס די בריטישע זעלנער האָבן דורכגעפירט אין מיין הויז פון רמת הכובש.

אויך אונדזער איינהייט האָט אויסגעדריקט איר כעס און פאַרביטערונג. די שבת־מסיבה האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג, און אויף מאָרגן האָבן זיך געמאָלדן אָפיצירן פון די צוויי איינהייטן פאַר זייערע קאָמאַנדירן און האָבן זיי איבערגעגעבן וועגן דער אויפגעבראַכטער שטימונג פון די ארץ־ישראלדיקע זעלנער.

ס׳זיינען אויך אָפּגעשיקט געוואָרן פּראָטעסט־בריוו, אין נאָמען פון אונדזע־רע איינהייטן, צום הויפּטשטאַב פון אינדזל.

אין אַ וואָך אַרום האָבן מיר דערהאַלטן אַן ענטפער פון דעם קאָמענדאַנט פון די פאַראייניקטע כוחות אין מאַלטאַ, ווו ער שטרייכט אונטער, אַז „ער פאַרשטייט אַז די זעלנער פון די צוויי ארץ־ישראלדיקע איינהייטן לעבן דורך

אַ שווערע צייט", און אַז ער וועט אַריבערפירן אונדזערע פּראָטעסטן צום הויפּטשטאָב אין קאַיר.

די רעזולטאַטן פון דעם ענין זיינען מיר ניט באַוווסט עד היום. אמת, מ'האָט מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז מ'קלייבט זיך צו „אַנטלאָסטן" מיך פון מיין סערזשאַנט-מיידזשער-ראַנג, אָבער אין אַ צוויי-דריי טעג אַרום האָט מען מיך אַרויסגערופן צום קאָמענדאַנט פון מיין איינהייט און מ'האָט מיר פאַרטרויט, אַז מאָרגן „רירט" מען זיך פון מאַלטאַ, וווּהין? איז אַ סוד...

אַט אַזוי זיינען מיר צוגעשטאַנען צום באַפרייונגס-שווונג פון אייראָפּע — צו ערשט קיין איטאַליע, וואָס האָט באַלד קאַפּיטולירט, און פון דאָרטן ווייטער, ווייטער, ביז אונדזערע פיס האָבן באַטראָטן די טומאהדיקע ערד פון דייטשלאַנד. מיר זיינען מיטגעצויגן געוואָרן מיטן רעש פון די שלאַכטן און מיט די איבערלעבונגען פון די שטורמישע און אָנגעשפּאַנטע טעג זיינען פאַרגעסן געוואָרן אַלע פּרשיות פון דער פאַרגאַנגענהייט — —

אַ לעצטע באַגעגעניש אין שטאָטגאָרטן פון באַרי

זומער 1940. מיר, זעלנער פון די ערשטע אינזשעניערן־אָפּטיילונגען, זיינען איבערגעפירט געוואָרן אין מידבר. מיר האָבן געוואָלט זיין וואָס נענטער צו קאַיִר, ווייל אַזוי אַרום וועלן מיר, קודם כל, זיך קענען אָפטער באַגע־געגענען צווישן זיך, וואָס עס איז זייער וויכטיק געווען ביים קאָנסאָלידירן די יִדישע אייניהייטן, און צווייטנס — שאַפן אַ מעגלעכקייט צו טרעפן זיך מיט די מיצרישע יִדן. וויבאַלד דאָס איז געווען אין דער תקופה, ווען אונדזערע באַציִונגען מיט די ענגלענדער האָבן דורכגעמאַכט דעם האָניק־חודש, זיינען זיי געגנויט געווען אונדז אַנטקעגנצוקומען; פלעגן מיר טאַקע אָפט קומען אין די קאַיִרער שולן, ווו מיר האָבן געטראָפן גוטע און וואַרעמע יִדן, וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי האָט געקענט העברעיִש, און פילנדיק אַז אונדז פאַר־בינדט אַ בשותפישער גורל, האָבן זיך די הערצער קעגנזייטיק צעעפנט, מיטן באַוווסטזיין, אַז דאָס איז אַ מלחמה, וואָס אירע רעזולטאַטן וועלן באַשטימען דעם גורל פון יעטווידן יִד.

די טעג זיינען געווען הייסע, פלאַמיקע, און די זאַמד־ווינטן פלעגן פאַרוויקלען די וועלט מיט אַ גרויען שלייער און פאַרשטעלן דעם האָריזאָנט.

די יִדן אין דער מיצרישער הויפּשטאָט זיינען געווען ווי אין אַ דרעמל, זעענדיק אָבער יִדישע זעלנער, האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן ביי זיי אין האַרצן, און זיי זיינען באַלד פילבאַר געוואָרן צו דעם וואָס עס געשעט אַרום זיי, און זיינען שטאָלץ געווען מיט די ארץ־ישראלדיקע מיליטערלייט, וואָס דינען אין די ארץ־ישראלדיקע אייניהייטן. ווי אין אַלע קהילות אין דער וועלט, זיינען דאָ אויך געווען ווייניק פאַרמעגלעכע און אַ סך אָרעמע־לייט.

דער וואָרטזאָגער און מנהיג פון דעם יִדנטום איז געווען דער באַראָן דע־מנשה, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף יִדן און אויף גויים. ער איז געווען זייער רייך און זיין גרוים הויז איז אָפן געווען פאַר די „פּני" פון די יִדן און פון די קריסטן. און היות ער האָט זיך צו אונדז, יִדישע זעלנער, באַצויגן מיט אַ סך וואַרעמקייט, האָט אונדז זיין הויז געדינט ווי אַ טרעף־פונקט מיט דער עליטע פון די מיצרישע יִדן.

דאַכט זיך, אַז געווען איז דאָס אין איינעם פון די לעצטע יוני־אָוונטן,

ווען כ'האָב אַנטייל גענומען אין אַ מסיבה אין דעם גרויסן און פּראַכטפולן הויז. אין געציילטע מינוטן אַרום האָב איך זיך דאָרט אַנגעשטויסן אויף בן־אהרונען, און באַלד נאָכדעם איז אָנגעקומען ענצאָ סערעני און איז צוגע־שטאַנען צו אונדז. אַרום אונדז זיינען אַלע געשפּרעכן פאָרגעקומען אין ענג־ליש, צוליב די בריטישע אָפיצירן וואָס האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט; אָבער מיר, דריי קיבוצניקעס, האָבן געשאַפן אַ באַזונדערן ווינקל און זיך געטיילט מיט אונדזערע ענינים און איבערלעבונגען.

ענצאָ, אַ נדידעריקער, אָבער ענערגיש, פלינק און שפּרודלט מיט לעבן, האָט, ווייזט אויס, געהאַט אַ סך פריינד צווישן די אַנטייל־נעמער אין דער מסיבה, האָט ער באַלד פאַרפירט קורצע און האַרציקע געשפּרעכן אין ענג־ליש, פראַנצייזיש, איטאַליעניש, דאָ און דאָרט אויך אין אַראַביש, די שפּראַך וואָס ער האָט דעמאָלט אָנגעהויבן צו שטודירן.

דער איינדרוק איז געווען, אַז ענצאָ ווייס ניט פון קיין מחיצות צווישן מענטשן און זיין באַפריינדן זיך מיט זיי איז געווען אַ טייל פון זיין פּערזענ־לעכקייט. ער האָט פאַרמאָגט אַן אויפריכטיקייט וואָס האָט געוועקט צוטרוי ביי יעדן איינעם, און ריידנדיק מיטן באַראָן דע־מנשה, מיט בריטישע אָפי־צירן און מיט אַנדערע געסט פון דער מסיבה, איז זיין גאַנצע אויפמערק־זאַמקייט קאָנצענטרירט געווען אַרום דעם, וואָס מיר האָבן אים דערציילט פון ארץ־ישראל און פון לעצטן קיבוץ־ראַט, ווען ער האָט אין איין פרעגן, באַמערקן און רעאַגירן.

יענע נאַכט איז ער ערגעץ אַפּגעפלויגן, אָבער מיר האָבן ניט געוווּסט וווהין.

***

כמעט אין אַ יאָר אַרום, פרילינג 1941, האָב איך ענצאָן ווידער באַגעגנט, אין אַטען. די געמיטער אין גריכנלאַנד זיינען דעמאָלט געווען זייער אויפגע־ברויזט, מיט ביטערע ראַנגלענישן און פאַרשאַרפטע וויכוחים. דאָס גריכישע פאָלק, ווי פאַרשליידערט אין כף־הקלע, פלאָגט זיך און מאַטערט זיך — צי שליסן אַ בונד מיט ענגלאַנד, צי שלום מאַכן מיט דער פאַרויסגעזעענער אינוואַזיע פון די נאַציס. אין אַטען זיצט אַ גרויסע דייטשע דעלעגאַציע, וואָס ווימלט מיט צביעות און אינטריגעס און גרייט צו אַ פאַרפּאַסטן צו דער אָקופּאַציע פון גאַנצן באַלקאַן, אין דער צייט ווען די ענגלענדער ליי־דן מפּלות אין מערבדיקן מידבר. בענגאַזי און דערנאַ זיינען שוין פאַרנומען דורך ראָמעלן, וואָס האָלט ביים באַלאַגערן טאָברוק.

אַ שווערער קלעם האָט זיך אַרויפגעלייגט אויף די ארץ־ישראלדיקע זעל־

נער, וואס זיינען אפגעריסן פון דער היים. די שטימונג איז געווען ווי אין ארץ־ישראל. אבער מיר זיינען אריינגעטאן געווען מיט לייב און לעבן אין פחד פאר דער צוקונפט, אין דער שפירונג פון דער סכנה וואס רוקט זיך שנעל אן.

אין א געוויסן טאג האט זיך ענצא באוויזן אין אונדזער איינהייט. געפארן איז ער קיין יוגאסלאוויע. מיר האבן זיך ווידער באגעגנט באדריט, ענצא, איך און בן־אהרון, וואס האט זיך ניט לאנג אומגעקערט פון א אפיצירן־קורס. דער שמועס איז דאס מאל געווען א קורצער, ווייל ענצא האט זיך געאיילט צו פארשיידענע באגעגענישן, און מיר האבן באשלאסן צו טרעפן זיך מארגן אין אטען.

כ׳געדענק נאך דעם שמועס וואס מיר האבן געפירט גייענדיק מיט די גאסן פון דער גריכישער הויפשטאט, פילנדיק די ביז גאר נאענטע דעצידירנדיקע שעה, נאך דעם ווי די איטאליענער האבן געשלאסן א בונד מיט דייטשלאנד. א סך דייטשן האבן זיך ארומגעדרייט איבער די גאסן פון דער שטאט. ווי זיי וואלטן זיך געגרייט אריינצושטעקן זייערע נעגל אין הארץ פון גריכישן פאלק.

שטאלצע און שיינע גריכישע פרויען זיינען אונדז פארבייגעגאנגען, אבער קיין שמייכל האט מען אויף קיינעמס פנים ניט באמערקט. מיר זיינען געזעסן ניט לאנג אין א קאפעטעריע, נאך א מאל און נאך א מאל ארומגערעדט דעם גורל וואס דערווארט די צוויי טויזנט פינף הונדערט יידישע זעלנער, ווען דער בריטישער פראנט וועט זיך צעפאלן פאר דער אינוואזיע פון די נאציס און זייערע איטאליענישע פארבינדעטע. און אויב די יידישע זעלנער וועלן חלילה, ארייפאלן אין געפאנגענשאפט, וועט דאך דאס זיין א דייטשע געפאנגענשאפט. און צי דען וועלן זיי זיך באציִען צו די ארץ־ישראלדיקע געפאנגענע ווי צו די געפאנגענע פון אנדערע פעלקער?

ענצא, אומגעדולדיק און א ביסל דענערווירט, האט אונדז געגעבן אנצו־הערן, אז ער קלייבט זיך קיין יוגאסלאוויע, און פון דארטן קיין איטאליע. פון דעסט וועגן איז ער פון אונדז דרייען געווען דער סאמע אפטימיסטישער און רויִקסטער; ער האט געטענהט, אז די לאגע איז ניט האפענונגלאז און אז דער גורל פון דער מלחמה איז נאך ווייט ניט דעצידירט.

אין א ווייל ארום האבן מיר זיך צעזעגנט, נאר איך און בן־אהרון זיינען נאך געבליבן זיצן אין דער קאפעטעריע. די צוקונפט האט זיך אונדז אויס־געמאלן אין די סאמע שווארצסטע פארבן. מיר האבן געוווסט, אז די ענג־לענדער האבן ניט קיין שום שאנס אויסצוהאלטן דעם אומגעהייערן דרוק פון די דייטשן. פון דעסט וועגן האט נאך דאך געקלאוועט אין הארצן א געפיל

פון האָפענונג. ווי ס'וואָלט זיך צו מיר דאָך צוגעקלעפּט עטוואָס פון ענצאָס גלויבן און אָפּטימיזם. אַ מאָל האָט מען מיר טאַקע געזאָגט, אַז אין דעם איז באַשטאַנען זיין כוח, איצט אָבער האָב איך עס געפילט אויף זיך אַליין.

ביי נאַכט האָט זיך ענצאָ אָוועקגעלאָזט קיין יוגאָסלאַוויע, וואָס איז, טייל־ווייז, שוין געווען אונטער דער הערשאַפט פון די דייטשן, אָדער זייערע קאָלאַבאָראַטאָרן. ניט לאַנג נאָך דעם זיינען די דייטשן אַריין אין גריכנלאַנד. סאַלאָניקי מיט איר אַלטער און גרויסער יידישער קהילה איז אַריינגעפאַלן צו די מערדער אין די הענט. אַ גרויסער טייל פון דער גריכישער אַרמיי איז אָפּגעריסן געוואָרן, און דאָס ענגלישע מיליטער, מיט די ארץ־ישראלדיקע איינהייטן, איז געווען אַרומגערינגלט, ווי אין אַ פאַסטקע.

***

זומער 1944. פון יענעם זומערדיקן אומעטיקן פרימאָרגן זיינען אַריבער ביי דריי יאָר, און איצט זיינען מיר אין איטאַליע, וואָס אַ העלפט פון איר איז שוין אין אונדזערע הענט. אין די דריי יאָר האָבן זיך אונדזערע וועגן צע־שיידט און ס'זיינען פאָרגעקומען הארבע און אפילו ביטערע געשעענישן. די ענגלענדער האָבן געליטן מפּלות אין צפון־אַפריקע און האָבן זי צוריק פאַרנומען; ס'איז געווען אַ שרעקלעכער צוריקגאַנג פון גריכנלאַנד קיין קרעטאַ, און די מפּלה פון קרעטאַ, ווען אַ סך יידישע זעלנער זיינען אַריינ־געפאַלן אין געפאַנגענשאַפט, צווישן זיי בן־אהרון און אַנדערע חברים.

מיטן פאַרויסגיין פון דער יידישער בריגאַדע אין איטאַליע, צוזאַמען מיט די אַרמייען פון די פאַרבינדעטע, האָבן מיר זוכה געווען צו אַ גרויסער און עמאָציאָנעלער איבערלעבונג ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט דער שארית הפליטה. מיר האָבן פּלוצעם דערפילט דעם וועזנטלעכן טעם פון אונדזער וואָלונטאַרישן מאָביליזירן זיך. אויף דער רגע האָבן מיר געוואָרט אין פאַרלויף פון דער גאַנצער מלחמה, צוליב איר האָבן מיר זיך אַזוי פיל אַנגעליטן. צענדליקער טויזנטער פּליטים האָבן זיך קאָנצענטרירט אין די לאַגערן פון סאַנטאַ־מאַריאַ, פערמאַנטי און באַרי, און מיט אונדזער גאַנצן לייב און לעבן האָבן מיר זיך באַמיט אויפצוועקן אין זיי אַ האָפענונג און גלויבן אין לעבן. אויך אין הארץ פון די איטאַליענישע יידן, וואָס זיינען ניט פאַר־וואָגלט געוואָרן פון זייער היים, האָט זיך אָנגעצונדן אַ נאַציאָנאַלער פונק און אַ חוש פון יידישן שטאָלץ. די באַגעגעניש מיט דעם דאָזיקן יידנטום איז אָבער ניט געווען אַזוי פּשוט, און ניט לייכט איז אָנגעקומען די אַרבעט מיט אים, און מען האָט ווידער אָפּט דערמאָנט סערעניס נאָמען. געבוירן אין איטאַליע און דערצויגן אויף איר קולטור, איז ווער קען נאָך אַזוי ווי ער

געפינען אַ שותּפישן לשון מיט די ייִדן פון זיין געבוירן־לאַנד?

איין מאָל האָט ער זיך טאַקע באַוויזן אין לאַגער פון באַרי, ציוויל גע־קליידט, כאָטש ער איז שוין געווען אַ מיידזשער פון די פּאַראַשוטיסטן. אין אונדזער באַגעגעניש זיינען פאַרמישט געווען געפילן פון שמחה און טרויער. מיר האָבן געדענקט אונדזער פאַראומערטע באַגעגעניש אין אַטען, וואָס איי־נער פון אירע באַטייליקטע איז איצט געווען אין דער דייטשער געפאַנגענ־שאַפט. פון דער צווייטער זייט האָט די מלחמה געביטן איר פּנים, און אויפן וויטן האָריזאָנט האָבן זיך שוין באַוויזן סימנים פון דעם שונאס מפּלה.

ענצאָ האָט מיר דערציילט וועגן זיין געראַנגל ביז ער איז אָנגענומען געוואָרן אויפן פּאַראַשוטיסטן־קורס. ערשטנס — די ספקות פון די מנהיגים צי דאַרף ער, אין זיין עלטער, אַראָפּלאָזן זיך הינטער דעם שונאס פראָנטליניע: דערנאָך די שוועריקייט אָנגענומען צו ווערן אויפן קורס, און דאָס פּאַרמעסטן זיך מיטן אַראָפּלאָזן זיך אויף אַ פּאַראַשוט... „אָבער כ'האָב דעצידירט און אויסגעפירט", האָט ער געזאָגט. „ביז איצט פלעג איך באַשליסן וועגן דער שליחות פון אַנדערע פּאַראַשוטיסטן, איצט איז געקומען די צייט איך זאָל דאָס אַליין טאָן... איך זע אין דעם אַ מאָראַלישן אימפּעראַטיוו..."

דער גרעסערער טייל פון דער טרעפונג איז אַריבער אין אַ שמועס וועגן מענטשן און עפּיזאָדן, אָבער וועגן זיינע פּלענער האָט ער קיין סך ניט גע־רעדט. אין אַ טאָג אָדער צוויי אַרום, איז ער שוין געווען אַריינגעטאָן אין אַ פּאַרצווייגטער טעטיקייט אין איטאַליע. אין טרעפן זיך מיטן דאָרטיקן ייִדנטום און אין דער אַרבעט צווישן די פּליטים. אין אַ וואָך אַרום האָב איך אים ווידער באַגעגנט און מיר האָבן וויזיטירט די לאַגערן. מיט וואָס פאַר אַ פּשטות און לייכטקייט ער האָט זיך געקענט קאָמוניקירן מיט יעדן ייִדן, ניט נאָר מיט די איטאַליענישע. אַ סך האָבן זיך באַטייליקט אין די רעטונגס־אַקציעס צווישן די רעשטלעך פון דעם אומקום, נאָר ענצאָ האָט זיך אויסגעטיילט פון אַלעמען מיט זיין איניציאַטיוו, מיט זיין אומרויִקן געמיט, מיט זיין אָנזעעוודיקער השפּעה. לעבנספרייד. פּשטות און ערנסטקייט האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן אין זיין אוממיטלבאַרן צוגאַנג, אָבער איבער אַלעם האָט דאָמינירט זיין טיפע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, זיין פעיִקייט אַלזייטיק אַרומצונעמען ענינים און דער כּוח צו פאַרווירקלעכן זיי. און אין סך־הכּל — אַן אָנבליק פון אַ ווונדערבאַרן מענטשן — אַ קליינער גוף מיט אַ שטורמישער און באַצויבערנדיקער נשמה.

אָבער ניט איך האָב געוווּסט און ניט מיר איז איינגעפאַלן, אַז דאָס זיינען זיינע לעצטע טעג און אַז ער קלייבט זיך אַראָפּצולאָזן אויף אַ פּאַראַשוט אין לאַנד פון די נאַציס.

דעם אָוונט ווען ענצאָ איז אָפּגעפלויגן איז פאָרגעקומען אונדזער לעצטער

געשפּרעך, און כ׳האָב ניט געוווּסט, אַז ער איז דער לעצטער.

***

שקיעה־צייט זיינען מיר געזעסן אויף אַ באַנק אין איינעם פון די גערטנער אין באַרי, אין אַ ווייטן סוף־שטאָטישן קוואַרטאַל. כ׳האָב אים איצט ס׳ערשטע מאָל געזען אין דער אוניפאָרם פון אַן ענגלישן אָפיציר. ער האָט כמעט ניט דערמאָנט דעם ציל פון זיין שליחות, צו וועלכער ער האָט געדאַרפט אַרויס־פאָרן אין עטלעכע שעה אַרום; און כאָטש כ׳האָב זיך אַוודאי אָנגעשטויסן וועגן וואָס עס גייט, האָב איך אים גאָרנישט געפרעגט. ער האָט אַ סך גערעדט וועגן ארץ־ישראל און וועגן זיין הויז אין קיבוץ. צי דען האָט ער געפילט אין די טיפעניש פון זיין נשמה, אַז ער רעדט אפשר דאָס לעצטע מאָל מיט אַ נאָענטן חבר? ווער ווייס...

ער האָט ווידער און נאָך אַ מאָל גערעדט וועגן זיין קיבוצישע היים, ניט נאָר וועגן גיבעת־ברענער, נאָר וועגן דער קיבוצישער היים בכלל. בעת ער איז לעצטנס געווען אין לאַנד, איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם שאַרפן וויכוח, וואָס האָט פאַרכאַפּט די קיבוצישע באַוועגונג, און וואָס האָט דערפירט צו אַ שפּאַלטונג. אָבער ניט קוקנדיק אויף די מיינונגס־פאַרשיידנ־קייטן, איז אוממעגלעך געווען ניט צו דערפילן, אַז פאַר אים עקזיסטירט ניט קיין טייערערע זאַך ווי דער קיבוץ. ער האָט דערציילט וועגן זיין באַטייליקן זיך אין מפא״י־ראַט אין ירושלים און דער שטעלונג פון די לאַנגאָניקע חב־רים, און וועגן דעם צעטעלע וואָס ער האָט צוגעשיקט צו יעדערן פון די דריי בכבודיקסטע חברים — בערל קאַצענעלסאָן, יצחק טאַבענקין און דוד בן־גוריון — ווו ער האָט זיי געבעטן אָפּצוהיטן די נשמה פון קיבוץ. „אַ קליין צעטעלע״ — האָט ער געזאָגט — „בלויז עטלעכע ווערטער, און איך האָף, אַז זיי וועלן אויף מיר קיין פאַריבל ניט האָבן...״

נאָר דער עיקר געשפּרעך האָט זיך געדרייט אַרום דער האָפענונג צו באַ־געגענען זיך מיט די לעבן־געבליבענע ייִדן, נאָכן גרויזאַמען חורבן. אין איטאַליע האָבן מיר געפונען בלויז געציילטע, די מערהייט איז נאָך ביי די נאַציס, און אַהין גייט ער. „לאָמיר גלייבן, אַז מיר גייען זיך טרעפן מיט צענד־ליקער טויזנטער ייִדן און אפשר הונדערטער טויזנטער... דאָס איז מיין האָ־פענונג, און דאָס גיט מיר כוח צו לאָזן זיך אין וועג...״

ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַ דריק געטאָן מיין האַנט און איז פאַרשוווּנדן אין חושך... ס׳האָט דערנענטערט די שעה ווען ער האָט זיך געדאַרפט מעלדן. כ׳בין נאָך לאַנג געבליבן זיצן אין דער שטילקייט, וואָס האָט געהאַלטן אין איין פינצטערער ווערן, און כ׳האָב מיט אַ מאָל דערפילט ווי אַ פאַרהוילענע

שרעק פאַרקלייבט זיך צו מיר אין האַרצן...

***

טעג און חדשים זיינען פאַרביי. די מלחמה האָט אַרומגענומען נאָך שטחים, נייע לענדער, און פון ענצאָן האָבן מיר גאָרנישט געהערט. אין יעדער פאַרנו־מענער שטאָט, אין יעדן פלאַץ ווו מיר זיינען אָנגעקומען, האָבן מיר געזוכט צוויי זאַכן: שפורן פון פאַרבליבענע יידן און שפורן פון דעם שליח פון גיבעת־ברענער. איין מאָל האָבן מיר זיך דערוווּסט פון איטאַליענישע פאַר־טיזאַנער, אַז ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן פיינדלעכן באָדן און אַז די דייטשן האָבן אים געכאַפּט.

ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין דאַכאַו האָבן נאָך די קאַלכאויוונס גע־רויכערט. צעטומלט האָבן מיר געטראַטן אויפן אַש, וואָס איז פאַרבליבן פון די אַ מאָל לעבעדיקע יידן, און מיר האָבן ניט געוווּסט אַז אויך ענצאָס אַש געפינט זיך דאָ, און אַז זיינע לעצטע טעג איז ער געווען דאָ, צווישן די קינדער פון זיין פאָלק, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט.

ערשט נאָך דער מלחמה, ביים גריבלען זיך אין די דאָקומענטן פון דאַכאַו, איז קלאָר געוואָרן, גלייך מיט די פּרטים פון גרויסן אומגליק, אויך ענצאָס אומקום.

עדות וואָס זיינען בייגעווען האָבן דערציילט וועגן דער אויפפירונג פון דעם יידישן־איטאַליענישן־בריטישן אָפיציר, וועגן זיין שטאָלצער האַלטונג, ווען מ'האָט אים באַרבאַריש געפייניקט. ער איז אומגעקומען צוזאַמען מיט זיינע ברידער, און קיינער ווייס ניט וווהין זיין לעצטע מחשבה האָט זיך אַוועקגעטראָגן...

דער קליינער לעאָנאַרד –
אַן אָפּשטאַם פון גרויסן משה מאָנטעפיאָרע

הײַנט, ווען אונדזער מדינה איז שוין עלטער פון אַ פערטל יאָרהונדערט, וועט פאַר אַ סך אויסקומען מאָדנע ווען מיר וועלן זיי דערציילן ווי, פאַר איר אַנטשטייונג, זײַנען מיר פילבאַר געווען ווי אַ סטרונע צו יעדן צופעליק געזאָגטן וואָרט פון אַן ענגלישן מיניסטער, אָדער צו אַ דעקלאַראַציע פון אַ געהילפס־מיניסטער, לגבי אונדזער לאַנד, ווו זיי האָבן געבאַלעבאָטעוועט מיטן כח פון מאַנדאַט. ווי ס'איז באַקאַנט, האָט זיי דער מאַנדאַט פאַרפליכטעט, קודם כל, העלפן אויסבויען אַ נאַציאָנאַלע היים פאַר ייִדן. אָבער די גאַנצע צײַט פון זייער הערשאַפט האָבן זיי פאַרראַטן און אַרויסגעדרייט זיך פון דער דאָזיקער פונקציע, און יעטווידער קאָלאָניע־מיניסטער און אויסערן־מיניסטער האָט געהאַט דאָס רעכט צו אינטריגירן קעגן אונדז.

אין קעגנזאַץ צו דער פײַנדלעכער שטעלונג פון די בריטישע רעגירונגען, די קאָנסערוואַטיווע ווי די לייבאָרישע, האָבן מיר זיך באמת צו געוווינען די געזעלשאַפטלעכע מיינונג אין ענגלאַנד גופא, וואָס האָט צו יענער צײַט געהאַט ניט קיין קליינע השפעה. אין דעם געראַנגל האָבן מיר, פאַרשטענדלעך, געלייגט גרויס אַכט אויפן בריטישן ייִדנטום מיט זײַן איינפלוס, אַז די געזעלשאַפטלעכע מיינונג זאָל זיך אויספאָרמירן לטובת אונדז.

אין דער צײַט ווען די ארץ־ישׂראלדיקע איינהייטן זײַנען געווען אין איטאַליע, האָט מען אונדז אָנגעזאָגט, אַז עס קומט צו אונדז מיט אַ באַזוך לעאָנאַרד מאָנטעפיאָרע, וואָס איז געווען ניט נאָר אַן אָפּשטאַמיקער פון באַרימטן מאָנטעפיאָרע, נאָר איז אויך געווען איינער פון די מנהיגים פון דער ייִדישער קהילה אינעם לאַנד. מיר האָבן, אמת, געוווּסט, אַז ער איז אַן אַנטי־ציוניסט און אַז ער איז אַ קעגנער פון יעטווידן געדאַנק פון אַ ייִדישער פּאָליטישער זעלבשטענדיקייט, אָבער די רעזולטאַטן פון דעם באַזוך האָבן איבערגעשטיגן אונדזערע ערגסטע דערוואַרטונגען. ס'האָט זיך שנעל אַרויסגעוויזן, אַז אומקערנדיק זיך קיין ענגלאַנד, האָט ער נאָך פאַרשטאַרקט זײַן אַנטי־ציוניסטישע טעטיקייט און האָט געשטיצט אַלע פּאָליטישע אַנטי־ציוניסטישע פּאָזיציעס פון זײַן רעגירונג.

געטראַכט האָבן מיר אַז מען מוז אַלאַרמירן דאָס ענגלישע ייִדנטום קעגן זיין דערווידערדיקער אויפפירונג, וואָס שטערט זייער אונדזער גוראַנגל פאַר אומאָפּהענגיקייט און אונדזער שטרעבן צו אַ ייִדישער מדינה אין ארץ־ישראל. ווייל אונדזער מאָביליזירן זיך אין דער ענגלישער אַרמיי איז געווען מיטן ציל ניט נאָר צו קעמפן מיט די נאַציס און די האָפענונג צו באַגעגענען זיך מיט דער שארית הפליטה, נאָר אויך כדי צו שאַפן פּאָליטישע אויסזיכטן און באַזעס פאַר אונטערהאַנדלונגען איבער דער פּראָבלעם פון שאַפן אַ מדינה.

דעריבער האָב איך אָנגעשריבן צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין ענגלאַנד אַ בריוו, ווו איך שטעמפּל מאָנטעפיאָרעס האַנדלונג, וואָס לייגט שטיינער אין וועג פון דעם ייִדישן געראַנגל פאַר אַ נאַציאָנאַלן קיום. כ'האָב אויך צוגעלייגט אַ פּריוואַטן בריוו צום רעדאַקטאָר פון דעם וואָכנבלאַט, ש. לעווענבערג, מיין פריינד, און כ'האָב אויף אים געדריקט ער זאָל מיין בריוו גלייך פאַרעפנטלעכן. ווי באַלד עס זיינען אַריבער וואָכן און מיין בריוו איז ניט פּובליקירט געוואָרן, האָב איך פּאַראיבל געהאַט אויף לעווענבערגן און כ'האָב אים געשיקט אַ צווייטן בריוו, ער זאָל מיר אויפקלערן די סיבות, צוליב וועלכע מיין בריוו איז ניט דערשינען. בעטנדיק אַנטשולדיקונג, האָט ער מיר גלייך געענטפערט און צו וויסן געגעבן, אַז דעם גורל פון בריוו האָט דעצידירט משה שערטאָק, דער שעף פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג פון דער ייִדישער אַגענץ, וואָס איז דעמאָלט געווען אין לאָנדאָן.

לעווענבערג האָט נאָך צוגעגעבן און דערקלערט, אַז משה שערטאָק ווייס און איז מסכים, אַז לעאָנאַרד מאָנטעפיאָרע איז ניט קיין ציוניסט און איז קעגן דעם געדאַנק פון אַ ייִדישער מדינה, נאָר ער מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אָנשטענדיקן און אָרנטלעכן מאַן, און טראָץ זיינע איבערצייגונגען איז ער אַ גוטער ייִד, און פאַרעפנטלעכן אַ בריוו וואָס קריטיקירט אים קען ברענגען שאָדן.

כאָטש כ'האָב זיך באַצויגן מיט כבוד צו משה שערטאָקס פּאָליטישן און פּאַרטייִישן יישוב־הדעת, האָב איך אין דעם פאַל ניט מסכים געווען מיט אים, און ס'האָט מיר פאַרדראָסן פאַרן איבערגעטריבענעם רעכענען זיך מיטן ייִדיש־ענגלישן דזשענטלמען.

אין יאָרן אַרום, ווען צוליב פאַרשיידענע געשעענישן און איבערלעבונגען איז מיר דער ענין אַרויס פון זינען, האָב איך זיך געטראָפן מיט משהן, וואָס האָט שוין געהייסן שרת, און איז געווען דער ערשטער אויסערן־מיניסטער פון ישראל. צווישן אַנדערן האָבן מיר געשמועסט וועגן דער בריגאַדע אין איטאַליע, און מיר האָבן זיך דערמאָנט אין דער פרשה מאָנטעפיאָרע.

„וואָס זיינען געווען דיינע מאָטיוון ניט צו פאַרעפנטלעכן מיין בריוו?"

משה, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פענאָמענאַלן זכרון, האָט געדענקט אַלע פּרטים פון דעם פאַל:

„כ'געדענק, אַז לעווענבערג האָט מיך געפרעגט: וואָס האָט באַנקאָווערן פּלוצעם באַוויגן אָנצושרייבן אַזאַ בריוו? ער איז דאָך אַ פּאַראַנטוואָרטלעכער מענטש! האָב איך אים געענטפערט, אַז פון זיין שטאַנדפּונקט איז מסתמא באַנקאָווער גערעכט. ער איז דאָך פון דער הגנה און פון די ייִדישע מיליטערישע איינהייטן, אַ חלוץ און אַ פּאַטריאָט. חוץ דעם איז ער דאָך זייער אַ טעמפּעראַמענטספולער מענטש — אין דער צייט וואָס מאָנטעפיאָרע איז אַ טיפּישער ענגלענדער, קאַלטבלוטיק און מיט אַן אַריסטאָקראַטישער האַלטונג, וואָס דאָס „גענעץ" און די מאַכט איז ביי אים איבער אַלעם. ער און באַנקאָווער זיינען צוויי וועלטן ממש, איז ווי אַזוי קען זיך דער תהום, וואָס טיילט זיי פונאַנדער, צוזאַמענשליסן? פון דעסט וועגן, מיט זיין גאַנצן אַנטי־ציוניזם, האָט מאָנטעפיאָרע געקעמפט, אויף וויפל מיר איז באַוווּסט, פאַר אַ פרייער עליה פון ייִדן קיין ארץ־ישראל. און מיר קענען ניט גרינגשעצן די הילף פון אַ מענטשן, וואָס פאַרנעמט אַזאַ פּאָזיציע, אפילו ווען זיין הילף דריקט זיך אויס נאָר אויפן געביט פון עליה אַליין... בפרט ווען מיר פאַרמאָגן אַזוי ווייניק פריינד..."

„דאָס" — האָט משה פאַרענדיקט — „האָב איך דערקלערט לעווענבערגן, פאַרזיכערנדיק אים, אַז ווען כ'וואָלט געהאַט אַ געלעגנהייט צו טרעפן זיך מיט באַנקאָווערן, וואָלט איך אים איבערצייגט מסכים צו זיין מיט מיר... און אַט שמועסן מיר וועגן דעם טאָקע, כאָטש ס'איז אַ שאָד וואָס אַזוי פיל יאָרן האָבן געמוזט אַריבערגיין ביז מיר זיינען געקומען צו דעם געשפּרעך..."

„ס'איז גאָרניט אַזאַ שאָד" — האָב איך געענטפערט משהן — „ווייל איצט איבערצייגסטו מיך אויך ניט און איך נעם ניט אָן דיין מיינונג... נאָר ס'איז גוט וואָס מיר נעמען זיך איצט ניט איבער מיט יעדן זאַג פון אַן ענגלישן מיניסטער, און מיר זיינען ניט אָנגעוויזן אויף די טובות פון ייִדן פון מאָנטעפיאָרעס שניט, וואָס האָבן זיך געסטאַרעט צו זיין מער ענגלענדער ווי די ענגלישסטע ענגלענדער אַליין".

„וויוואַ איל דוטשע!"

אויפן איטאַליענישן פראָנט האָט זיך געפירט אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט. די לופט איז געווען אָנגעזעטיקט מיט קלאַנגען פון אַ גאַלאָפּירנדיקער מלחמה. די אַרמייען פון די פאַרבינדעטע האָבן געקעמפט ניט נאָר אויפן פעלד און אויפן פראָנט, נאָר אויך מיט דער צייט: פאָרויסגיין! פאָרויסגיין וואָס שנעלער! פון דעסט וועגן זיינען געווען שטרויכלונגען, וואָס האָבן געהאַמעוועט דעם טעמפּאָ. די אָפּטרעטנדיקע און פאַרפאָלגטע איטאַליענישע אַרמיי האָט אויפגעריסן די בריקן פון די טייכן און טייכלעך, מיט וועלכע דאָס לאַנד איז פול געווען. אָבער די המצאה פון אַ „ביילי־בריק", מיט וועלכער די ברישע אַרמיי האָט זיך גענומען באַנוצן, אַ המצאה וואָס דערמעגלעכט אין פאַרלויף פון עטלעכע שעה מאָנטירן אַן אייזערנעם איבערגאַנג, אַנשטאָט די אויפגעריסענע בריקן, האָט פאַרקלענערט די שטערונגען, און די שנעלקייט פונעם פאָרויסמאַרש איז ניט האַרב געטראָפן געוואָרן. אַ פאַקט איז, אַז אויף דער אָקופּאַציע־מאַפּע פון די פאַרבינדעטע איז יעדן טאָג צוגעקומען אַ ניי אָרט, אָדער אַ נייע שטאָט.

די ייִדישע איינהייטן זיינען געווען אַ טייל פון דעם פאָרויסגייענדיקן מיליטער. מיר האָבן אויך איבערגעלאָזן הינטער זיך אַ ייִדישן בית־עולם, ווו ס'זיינען באַערדיקט געוואָרן אונדזערע געפאַלענע, אין זייער קאַמף מיטן גרויזאַמסטן שונא פון אונדזער פאָלק, אָדער מיט די וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן דריי־אַקס פון דייטשלאַנד, איטאַליע און יאַפּאַן.

די הויפּשטאָט רוים איז אָבער געפאַלן אַן אַ שלאַכט. די אַרמייען פון די פאַרבינדעטע זיינען צו איר צוגעקומען פון דרום און פון צפון און האָבן זיך ניט אָנגעשטויסן אויף קיין שום ווידערשטאַנד.

נאָכן פאַרנעמען אַ נייע שטאָט, פלעגן מיר זי וואָס שנעלער באַזוכן; ניט צוליבן „טוריסטן־אימפּולס", חלילה, נאָר כדי צו זוכן ייִדן. מיר פלעגן אַריינקוקן אין די מאַפּעס און חקרענען זיך, ווו ס'איז כדאי פריִער צו קומען, טאָמער זיינען דאָרט פאַרבליבן ייִדן.

רוים האָבן מיר אויף דער מאַפּע ניט געזוכט. פון „ייִדישן שטאַנדפּונקט" האָבן מיר לגבי איר ניט געצווייפלט. דער זאָג „אַלע וועגן פירן קיין רוים" איז אונדז קלאָר געוואָרן ניט נאָר פון דער געשיכטע, נאָר פון דער פלאַצי־

רונג און צענטראַלקייט פון דער דאָזיקער שטאָט, וואָס איז אין דער געשיכטע פון די פעלקער און פון דער מענטשהייט געוועזן ירושלימס קאָנקורענטין.

אין רוים גופא אָבער האָבן מיר זיך געגייטיקט אין אַ מאַפּע, ווי נאָר מיר זיינען אַריין אין איר, האָבן מיר געזוכט אַ וועג צום „טיטוס־טויער", געוואָלט זען דעם דענקמאָל פון רוימס נצחון איבערן פאָלק פון ירושלים, וועמעס קינדער ס׳קומען אָנקוקן דעם אָנדענק פון די חרובע שטיינער, וואָס בלויז זיי זיינען פאַרבליבן פון יענעם טיטוס, וואָס האָט געוועלטיקט איבער דער וועלט... דער טויער איז אָבער געווען אַרומגעצאַמט מיט אַ בעטאָנענער וואַנט, כדי צו באַשיצן אים פון באָמבעס, און מיר האָבן ניט געקאָנט זען די פּראָ־צעסיע פון די ייִדישע געפאַנגענע, וואָס טראָגן די מנורה פון בית־המקדש, און דעם אויפשריפט „די באַזיגטע יהודה"...

נאָכן אַריינטראַכטן זיך אין די פאַרפלאָנטערטע וועגן פון דער געשיכטע, זיינען מיר אַוועק אָנקוקן די שטאָט, ווו ס׳געפינען זיך שטיינערנע רעשטן פון דער מעכטיקער וועלט־מלוכה, וואָס איז געווען... פון זיך אַליין איז אונדז קלאָר געוואָרן ווער עס האָט געזיגט אין דער מלחמה צווישן רוים און ירושלים...

***

אונדזער איינהייט האָט זיך איינגעקוואַרטירט אין אַ בנין פון אַ גרויסער שולע און איר דערבייִיקן הויף. פון ערשטן טאָג אָן האָבן אונדזערע איטאַל־יענישע שכנים געזוכט קאָנטאַקטן צו אונדז. קינדער און פרויען פלעגן זיך צונויפזאַמלען ביים טויער פון הויף, בעטן מיט די אויגן, און צייטנווייז מיטן מויל, עפּעס צום עסן, ווייל די מלחמה האָט מיטגעבראַכט הונגער און נויט דער גאַנצער באַפעלקערונג. זיי זיינען איבערראַשט געווען פון דער ברייט־האַרציקייט און פון דער מענטשלעכער באַציִונג, וואָס מיר האָבן זיי אַרויס־געוויזן, און זיי פלעגן נעמען אונדזער ברויט מיט אַ גרויסער זשעדנעקייט. די גאווה און חוצפּהדיקע פאַרריסנקייט, וואָס מוסאָליני האָט זיך באַמיט צו קולטיווירן אין זיין פאָלק, זיינען פאַרשוווּנדן געוואָרן.

דאָס זיינען געווען קאַלטע טעג פון אָנהייב ווינטער.

די טעג פון קריסטמעס און סילוועסטער האָבן די איטאַליענער געוואָלט פייערן לויט זייער שטייגער, לויט זייער געוווינהייט, כדי אויסצודריקן זייע־רע דראַמאַטישע אייגנשאַפטן און כאַראַקטער; זיי זיינען אָבער געווען באַ־גרענעצט, פאַרשטייט זיך, אין מעגלעכקייטן, ווי אַ רעזולטאַט פון זייער מפּלה אין דער מלחמה. האָבן מיר זיי ווידער געהאָלפן און געגעבן פון אַלץ וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, כדי זייער יום־טוב זאָל ניט ליידן פון קיין קאָנטיקן מאַנגל.

ערב סילוועסטער בין איך איינגעלאַדן געוואָרן צו דער מסיבה פון אונדזער אַ שכן, אַן אָפיציר פון איטאַליענישן ים־פלאָט, וואָס האָט דעזערטירט, ווי נאָך די איטאַליענישע אַרמיי האָט זיך געגומען איינברעכן. אַזוי ווי כ׳האָב געדענקט די מענטשלעכע באַציִונג פון אַ סך איטאַליענער צו ייִדן, די קלויס־טערס וווּ זיי האָבן געפונען אַ דאַך איבערן קאָפּ, האָב איך אָנגענומען דעם אָפיצירס איינלאַדונג. צו דער מסיבה האָב איך געבראַכט עטלעכע פלאַשן וויסקי און קאָניאַק. גערעדט מיטן גאַסטגעבער האָב איך ענגליש. די אָנטייל־נעמער אין דער מסיבה האָבן אָנגעטאָן זייערע שענסטע בגדים, אויסדריקנ־דיק דערמיט זייער בענקשאַפט נאָך די גוטע צייטן, וואָס זיינען געווען און ניט געוואָרן.

עטלעכע מינוט פאַר האַלבע נאַכט, ווען די ווייזערס האָבן זיך גערוקט צו דער רגע, וואָס טיילט אָפּ איין יאָר פון צווייטן, ווען אַלע זיינען געשטאַנען מיט פולע גלעזלעך משקה, איז צוגעגאַנגען צו מיר דער באַלעבאָס און מיט הכנעה געזאָגט: „צי וועט דיך ניט אַרן אויב מיר וועלן זיך פילן פריי גראַ־טולירנדיק איינער דעם אַנדערן מיטן נייעם יאָר?״

כ׳האָב ניט פאַרשטאַנען די כוונה פון זיין פראַגע, אָבער היות כ׳האָב זיך געוואָלט פירן ווי אַ דזשענטלמען, האָב איך אים געענטפערט: „ס׳איז דאָך דיין הויז, און איך בין דאָך ביי דיר נאָר אַ גאַסט, איז פיר זיך ווי דיר געפעלט״.

ער האָט מיר אָפּגעדאַנקט און האָט זיך אומגעקערט צו זיין פּלאַץ.

ווען דער זייגער האָט געשלאָגן צוועלף, האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט, און דער באַלעבאָס האָט אויפהייבנדיק דעם כוס אויסגערופן: ״וויוואַ איל דוטשע! וויוואַ מוסאָליני!״ און אַלע האָבן אונטערגעכאַפּט מיט פאַרטויבנ־דיקע קולות: „וויוואַ! וויוואַ!״

כ׳בין דערשטוינט געוואָרן. זיי האָבן דאָך מיך באַטראַכט ווי אַ פאַרשטייער פון די אָקופּאַנטן, איז פון וואַנעט האָט זיך גענומען אַזאַ חוצפה? כ׳האָב באַשלאָסן ניט צו רעאַגירן אויפן אָרט. כ׳האָב זיך אַן איין וואָרט און אָן אַ ברכה אַרויסגערוקט שטילערהייט פון דער מסיבה, צו זייער אַלעמענס פאַרוווּנדערונג. דאַכט זיך, אַז זיי האָבן פאַרשטאַנען אַז זיי האָבן איבער־געכאַפּט די מאָס, ווייל ווען כ׳בין צוגעגאַנגען צו דער טיר, האָט זיך זייער שווייגן פאַרוואַנדלט אין אַ שטוינענדיקער שטילקייט.

אין דרויסן איז געווען שטאַרק קאַלט, אַ קעלט וואָס האָט געקניפּן די באַקעטע באַקן מיט אכזריות. כ׳האָב זיך פאַרוויקלט אין מאַנטל און אַוועק־געאיילט צו זיך.

אַן אַקאָרדיאָן אונטער יעדן בעט

מיטן פאַרויסמאַרש פון די פאַרבינדעטע אַרמייען צום צפון, צום עק פון איטאַליענישן שטיוול, איז אונדזער איינהייט דערגאַנגען צו אַנקאָנאַ, איינע פון די איטאַליענישע פאַרטשטעט.

ס׳איז אונדז באַלד קלאָר געוואָרן, אַז די שטאָט, וואָס איז באַשאָסן און באָמבאַרדירט געוואָרן פון די אַמעריקאַנער און ענגלענדער פון ים און פון דער לופט, איז צעשטערט געוואָרן ביזן פונדאַמענט, און ס׳איז ניט לייכט צו געפינען אַ פּאַסיקן פּלאַץ איינצוקוואַרטירן אַ גאַנצע מיליטערישע קאָמ־פּאַניע, און ווער רעדט נאָך אַ שאַפערן־איינהייט מיט אַ גאַנצן קאַראַוואַן מאַשינען, גאַראַזשן און וואַרשטאַטן.

צווישן די גרוזבערג פון שטאָט האָט זיך פאַר אונדז אַנטפּלעקט אַ גאַנץ הויז, גרויס און שיין — אַ ייִדישע שול. אין די פאַר־מלחמה־יאָרן האָט זיך אַ גרויסער טייל פון די שטאָטישע ייִדן אַסימילירט און געשמדט; בלויז עטלעכע הונדערט האָבן זיך געהאַלטן ביי זייער ייִדישקייט און זיי איז געלונגען אויס־צובאַהאַלטן די ספר־תורה און די טייערע קונסטצירונג, וואָס די מערהייט שולן אין לאַנד באַזיצן. איצט האָבן מיר קיין ייִדן אין שטאָט ניט געפונען, חוץ עלנטע, אַפּגעלאָזענע און דערדריקטע.

זוכנדיק, האָבן מיר אויפן ראַנד פון שטאָט געפונען אַן אַלטערטימלעכן גרויסן גוט מיט אַ פאַרנעמיקן הויף, און דאָרט האָבן מיר באַשטימט אונדזער אכסניה. נאָך אַ חקירה ודרישה האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער באַלעבאָס פונעם פּאַלאַץ איז אַן איטאַליענישער גביר, וואָס האָט צווישן אַנדערן פאַר־מאָגט די גרויסע אַקאָרדיאָנען־פאַבריק אין איטאַליע, איינע פון די באַקאַנט־סטע פאַבריקן אין איירָאפּע.

ווען מיר האָבן געזוכט אַן אכסניה, האָבן מיר אַנגעטראָפן אויף אַ גרויסן מאַגאַזין מיט טויזנטער אַקאָרדיאָנען, קענטיק, כדי אויסצובאַהאַלטן זיי פון אונדזערע מיליטער־לייט. זיי איז אָבער ניט געלונגען צו פאַרהוילן דעם אוצר פון אונדזער שאַפערן־איינהייט.

היות איך בין געווען דער סערזשאַנט־מיידזשער פון דער איינהייט, האָב איך אין אַ געוויסן טאָג דורכגעפירט אַ געוויינלעכע אינספּעקציע אין דער

קאַזאַרמע, כדי צו קאָנטראָלירן די אָרדענונג און די זויבערקייט פון די בעטן.

צופעליק האָב איך אַ קוק געטאָן אונטער אַ בעט און, צו מיין גרויסער איבעררעשונג, האָב איך דערזען אַן... אַקאָרדיאָן. האָב איך אַ קוק געטאָן אונטער אַנדערע בעטן, ערשט אויך דאָרטן זיינען געלעגן די זעלביקע אינ־סטרומענטן. ביז איצט האָב איך קיין מאָל ניט געשפּירט, אַז די אַקאָרדיאָ־נישע מוזיק איז אַזוי פּאָפּולער אין אונדזער איינהייט...

נאָך אַ קורצן יישוב־הדעת האָב איך באַפוילן צוריקצוטראָגן די אַקאָרד־יאָנען. ווען די זעלנער האָבן זיי אָנגעהויבן טראָגן צום מאַגאַזין, איז דער גוטבאַזיצער אַרויס אויפן באַלקאָן און מיט אַן אָפן מויל זיך צוגעקוקט צו דער סצענע. ער האָט מיסתמא געטראַכט, אַז די באַרויבטע פּראָדוקציע וועט ער דאַרפן אַראָפּשרייבן ווי „מלחמה־פאַרלוסטן", און אָט קערט מען אים אום אַלץ צוריק. זיינע באַגריפן וועגן „זיגער" און „באַזיגטע" זיינען, ווייזט אויס, געווען אַנדערש ווי אונדזערע, ביז ס'איז אים קלאָר געוואָרן, אַז דער „מאַרשאַל" (סערזשאַנט אין איטאַליעניש), דער שונא אליין, האָט דאָס גע־הייסן אומקערן דאָס רויב דעם באַלעבאָס. און כאָטש ער האָט זיך מיט קיין איין וואָרט ניט אָפּגערופן, האָט זיך די ידיעה פאַרשפּרייט צווישן זיינע שכנים, און שפּעטער אין שטאָט, אַז דער סערזשאַנט־מיידזשער פון דער שאַפערן־אָפּטיילונג איז, ווייזט אויס, פון ארץ־ישראל און ער באַציט זיך צו די באַזיגטע קאָרעקט און מענטשלעך.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר פאַרלאָזן די שטאָט כדי פאָרצוזעצן אונדזער באַפרייונגס־גאַנג אין אייראָפּע, ביז מיר זיינען דערגאַנגען צום לאַנד פון די מערדער, וואָס לעקן אַרום זייערע ווונדן, נאָך דעם ווי זיי האָבן געבראַכט אַ חורבן אויף אונדזער פאָלק, און אויף דער וועלט אַ גרויסע צעשטערונג.

אין יענע טעג, וואָס זיינען פול געווען מיט עמאָציאָנעלע באַגעגענישן מיט ייִדן וואָס זיינען פאַרבליבן נאָך דער שרפה, און מיט לענדער און פעלקער, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען די מלחמה־גרוילן, האָב איך אין גאַנצן פאַרגעסן די מעשה מיט די אַקאָרדיאָנען.

נאָך דער מלחמה בין איך געפאָרן קיין שווייצאַריע צום ציוניסטישן קאָנ־גרעס, און אויפן וועג — איך ווייס ניט פאַרוואָס — אָפּגעשטיגן אין אַנ־קאָנאַ, אין איטאַליע. כ'האָב זיך באַלד דערמאָנט אין דעם ענין, וואָס דאָ האָט פּאַסירט מיט מיר און אין דער אַקאָרדיאָנען־פּראָדוקציע פון דער שטאָט, בפרט, אַז אַרויספאַרנדיק פון שטוב, האָב איך צוגעזאָגט מיין זון, משהן, ברענגען אַן אַקאָרדיאָן.

כ'האָב געזוכט און געפונען. אונדזער שליח וואָס אַרבעט דאָ צווישן די ייִדישע פּליטים, האָט אַמאָל געהערט צו דער שאָפערן־אָפּטיילונג. מיר האָבן זיך ביידע דערמאָנט אין דער מעשה מיט די אַקאָרדיאָנען, און מיר האָבן באַשלאָסן צוצופאָרן צו דער באַרימטער פאַבריק, וואָס געהערט צום גוטבאַזיצער, אין וועמעס גוט מיר האָבן זיך איינגעקוואַרטירט מלחמה־צייט. אפשר וועל איך דאָרט קריגן פאַר משהלען אַן אַקאָרדיאָן פאַר אַ ביליקערן פּרייז.

די פאַבריק האָט געאַרבעט מיט דער פולער פאַרע. נאָך דער מלחמה איז זי רעסטאַווירט און אויסגעברייטערט געוואָרן; איצט אַרבעט זי אין צוויי שיכטן. דער אָנבליק פון הונדערטער אַרבעטער, איבערגעבויגענע אי־בער זייערע טישן און מאַשינען האָט געמאַכט אַ רושם. מיר זייַנען אַריין אין ביוראָ פון באַלעבאָס, וואָס האָט געמיינט, אַז צו אים זייַנען געקומען בכבו־דיקע קליִענטן. מיין חבר האָט אים אָבער באַלד אויפגעקלערט אין איטאַליע־ניש דעם ציל פון אונדזער באַזוך. „און אָט דער מענטש" — האָט ער גע־זאָגט, אָנווייזנדיק אויף מיר — „איז דער מאַרשאַל פון יענער אָפּטיילונג, וואָס איז ביי דיר איינגעשטאַנען קריגסצייט".

פון גרויס איבערגענומענקייט איז דער מאַן אויפגעשפּרונגען. זיכער! זי־כער! ער האָט נ'ט פאַרגעסן און וועט קיין מאָל ניט פאַרגעסן דעם חסד פון דעם מאַרשאַל, וואָס האָט באַשיצט זיין פאַרמעגן, און אין וועמעס זכות ער איז ניט געטראָפן געוואָרן פון דעם קריג. אָ, ער איז צופרידן, זייער און זייער צופרידן צו זען מיך, און איז נאָך מער צופרידן וואָס ער האָט די געלעגנהייט אָפּצודינען מיר מיט אַ דאַנק פאַר דעם אומפאַרגעסלעכן מענטש־לעכן זשעסט...

ער האָט גלייך אויפגעהויבן דאָס טעלעפאָן־טרייבל און האָט געהייסן ברענגען אין ביוראָ אַ גוטן אַקאָרדיאָן, פון דעם בעסטן און טייערסטן מין. און ס'זייַנען ניט אַריבער קיין צען מינוט, און אין ביוראָ האָט מען אַריינ־געבראַכט דעם אַקאָרדיאָן אין אַ זייער שיינער פּאַקונג. דער איטאַליענער האָט אים געעפנט און האָט מיר אים דערלאַנגט מיט אַ ניואַנס פון צערעמאָניעל־קייט, ריידנדיק שנעל און מיט אַ שפע פון ווערטער, און מיט פּאַטאָס, ווי עס פּאַסט פאַר אַן עכטן איטאַליענער.

איך האָב אים געענטפערט — און מיין חבר זעצט איבער — אַז, צוליב דער באַזונדערער באַציִונג, וואָס דרינגט אַרויס פון דער אַמאָליקער פריינד־שאַפט, בין איך מסכים ער זאָל מיר אויסקלייבן דעם בעסטן אַקאָרדיאָן, און ער זאָל מיר אים פאַרקויפן פאַר אַ צוגעלאָזטן פּרייז. ס'איז אָבער ניט מיין מינהג צו באַקומען וואָס ניט איז אומזיסט.

אַ ווײַלע איז דער איטאַליענער געבליבן שטיין שטום און דערשטוינט; דערנאָך האָט ער נאָך אַ מאָל געפּרוּווט משפּיע זײַן אויף מיר איך זאָל אָננעמען זײַן מתּנה, וואָס ער גיט מיר מיטן פולן האַרץ און מיט פרייד. איך בין אָבער געבליבן בײַ מײַנס. אויב אַזוי, האָט ער גענומען אַ שטיקל פּאַפּיר און אויסגערעכנט זײַן זעלבסטקאָסטן, און דער באַטרעף איז באַשטימט געוואָרן, ווי דער פּרײַז פאַרן אינסטרומענט.

כ׳האָב אים באַצאָלט, און מיר האָבן זיך געזעגנט די הענט.

אפשר מיינט איר אַז דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דער ענין? ער האָט אויפגעהויבן דאָס טעלעפאָן-טרײַבל און האָט אַלאַרמירט זײַן מישפּחה, וואָס איז באַלד אָנגעקומען. ער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר זיי, און וויבאַלד די געשיכטע מיט די אַקאָרדיאָנען איז זיי באַקאַנט געוועזן, האָבן זיי אויף מיר געקוקט ווי אויף אַזאַ, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון דער לבֿנה. גלײַך האָט מען אָנגעשטעלט אויפן טיש פלעשער ווײַן און אַלע האָבן געטרונקען לחיים פאַר די גוטע און אָרנטלעכע מענטשן, און פאַר דער פרײַנדשאַפט וואָס מען טרעפט אַזוי זעלטן צווישן מענטשן און פאַרשיידענע פעלקער.

ווען מיר זײַנען צוריקגעפאָרן צו מײַן חבֿרס וווינונג אין אַנקאָנאַ, און דער אַקאָרדיאָן אַ פּאַרפּאַקטער אויפן הינטערשטן געזעס, זײַנען מיר ביידע פאַרטיפט געווען אין מחשבֿות. וועגן וואָס האָבן מיר געטראַכט? מסתּמא וועגן ענינים וואָס רירן אָן דעם מענטשנס האַרץ, ווען ער שטויסט זיך אָן אין אומגעוויינטלעכע דערשיינונגען, צו וועלכע ער איז אין זײַן טאָג-טעגלעכקייט ניט געוווינט.

„דו ביסט יעקב פּאָרטמאַנס ברודער?"

אין די ערשטע טעג פון אונדזערע באַגעגענישן מיט די רעשטלעך פון די מחנות האָט זיך געשפּירט, אַז אַ מחיצה פון עפּעס אַ חשד טיילט זיי אָפּ פון אונדז, האָמעוועט די אוממיטלבאַרע דערנענטערונג, צו וועלכער מיר האָבן אַזוי געשטרעבט. נאָר ביסלעכווייז איז געוואַקסן אין זיי דער גלויבן, אַז זייער באַגעגעניש מיט די ייִדישע זעלנער, שליחים פון ארץ־ישראלדיקן ישוב, איז ניט קיין ווילדער חלום נאָר אַ ממשותדיקע ווירקלעכקייט.

אַ שבת־צו־נאַכט אין דאַכאַו, די אונטערגאַנג־דעמערונג פאַלט צו צו די שוואַרצע בלאָקן און צו די צוימען פון שטעכלדראָט, און מענטשן — שאָטנס — באַוועגן זיך צום צונויפקום, צו „מלווה־מלכה". מיט ערפורכט און ציטער שטיי איך פאַר די מענטשלעכע סקעלעטן, וואָס זעען אויס ווי אין הינערפּלעט, איך דערצייל זיי פון דעם לאַנד, וואָס וויל זיי ווערן אַ הויז, און וועגן בייע האָפענונגען, וועגן מעשים וואָס וואַרטן אויף זיי און אויף אונדז... הערן זיי? צי זאַפּן זיי איין די ווערטער, וועלכע איך באַמי זיך אַריינצוטריפן אין זייערע אויערן? כ'בין אין דעם ניט זיכער. ווי אַ טיפער תהום וואָלט זיך צעפּראַלט צווישן אונדז...

אָבער איך אַליין בין געווען ווי אונטער אַ שאָק צוליב דעם וואָס האָט מיט מיר פּאַסירט, איידער כ'האָב זיך אָוועקגעשטעלט ריידן. ווען דער פּאָרזיצער פון צונויפקום האָט געמאָלדן, אַז דאָס וואָרט באַקומט דער סערזשאַנט־מיידזשער באַנקאָווער, איז צוגעגאַנגען צו מיר איינער פון די אָנוועזנדיקע און האָט מיך אַ פרעג געטאָן:

„דו ביסט יוסף, משה פּאָרטמאַנס זון?"

„יאָ... יאָ..." האָב איך געענטפערט אַ געפּלעפּטער.

„אויב אַזוי, האָסטו אַ גרוס פון דיין ברודער, יעקב פּאָרטמאַן..."

אין דעם מאָמענט בין איך אַזוי דערשיטערט און צעטומלט געוואָרן, אַז כ'האָב ניט געקענט אויסריידן אַ וואָרט... ווי, ווי אַזוי האָט דער מענטש געקענט אַנטפּלעקן אַ שייכות צווישן מיר, וואָס הייסט באַנקאָווער, און מיין ברודער, וואָס הייסט פּאָרטמאַן. ווען כ'האָב ניט געזען שוין איבער פינף און צוואַנציק יאָר, זינט דעם אויסברוך פון דער רעוואָלוציע? און מיר זיי־

נען דאָך אפילו ניט ענלעך איינער צום צווייטן... ווען מיר האָבן זיך צע־שיידט, בין איך נאָך געווען יונג, כמעט אַ ייִנגל, און ער — אַ דערוואַקסענער מאַן, אַ מיטגליד פון דעם צ. ק. פון „בונד", וואָס איז אויף אייביק פאַר־שיקט געוואָרן קיין סיביר...

„אַ, פשוט, זייער פשוט", האָט דער ייִד, זעענדיק מיין איבעררואַשונג, גע־נומען דערקלערן. „איך אַליין שטאַם פון לידע, ווילנער קרייז. ווען די רויטע אַרמיי האָט גענומען אַפּטרעטן פאַר די דייטשן, האָב איך געוואָגלט צוזאַמען מיט איר, און אַזוי בין איך דערגאַנגען ביז סיביר. כ'האָב זיך געפונען אין אַ פאַרשטויסענער סביבה, וווּ ס'איז אפילו ניט געווען קיין זכר פון אַ ייִדן. מיט דער צייט בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז צוויי הונדערט קילאָמעטער פון דאָרטן געפינט זיך אַ ייִדישע מישפחה. די שרעקלעכע עלנטקייט אין דער פרעמד האָט מיך צוגעטריבן לאָזן זיך אין דעם ווייטן וועג זען אַ ייִדיש פנים, הערן אַ ייִדיש וואָרט...

„כ'וועל דיר ניט דערציילן וואָס איך בין אויסגעשטאַנען אין וועג... אָבער צום סוף בין איך אָנגעקומען צו דעם ייִדן אין הויז. זיין נאָמען איז יעקב פאַרטמאַן, און ער זיצט אין סיביר, ווי אַ פּאָליטישער עמיגראַנט, שוין צענד־ליקער יאָרן... די פרייד פון אונדזער באַגעגעניש, אין דעם מידבר פון שניי און מענטשן, איז געווען גרויס און טיף; אַ מין ייִדישע שימחה, אַזאַ אומע־טיקע, פאַרשטייסט...

סוף כל סוף האָב איך געקענט מיט עמעצן ריידן ייִדיש, און אין האַרצן איז אַזוי וואַרעם געווען... ער האָט מיר דערציילט, אַז זיין זון און טאָכטער זיינען פאַרבליבן אין מאָסקווע, ווייל די פאַרשיקונגס־גזירה פאַלט ניט אויף די קינדער, און איצט איז דער זון אַן אַדוואָקאַט און די טאָכטער אַן אינזשע־ניער... יענע באַגעגעניש, וואָס האָט זיך געצויגן עטלעכע טעג, האָט עטוואָס אָפּגעשוואַכט און פאַרקלענערט דעם געפיל פון פרעמדקייט און פאַרוואָרפנ־קייט, אין וועלכע מיר זיינען ביידע פאַרזונקען געווען, און אַ שטאַרקע פריינדשאַפט האָט אונדז פאַרבונדן... און פון דעמאָלט אָן, אין פאַרלויף פון אַלע מלחמה־יאָרן, פלעג איך יאָר־יערלעך פאָרן אים באַזוכן...

„נו, ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט און מ'האָט גענומען אומקערן די פּוילישע ייִדן „אַהיים" — האָט דער ייִד נאָך אַ ווײַלע שווייגן פאַרגעזעצט — בין איך געפאָרן צו יעקב פאַרטמאַנען אָפּזעגענען זיך... געמיינט האָב איך, אַז ווי באַלד די שרעק פון דער מלחמה און פאַרניכטונג איז אַריבער, וועל איך אים טרעפן אין אַ געהויבענער שטימונג; צו מיין גרויסן וווּנדער האָב איך אים געפונען אין אַ שטאַרקער דעפּרעסיע, מיט פאַרוויינטע אויגן..."

„וואָס איז געשען, יעקב, ?" האָב איך געפרעגט.

„כ׳האָב היינט דערהאַלטן אַ בריוו פון מיין אַלטער מאַמען" — האָט ער געענטפערט — פון וועלכן כ׳בין געוווּיר געוואָרן אַז זי לעבט נאָך... נאָר זי שרייבט, אַז אַבראַשע, מיין ייִנגערער ברודער, וואָס איז געווען אַ קאָמוניסט און אַ פּאַלקאָווניק אין דער רויטער אַרמיי, איז געפאַלן אויפן כאַרקאָווער פראָנט... אויך מיין ברודער יוזעק, וואָס איז מיט יאָרן צוריק אַוועקגעפאָרן קיין פּאַלעסטינע, איז שוין אוודאי אויך ניטאָ, און זי בעט מיך איך זאָל זאָגן „קדיש" נאָך זיי ביידן... אַבראַשע איז געווען זייער אַ גרעאַטענער מענטש, אַ טאַלאַנטפולער... און יוזעק, מיין ברודער, וואָס איז אַוועקגעפאָרן קיין פּאַלעסטינע, זיין פּאַרטיי־נאָמען איז באַנקאָווער, מיט אים בין איך די אַלע יאָרן ניט געווען אין קאָנטאַקט און כ׳האָב פון אים קיין שום ידיעה ניט גע־האָט... ער לעבט שוין אוודאי אויך ניט..."

„דאָס אַלץ איז געשען מיט עטלעכע וואָכן צוריק" — האָט דער ייִד פאַר־ענדיקט — און איצט, פאַרנדיק קיין פּוילן, בין איך אָפּגעטראָטן אַהער, אין דאַכאַו... און ווען כ׳האָב געהערט, ווי דער פאַרזיצער רופט אָן דעם נאָמען באַנקאָווער, איז מיר איינגעפאַלן, אפשר איז דאָס יעקב פאַרטמאַנס פאַר־לוירענער ברודער, און דעריבער בין איך צוגעגאַנגען צו דיר אַ פרעג טאָן... ווייזט זיך אַרויס, אַז אין אַ מלחמה זיינען פאַראַן אַ סך סורפּריזן..."

כ׳האָב אויסגעהערט דעם ייִדן, און אין משך פון עטלעכע מינוט איז מיין קאָפּ פּוסט געווען פון אַ וועלכע ניט איז מחשבה... דאָס האַרץ נאָר האָט משוגענערווייז געקלאַפּט... מיין ברודער יעקב, שוין איבער פינף און צוואַנ־ציק יאָר ווי כ׳האָב אים ניט געזען... פּלוצעם איז ווי דורך אַ נעפּל אויפגע־שווומען פאַר מיר זיין געשטאַלט: אַ שטורמישער טעמפּעראַמענט, אַ פאַר־ברענטער פּאַרטייער, אַ פייערדיקער רעוואָלוציאָנער, ביז די סאַמע טיפענישן פון זיין נשמה... כ׳בין געווען אַ קינד און כ׳געדענק ווי כ׳האָב פאַר אים מורא געהאַט, פון זיין דיסציפּלינירטן און פאַרשלאָסענעם כאַראַקטער, פון זיין נזירישער פאַרהאַרטעוועטער אויפפירונג... ווי זעט ער אויס היינט, נאָך אַלע פאַרצווייפלונגען און אַנטוישונגען, נאָך אַזוי פיל יאָרן אָפּקומעניש אין לאַנד פון שניי ?..

און ווי אַזוי פאַרבינדט מען זיך מיט אים איצט, ווי זאָגט מען אים אָן אַז איך לעב ? כ׳האָב זיך נאָכגעפרעגט, נאָכגעפאָרשט און האָב זיך געשאַפן עטלעכע וואַריאַציעס פון זיין אַדרעס, ניט קיין זיכערע און ניט קיין קאָנטראָ־לירטע. דעריבער האָב איך מיין בריוו צו אים אָפּגעשיקט אין פיר עקזעמ־פּלאַרן, אין פיר קאָנווערטן, וואָס יעדערער פון זיי איז געווען אַנדערש אַד־רעסירט, מיט דער האָפענונג, אַז כאָטש איינער פון זיי וועט דערגרייכן מיין ציל.

אין דער צווישנצייט וואָס נאָך דער מלחמה און שלום, זיינען דאָס רוב אַנט־פּלעקט געוואָרן די שיקזאַלן פון מענטשן — דער גורל פון מישפּחות און דער גורל פון פעלקער, ווי אויך טעג פון פריינדשאַפט און צוזאַמענאַרבעט צווישן די פאַרבינדעטע, צווישן מיזרח און מערב. אין בערלין, וווּ זיילן רויך האָבן נאָך געקלעטערט פון די צעבאָמבאַרדירטע הייזער, האָבן זיך באַגעגנט סאָוויעטישע זעלנער מיט אַמעריקאַנער און ענגלישע קריגסלייט. זיי האָבן זיך אַרומגענומען און געקושט אין דער אַטמאָספער פון אַ שטורמישער, פלאַ־מיקער און צוזאַגנדיקער פריינדשאַפט. ווי לאַנג וועט דויערן די ברידער־שאַפט פון די שלאַכטלייט?

כ׳בין אַוועק צום רוסישן שטאַב נאָך אַן עצה — ווי אַזוי קען איך זיך פאַרבינדן מיט מיין ברודער, וואָס געפינט זיך אין די סיבירער סטעפּעס?

ביים געצעלט פון סאָוויעטישן קאָמענדאַנט איז געשטאַנען אַ וועכטער; ער האָט מיך פאַרהאַלטן און געפרעגט וואָס איך וויל. ווען כ׳האָב זיך גע־וואַנדן צו אים אין זיין לשון, איז ער איבעררעאַשט געוואָרן צו הערן אַ פליי־סיקן רוסיש פון אַ בריטישן קאָמאַנדיר און ער האָט מיך גלייך אַריינגעלאָזן צום קאָמענדאַנט. אין ווינקל פון געצעלט איז געהאַנגען סטאַלינס ניט קיין געלונגען בילד. דער קאָמענדאַנט, וואָס האָט שוין געוווּסט, אַז איך רייד רו־סיש, האָט באַמערקט אַז מיר געפעלט ניט די קוואַליטעט פון בילד, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

„יאָ... יאָ... אונדזער יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש האָט זיך פאַרעלטערט... און דאָס בילד אַליין איז אויך ניט געלונגען... כ׳וועל זיך באַמיִען אויסצוטוישן עס...״

„ס׳מאַכט ניט אויס״, האָב איך געענטפערט, „דער פאָטער סטאַלין איז אין דעם זעלבן מצב ווי אונדזער טשערטשיל... ער האָט זיך אויך אַ ביסל פאַר־עלטערט...״

דער קאָמענדאַנט ברוגזלעך:

„וואָס פאַר אַ פאַרגלייך איז דאָס?.. אייערער איז אַ לאָרד און האָט אַלע יאָרן געלעבט ווי אַ לאָרד... און אונדזער יאָסיף האָט זיך יאָרן לאַנג געוואַל־גערט אין טורמעס, און האָט אַ סך געליטן...״

כ׳האָב באַשלאָסן איבערצורייסן דעם „פאַמיליאָרן״ געשפּרעך און כ׳האָב אים געזאָגט, אַז מיין בקשה איז, ער זאָל מיר העלפן אַפּשיקן אַ בריוו צו מיין ברודער אין סיביר.

ער האָט מיך אַ ווײילע אָנגעקוקט, אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט: „דו ווייסט, שוין מער ווי צוויי מאָנאַטן, אַז איך האָב גאָרנישט דערהאַלטן פון דער היים, ניט קיין בריוו און ניט קיין שום סימן פון לעבן?.. כ׳בין גאָרניט זי־

כער, אַז דיין בריוו וועט בקרוב דערגיין... דער איינציקער וועג אָפּצושיקן בריוו, איז דער וועג פון „אפשר"... שיק אָפּ — אפשר וועט דערגיין... קיין זיכערער וועג איז ניטאָ..."

כ'האָב געהאַט אַ ברירה? האָב איך אָנגענומען זיין עצה. כ'האָב אָפּגעשיקט די בריוו מיט דער פּאָסט „אפשר", און איינער פון זיי איז טאַקע דערגאַנגען צו מיין ברודער אין סיביר. אין אַ חודש אַרום האָב איך דערהאַלטן זיין ענטפער, געשריבן מיט זיין האַנטשריפט...

מיט ציטערדיקע הענט האָב איך געעפנט דעם בריוו, אים געלייענט און געלייענט... קיין גוטע בשורות האָט ער ניט געבראַכט.. פון אונדזער גרויסער מישפּחה, זעקס שוועסטער און דריי ברידער, זיינען לעבן געבליבן, ווי ס'ווייזט אויס, בלויז צוויי ברידער און צוויי שוועסטער. די רעשט איז אומגעקומען. אויך די געהיימעניש פון מיין עלטערער שוועסטערס פאַרשווינדן, אַ דאָקטאָר מעדיצין, וואָס האָט געאַרבעט ווי אַ פּאַרטרעטערין פון געזונטהייטס־מיניסטער אין איינער פון די סאָוויעטישע רעפּובליקן, איז ביז היינט ניט דעשיפרירט געוואָרן.

דעצידירט אָפּצוהיטן דעם קאָנטאַקט וואָס האָט זיך נאָך אַזוי פיל יאָרן פאַרבונדן, האָב איך דעם זעלביקן טאָג געענטפערט מיין ברודער מיט אַ בריוו. אָבער מיין האָפענונג איז צערונען געוואָרן, און דער קאָנטאַקט איז פאַרבליבן אַ איינמאַליקער, אָן אַ המשך. דער „האָניק־חודש" אין די באַציִונגען צווישן דעם ראַטן־פאַרבאַנד און דעם מערב האָט זיך לאַנג ניט געצויגן, און גאַר שנעל האָבן זיך צעבליט די קנאָספּן פונעם קאַלטן קריג. כ'האָב שוין מער ניט זוכה געווען צו באַקומען אַ סימן פון לעבן פון מיין ברודער. אין משך פון יאָרן האָב איך פּרובירט אָפּצושיקן אים בריוו פון יעדן לאַנד וואָס כ'האָב באַזוכט — פון בראַזיל, פון די פאַראייניקטע שטאַטן, פון אייראָפּע, קאַנאַדע — נאָר קיין ענטפער איז ניט געקומען.

נאָך סטאַלינס טויט און מיטן אָנהייב פונעם „ליבעראַליזם" פון סאָוויעטישן רעזשים, אין כרושטשאָווס תקופה, האָב איך ווידער געפּרוּווט שרייבן, שאַפן אַ קאָנטאַקט, און מיינע האָפענונגען זיינען ווייטער צעשמעטערט געוואָרן.

און ביז היינט ווייס איך ניט וואָס עס איז געשען מיט דער ייִדישער מישפּחה אין לאַנד פון קאַלטן און טויבן צפון — —

די דייטשן האָבן געלאַגערט
פון יענער זייט סאַניאָ

געווען איז דאָס סוף מערץ 1945, און די קעמפער פון דער ייִדישער בריגאַדע אין די ראַמען פון דער בריטישער אַרמיי זיינען דערגאַנגען צו דעם מלחמה־אָפּשניט ביים טייך סאַניאָ אין איטאַליע. פון דער צווייטער זייט טייך האָבן געלאַגערט די דייטשן, וואָס פלעגן ביי נאַכט שיקן אויסשפּיר־אייגסן אַרי־בערן טייך צו אונדזערע ליניעס, און אונדזערע פּאַטראָלן האָבן זיי געדאַרפט שטערן דעריין. מיר האָבן געדאַרפט אָפּהיטן די גאַנצקייט פון דעם פראָנט־פּאַס ביז צו דער גרויסער אָפּענסיווע, וואָס וועט דאַרפן אָפּשטויסן די דייטשן ווייטער, ביז זייער ענדגילטיקער מפּלה.

ביזן סוף פון דער מלחמה מיט די דייטשן האָט נאָך געדאַרפט נעמען אַ זעקס־זיבן וואָכן, און טראָץ די שווערע שלאַכטן, וואָס האָבן זיך געפירט ביז דעם טאָג, איז קיין ספק ניט געווען אין דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה. די דייטשן האָבן געהאַלטן אין אָפּטרעטן, און די כוחות פון די פאַרבינדעטע זיינען געגאַנגען פאָרויס, צום האַרץ פון אייראָפּע.

אין יענע טעג, קורץ פאַרן סוף פון קריג, האָבן מיר זוכה געווען, אַז די ייִדישע פאָן זאָל אויפגעהאַנגען ווערן אויפן מאַסט אין פראָנט פונעם ברי־גאַדע־שטאַב. משה שרת (שערטאָק) איז געקומען פון לאַנד און מיטגעבראַכט די פאָן — אַ מתנה פון ישוב פאַר זיינע קעמפער קעגן די נאַציס.

אין צווישנצייט זיינען פאַרגעקומען די ערשטע באַגעגענישן מיט איינצלנע פּליטים פון דעם חורבן, און ס'איז אונדז ווידער קלאָר געווען, אַז אויב אין אַ געוויסן טאָג וועט דערקלערט ווערן אַ וואָפנשטילשטאַנד — וועט זיך פאַר אונדז די מלחמה ניט ענדיקן, און מיר וועלן זיך מוזן פאַרנעמען מיט אַ רעטונגס־אַקציע אין אַ ברייטן פאַרנעם, מיט אַן אימפּעט, וואָס וועט אַרומ־נעמען אַ סך לענדער אין אייראָפּע.

דעריבער איז פאַר אונדז דער ענין פאַן אַזוי לעבנסוויכטיק, כאָטש די מלחמה האָט זיך שוין דערנענטערט צום סוף; און ניט נאָר דערפאַר וואָס מיר האָבן אַזוי לאַנג געוואָרט עס זאָל באַשטעטיקט ווערן, אַז אונדזער מלחמה־האַלטן איז אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון דער ייִדישער פאָן, וואָס

רעדט צו אונדזער האַרץ. מיר האָבן קיין מאָל ניט שלום געמאַכט מיט דער דאָזיקער גזירה, און מיר האָבן שטענדיק אויפגעהאַנגען אונדזער פאָן אויף אונדזערע אויטאָמאָבילן און אין אַלע אונדזערע באַגעגענישן און צוזאַמענ־פאָרן; למשל, ביים אָפּצייכענען דעם טאָג י״א באדר, אָדער אַ חנוכה־באַנקעט אדג״ל. אונדזערע בריטישע „אַדאָראַטאָרן" איז געלונגען פול־שטענדיק צו פאַרבאָרגן אונדזער עקזיסטענץ און פאַרשווייגן אונדזער קיום.

איצט, כאָטש שפּעט, איז געקומען די קאָמפּענסאַציע פאַר אונדזער לאַנגן וואַרטן.

צוליב די מלחמה באַדינגונגען האָבן זיך פאַרזאַמלט צו דער פּראָצעדור פון אַרויסהענגען די פאָן בלויז עטלעכע הונדערט זעלנער. מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט אין פאָרם פון אַ „ח" אַרום אַ ווייסן קרייז, וואָס אין זיין צענטער איז אַריינגעשטעקט געווען אַ שטאַנג, און אויף אים די צונויפגע־לייגטע פאָן. ס'האָט אַ הילך געטאָן דער באַפעל „אַכטונג", און די פאָן איז אַראָפּגעלאָזן און צעשפּרייט געוואָרן. באַלד נאָך דעם האָט אָפּגעקלונגען דאָס שאַלן פון אַ קאָרנעט און די פאָן איז אַרויפגעצויגן געוואָרן ביזן שפּיץ פונעם מאַסט בשעת דער בריגאַדיר סאַלוטירט פאַר איר. געשטאַנען זיינען מיר שטום ווי אַ שטיין, אָבער אין האַרצן — אַ ברויזנדיקע גערירט־קייט. די דאָזיקע גערירטקייט האָט אויך משה שרת ניט געקענט באַהאַלטן: ער האָט אונדז באַגריסט זייער קורץ: „אין משך פון די פינף יאָר מלחמה האָט איר סאַלוטירט פאַר דער פאָן אין אייער האַרצן, די פאָן האָט געפלאַ־טערט איבער אייך, כאָטש זי איז ניט געהאַנגען אויפן מושטיר־מאַסט".

ווען ס'איז געפאַלן דער באַפעל "באַפרייט" האָבן מיר זיך ניט געאיילט פונאַנדערצוגיין, נאָר מיר זיינען דאָרט לאַנג געשטאַנען אין רעדלעך, גע־שמועסט צווישן זיך און געוואָלט, אויף אַ וועלכן ניט איז אופן, אויסדריקן אונדזערע געפילן צו דער געשעעניש, אין וועלכער מיר האָבן אָנטייל גענומען, אַ געשעעניש וואָס האָט אונדז געשאָנקען אַ זיגל און אַ נאַציאָנאַלע לעגיטימאַציע אין אונדזער מלחמה, וואָס ביז איצט איז זי, כלומרשט, געווען אַן „אַנאָנימע"...

***

פאַר דעם, אָנהייב פעברואַר 1945, האָבן מיר אַראַנזשירט די ערשטע באַ־געגעניש פון די חברים פונעם קיבוץ המאוחד אין איטאַליע. די צעוואָרפּנ־קייט, די וואַנדערונגען און נסיונות וואָס מיר זיינען דורכגעגאַנגען, האָבן פאַרשטאַרקט אונדזער שטרעבונג צו באַגעגענען זיך; מיר האָבן זיך זייער געבייטיקט אין אַ סך הכלדיקן אויסדרוק פון די איבערלעבונגען און איינ־

דרוקן פון שטאַנדפּונקט פון אַ קיבוצניק, וואָס האָט אונדזער אָנטייל גענומען אין דער מלחמה באַטראַכט קודם כל ווי אַ שליחות. אין משך פון יאָרן איז אוממעגלעך געווען איינצואָרדענען אַזאַ צונויפֿקומען, ווייל מיר זיינען צעשפּרייט געווען אויף פֿאַרשיידענע ליניעס און פראָנטן, און נאָר איצט, ווען די מערהייט פון די ייִדישע איינהייטן זיינען קאָנצענטרירט געווען אין איטאַליע און ס׳איז געשאַפן געוואָרן די רעם פון דער "ייִדישער קעמפנדיקער בריגאַדע" — איז גערופן געוואָרן די ערשטע קאָנפערענץ.

די קאָנפערענץ איז פֿאָרגעקומען אין באַפּוצטן און באַלויכטענעם עסצימער פון דער שאַפערן־איינהייט. און די שמחה פונעם טרעפן זיך נאָך אַזאַ לאַנגער צייט איז, פּאַקטיש, געווען דער עיקר. די שמחה האָט אָבער דערוויזן אויף וויפיל מיר האָבן זיך געגייטיקט אין אַ מער פֿאַרנעמיקער באַגעגעניש, ווו מענטשן וועלן קענען אַראָפּריידן זיך פון האַרצן, אין אָנבליק פון דעם וואָס זיי זיינען דורכגעגאַנגען און פון דעם וואָס עס דערוואַרט זיי.

אַזאַ באַגעגעניש איז פֿאָרגעקומען אין אַריבער צוויי חדשים אַרום, דעם 21טן אַפּריל, אויפן זעלבן פּלאַץ. אָן די פֿאַרשטייער פון די אינזשעניערן־ און די אַרטילעריע־אָפּטיילונגען, וואָס זיינען צוגעבונדן געווען צו די פראָנט־ליניעס, זיינען בייגעווען איבער הונדערט חברים פון די דריי באַטאַליאָנען און פון דער שאָפערן־אָפּטיילונג.

איצט, אין דער סוף־מלחמה־שטימונג, האָט זיך געפֿאָדערט אַ שמועס ניט בלויז אונטערצוציִען אַ סך הכול פון די פֿאַרגאַנגענע דערפֿאַרונגען, נאָר אויך אָנצוצייכענען די אָרגאַניזאַציאָנעלע ריכטליניעס פֿאַר דער נאָענטער צוקונפט, סיי וועגן אונדזער וויטערדיקן פֿאַרויסמאַרש אין אייראָפּע און אונדזער באַגעגעניש מיט די רעשטלעך פּליטים, און סיי וועגן דעם וואָס עס דערוואַרט אונדז אין דער היים, ווי נאָר מיר וועלן זיך אַהין אומקערן.

אין די אַרויסזאָגונגען פון די חברים איז קענטיק געווען דער אומרו איינצוהיטן די מענטשלעכע און מאָראַלישע געשטאַלט פונעם קיבוצניק, אין אָנבליק פון די נסיונות, וואָס עס שטעלט פֿאַר אים דאָס לעבן אין די ראַמען פון דער אַרמיי, ווי אויך דער ווילן צו געבן אָן אויסדרוק דער קיבוצישער און נאַציאָנאַלער שליחות, וואָס וועט מיט דער פֿאַרגעזעענער אַנטוויקלונג — ווי אַ רעזולטאַט פון דער מלחמה — ווערן נאָך מער דרינגענדיק.

מיר האָבן זיך דערמאָנט אין דער ערשטער באַגעגעניש פון די מאָבילי־זירטע חברים פונעם קיבוץ המאוחד, מיט פינף יאָר צוריק, אויפן גראָז פון רמת הכובש. כאָטש מיר האָבן דעמאָלט געטראַכט פון דאָס וואָס אונדז דער־וואַרט און פון דאָס אומדערוואַרטע, האָט קיינער ניט געקענט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז נאָך דער מלחמה וועלן מיר שטיין פנים אל פנים מיטן

שרעקלעכן חורבן, וואָס האָט פאַרטיליקט אַ דריטל פון אונדזער פאָלק. אין יענער באַגעגעניש, אין רמת הכובש, האָבן מיר געטראַכט וועגן דעם גייס־טיקן פּראָוויאַנט, וואָס מיר נעמען מיט אין וועג אַריין כדי געטריי צו בלייבן זיך אַליין, אונדזער שטייגער, דער שליחות, וואָס צוליב איר האָבן מיר אַרויפגעצויגן אויף זיך די בריטישע מיליטערישע אוניפאָרם, און מיר האָבן געוווּסט, אַז דער עיקר שטעקט אין אונדזער עצם זיין חברים פון קיבוץ, וואָס זיינען געטריי זייער שליחות און זייער אידעע.

איצט, אין איטאַליע, האָט געפעלט אַ היפּשע צאָל חברים פון די, וואָס האָבן דעמאָלט אָנטייל גענומען אין דער באַגעגעניש, ווייל זיי פייניקן זיך אין דייטשער געפאַנגענשאַפט. זייערע בריוו זיינען פול מיט בענקשאַפט צום קיבוץ, זיי דערמוטיקט נאָר די שליחות וואָס ציט זיך ווייטער.

אין דער אַרמיי שאַפט זיך אַ וואָפן־פאַרברידערונג. אָבער איר המשך פאָדערט צו פאַרטיפן דעם באַוווּסטזיין, אַז די וואָלונטאַרישע באַוועגונג ענדיקט זיך ניט מיטן סוף פון דער מלחמה. מ׳דאַרף זיך באַמיִען שאַפן לאַנדווירט־שאַפטלעכע פונקטן. אונדזער אָנטייל אין די קאַמפּס־פּאָזיציעס קעגן די דייטשן אין די לעצטע וואָכן וועט טראָגן אויך אַ פּאָליטישע באַדייטונג. צום ערשטן מאָל איז אָפיציעל דערמאָנט געוואָרן אונדזער ביישטייער אויפן פראָנט, פּאַראַלעל מיט די אַמעריקאַנער, ענגלענדער, פּאָליאַקן און אינדיאַנער. די קאַמפן אונטער אונדזער פאָן וועלן האָבן אַן אַנמוטנדיקע באַדייטונג פאַר די פאַרבליבענע יידן אין אייראָפּע, מיט וועלכע מיר וועלן זיך טרעפן, און וועט צוגעבן שוווּנג דער רעטונגס־אַקציע וואָס דערוואַרט אונדז.

כמעט אַלע אַנוועזנדיקע האָבן געפאָדערט ס׳זאָל איבערגעריסן ווערן דער צווישן־פּאַרטייאישער געראַנגל אין לאַנד און אַז די אַרבעטס־באַוועגונג זאָל זיך פאַראייניקן, כדי צו קאָנסאָלידירן אַ גרויסן כוח פאַר די גראַנדיעזע אויפגאַבן, וואָס זי דאַרף אויף זיך נעמען.

אַזעלכע זיינען געווען די האַרציקע געפילן פון די חברים אין די באַגעגענישן, און ס׳איז קיין ספק ניט, אַז זיי האָבן באַזינט אונדזער וואָלונטאַרישקייט און די שפּירונג פונעם אינעווייניקסטן כוח, וואָס עס גיט אונדז די אָנגעהעריקייט צו דער קיבוצישער באַוועגונג, אַ באַוועגונג וואָס טראָגט אין זיך אַ געזעלשאַפטלעכע און חלוצישע שליחות.

אין אַ סוף אַפּריל־טאָג פון דעם יאָר איז צו אונדז געקומען חנה ראָווינאַ. ניט געקוקט אויף דער שטאַרקער באַשעפטיקטקייט, נאַכט־פּאַטראָלירונג און, בכלל, דער גרויסער מידקייט, זיינען הונדערטער זעלנער געקומען באַגעגענען זיך מיט איר.

דאָס איז געווען מיטאָג־צייט ; איר אויפטריט איז איינגעאָרדנט געוואָרן

אין דרויסן, אויף אַ קליינער בינע באַפּוצט מיט בלומען. ווען זי איז דער־שינען, האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט, און זייער מעכטיק גזוזאַנג האָט אויס־געדריקט זייער ליבשאַפט צום גאַסט. זי איז געווען זייער גערירט און איר שטים האָט אונטערגעציטערט ווען זי האָט געזאָגט: „הלוואי זאָל איך ראוי זיין צו דער שליחות, וואָס עס האָבן אויף מיר אַרויפגעלייגט דער ישוב און אייערע קרובים פאַר מיין אַרויספאָרן אַהער".

דערנאָך האָט זי אונדז באַוויליקט מיט פראַגמענטן פון פּיעסעס און רעצי־טאַציעס מיטן גאַנצן שטורמישן און באַצווינגענדיקן כוח, מיט וועלכן זי איז געבענטשט געווען. צווישן אַנדערן, אויסצוגן פון „די מוטער" און „דאָס הייליקע פייער" און מיטן אומפאַרגעסבאַרן פראַגמענט פון „דער אייביקער ייִד", וואָס שוידערט אויף מיט זיין קראַפט, מיטן תהומיקן טרויער פון אַ שטאָלצער און ליידנדיקער מאַמע, וואָס איר געוויין איז אַ געוויין פון דורות.

מיר זיינען דאַנקבאַר געווען פאַר דער טיפער איבערלעבונג וואָס זי האָט אונדז געשאָנקען, און אין אָונט, אויף דער מסיבה וואָס מיר האָבן פון איר כבודס־וועגן אַנגאַזשירט, האָבן די כוואַליעס ליבשאַפט, וואָס מיר האָבן צו איר געפילט, דורכגעבראָכן אַלע צוימען. מיר האָבן איר צוגעטראָגן אָנדענק־צייכנס און דערציילט פון אונדזער לעבן, און זי, פון איר זייט, האָט אַ סך געפרעגט און אויסגעפרעגט, ביז דער שעה ווען מיר האָבן זיך געמוזט שיידן, ווייל אַ סך זיינען געראפן געוואָרן צו נאַכטדינסט.

אין עטלעכע טעג אַרום, ווען דער פראָנט האָט זיך גערוקט פאָרויס, האָבן מיר נאָך געפילט די איבערלעבונג פון יענער באַגעגעניש, וואָס האָט אַזוי דערקווירקט אונדזער נשמה.

***

צו מאָרגנס זיינען מיר געפאָרן צום נייעם און פרישן בית־הקברות פון די דערהרגעטע קעמפער פון דער ייִדישער בריגאַדע. אַכט און צוואַנציק קברים. מגן־דודס צוקאָפּנס, הינטער די טאָוולען וואָס טראָגן די נעמען פון די גע־פאַלענע. מיט אונדז איז אויך געווען חנה ראָווינאַ, און די אַטמאָספער פון יידישן בית־עלמין אין דער פרעמד, ווו ייִדישע קעמפער זיינען באַגראָבן, האָט ווידער אויפגעוועקט אין האַרצן מחשבות וועגן ייִדישן גורל.

שטייענדיק אַזוי שטום און צערודערט, איז אָנגעקומען אַ מאַשין מיט דריי פרישע קרבנות אין ארונות, אַרומגעוויקלטע מיט דער נאַציאָנאַלער פאָן. מיר זיינען באַלד צוגעשטאַנען צו זייער לוויה, געהאָרכט דעם הספד פון מיליטערישן רב און דעם „קדיש" פון אַ זעלנער. דער לייכטער ווינט האָט צעשפרייט די ייִדישע פאָן, וואָס איז אָוועקגעשטעלט געוואָרן ניט ווייט

פון אונדז, און דאָך איז אין אונדז געוואַקסן דאָס זיכערע געפיל, אַז ניט אויף דער פּאַטערלענדישער ערד שטייען מיר איצט, און אַז אונדז דערוואַרטן ניט ווייניק טעג, ווען מיר וועלן וואַנדערן איבער פרעמדע לענדער, כדי צונויפצוקלייבן מיט ליבשאַפט די רעשטלעך פון אונדזער אויסגעהרגעטן פאָלק, אַריבערפירן זיי אַהיים, צו דעם איין־און־איינציקן לאַנד, וואָס וואַרט אויף זיי.

קיינעם פון אונדז איז דעמאָלט ניט איינגעפאַלן, אַז אונדזערע פאַרבינדעטע, די אַלביאָן־זין, וועלן אונדז פאַרראַטן און וועלן שליסן די טויערן פון דעם איינציקן הויז אין דער וועלט פאַר די געראַטעוועטע פון די גאַז־קאַמערן און פון דעם גרויזאַמען אומקום...

***

די מלחמה האָט זיך געשטאַרקט און געגאַלאָפּירט צו איר סוף, אָבער אויף אונדז האָבן נאָך געוואַרט עמאָציאָנעלע און אויפרודערנדיקע עפּיזאָדן.

למשל, די באַגעגענישן מיט דייטשע זעלנער וואָס האָבן זיך איבערגעגעבן אין געפאַנגענשאַפט, ווען ס'איז דערגאַנגען צו זייער באַוווסטזיין, אַז דער סוף פון דריטן רייך, „דעם טויזנט־יאָריקן", קומט זייער שנעל אָן. ווו איז פאַרשוווּנדן זייער פאַרריסנקייט? זיי דערציילן אַז מפּלה־שטימונגען באַ־הערשן די דייטשע אַרמיי, דער עיקר, ווען ס'איז דערגאַנגען די ידיעה, אַז די רוסן אָקופּירן טיילן פון זייער „פאַטערלאַנד"...

איין דייטשער זעלנער, וואָס איז ערב פּסח אָנגעקומען צו אונדזערע לי־ניעס, האָט זיך געוווּנדערט פון אונדזער מאָדנעם לשון, ווייל מיר האָבן אים ניט געזאָגט ווער מיר זיינען. לכתחילה האָט ער געמיינט, אַז מיר זיינען רוסן אָדער אוקראַיִנער, ווען ער האָט אָבער דערזען ביי אונדז העברעיִשע צייטונגען, האָט ער פּלוצעם אַ זאָג געטאָן: „אַ, אַזעלכע אותיות האָב איך געזען אין ווין אויף שילדן פון יידישע רעסטאָראַנען... איר זייט יידן! יידן! טאָ פאַרוואָס הרגעט איר מיך ניט?"

מיר האָבן זיך ניט געאיילט מיט קיין ענטפער... צי האָבן מיר דען געקענט אים געבן צו פאַרשטיין דעם טיפן תהום, וואָס ליגט צווישן אונדזערע באַ־גריפן פון מאָראַל און זייערע, די דייטשע? — —

דער טאָל פון טויט און דער אינסטינקט פון לעבן

יענער לאַנגער און דויערנדיקער וועג, אין דער בריטיש־מיליטערישער אוני־פאָרם, פון מיצרישן מידבר ביזן האַרץ פון „טויזנט־יאָריקן רייך״, איז פאַר מיר אַדורך ווי אַ פּערמאַנענטע איבערלעבונג, וואָס אירע עפּיזאָדן האָבן נאָכגעיאָגט איינער דעם צווייטן און האָבן זיך צונויפגעפלאָנטערט; נאָר ניט דאָ איז דאָס אָרט זיי צו דערמאָנען כאָטש טיילוויז. זיי האָבן כולל געווען פאַלן פון טויט און פאַרוויסטונג, פון חיההשע דערשייבונגען, ווי אויך פון הומאַנישע געשעענישן, פון יאוש און האָפענונג, טרויער און שמחות.

***

פון דעסט וועגן מוז איך דאָ ברענגען אַ צוויי־דריי פון די עפּיזאָדן, כאָטש דער מהלך צווישן זיי איז ווי דער מהלך פונעם אָנהייב מלחמה ביז איר סוף.

דער ערשטער — אין מאַלטאָ. ווען מיר זיינען אָנגעקומען צום אינדזל האָבן מיר שוין גוט געוווּסט, וואָס עס קומט פאָר אויף די פאַרשיידענע פראָנטן פון דער מלחמה. דאָ איז צו אונדז דערגאַנגען די דערפרייענדיקע ידיעה פון איטאַליעס קאַפּיטולאַציע. דאָ האָבן מיר באַגעגנט די ערשטע רו־סישע זעלנער, וואָס זיינען, מיטן פאַרנעמען סיציליע און טיילן פון איטאַליע, באַפרייט געוואָרן פון געפאַנגענשאַפט.

אין די אָוונטן פלעג איך זיצן אין אָפיצירן־קלוב און באַמיט זיך אויפצו־כאַפּן דורכן ראַדיאָ נייעס פון לאַנד. איין אָוונט איז מיר געלונגען אויפ־צונעמען די ידיעות, וואָס זיינען דערגאַנגען קיין ארץ־ישראל, וועגן אויפ־שטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און אויך די ידיעה, אַז צביה לובעטקין, איינע פון די געטאָ־אָנפירער, איז געהרגעט געוואָרן.

ווען צו אונדז זיינען דערגאַנגען די שוידערלעכע ידיעות וועגן דער פאַר־ניכטונג פון אייראָפּעישן יידנטום, איז מיין האַרץ פול געווען מיטן חסד פון די באַגעגענישן מיט די הכשרה־קיבוצים אין פוילן, וווּ צביהס געשטאַלט האָט געדינט ווי אַ סימבאָל פון טריישאַפט און דבקות. ווער האָט זיך געקענט פאָרשטעלן, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום וועל איך, אַנשטאָט צו באַגעגענען זיך מיט איר אין ארץ־ישראל, זיך גאָר געפינען אין אייראָפּע צווישן די

מאביליזירטע אין דער מלחמה קעגן די נאציס. און אז דווקא אין דער ווייטער און באלאגערטער מאלטא וועט צו מיר דערגיין די ביטערע בשורה פון איר טויט אין ווארשעווער אויפשטאנד?

צו מארגנס, פרייטיק־צו־נאכט, זיינען זיך, ווי יעדע וואך, צונויפגעקומען אויף א מסיבה די מיטגלידער פון דער איינהייט. נאכן אנצינדן די שבת־ליכט האב איך מספיד געווען צביהן. ביז היינט געדענק איך וויפל מוט כ'האב געמוזט מאביליזירן ביים באהערשן דאס שרעקלעכע קלעמעניש וואס האט מיך דערדריקט. בלויז דער שטאלץ מיט דער העלדישער האלטונג פון די וויניקע געטא־אויפשטענדלער קעגן דעם פילצאליקן און מעכטיקן שונא, אין א לאנד, וואס האט פון אייביק אן געשוויבלט מיט אנטיסעמיטיזם, האט מיר געגעבן כוח איבערצוגעבן עפעס־וואס פון דעם וואס מיין הארץ האט איבערגעלעבט.

טעג זיינען פארגאנגען. די קאמפן האבן זיך געצויגן, און די ארעמס פון דער נאצישער הידרע האבן געהאלטן אין איין אפגעהאקט ווערן.

און דא — אין א געוויסן טאג איז צו אונדז דערגאנגען א ידיעה, אז צביה לובעטקין לעבט. איר איז געלונגען דורך קאנאליזאציע־קאנאלן דערקלייבן זיך צו א זיכערן פלאץ.

ביי איר פינאל האט זיך די מלחמה געהאלטן אין איין פארשטארקן און מיר זיינען מיט איר פארויסגעגאנגען און זיינען געקומען אין די לענדער פון מארד, ווו מיר האבן געוואנדערט פון איין פארניכטונגס־לאגער צום צווייטן, און מיט א הארץ וואס גייט אפ מיט בלוט האבן מיר געטראטן אויפן אש און שטויב פון מיליאנען יידן...

ווען כ'האב זיך אומגעקערט אהיים, איז אין יגור פארגעקומען דער ראט פונעם קיבוץ המאוחד. אין דער זעלבער וואך איז אויך צביה אנגעקומען. א גאנצן טאג איז אין א ריזיקן געצעלט געזעסן דער גרויסער ציבור און האט זיך צוגעהערט צו צביהס אינפארמאציע וועגן דער פארלענדונג פון אייראפעישן יידנטום — א שרעקלעכע קינה אויסגעוויקט אין א ים פון טרויער, דורכגעפלאכטן מיט ווונדערלעכע דערציילונגען וועגן דער גבורה פון יחידים און קבוצות, וואס האבן געפירט א פארצווייפלטן קאמף — —

הערנדיק צביהן האט מיר, ווי אלע מענטשן ארום, געווארגן אין האלדז; אבער דערביי האב איך דערפילט דעם זין פון אונדזער מאביליזירן זיך אין דער מלחמה, אונדזער צושטייער צו דער מפלה פון אונדזער גרעסטן שונא, און צו דער רעטונגס־אקציע, אין וועלכער מיר האבן אנטייל גענומען, כאטש דאס איז געווען אזוי ניט אנזעעוודיק אין פארגלייך מיטן שרעקלעכן אומגליק, און כאטש אזוי שפעט, אזוי שפעט — —

אויבן: דעלעגאַציע פון באַפרייטע זעלנער נאָך דער וועלט־מלחמה ביים נשיא בן־צבי (1960).
אונטן: אַקאַדעמיע אין רמת־גן 20 יאָר נאָכן פרייוויליקן מאָביליזירן זיך צו דער מלחמה מיט די נאַציס. פון רעכטס אויף לינקס: מאיר אַרגוב, באַנקאָווער, לוי אשכול, י. בן־אהרן, דער רמטכ״ל צבי צור, אשר בן־נתן, קריניצי, ישראל עמיר, יוסף באַראַץ.

אויבן: דעלעגאַציע פון דער ציוניסטישער אַרבעט־באַוועגונג ביים נשיא זלמן שזר. פון רעכטס אויף לינקס: אַנשל רייס (לייענט), יצחק קאָרן, זלמן שזר, רחל שזר, באַנקאָווער. אונטן — ביים נשיא: אַ שמועס מיט חברים פון געוועזענעם בית הערבה.

אויבן: מיטגלידער פון דער וואַל־קאָמיסיע צו דער כנסת אין סיני צוויי טעג פאַר דער יום־כיפור מלחמה. לינקס — דער גאַסטגעבער אלוף מענדלער (אַלבערט), וואָס איז דערהרגעט געוואָרן ביים אָנהייב פון דער מלחמה. אונטן: מיט חברים פון פרעזידיום פון דער וואַל־קאָמיסיע צו דער כנסת — שושנה ארבלי־אלמוזלינו און יוחנן באַדער.

אויף דער לוויה פון יצחק טאַבענקין אין הויף פונעם ועד הפועל פון דער הסתדרות.

די אָנפירערשאַפט פון דער אחה״ע־פּוע״צ־פראַקציע אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס, 1958. אויבן: (פון רעכטס אויף לינקס) נחום ניר, י. בן־אהרן, פּאָל גאָלדמאַן, באַנקאָוועד, בערל רעפּעטור, י. זרבבל. אונטן: דעלעגאַציע צום הסתדרות־קאַמפּיין אין די פאַראייניקטע שטאַטן (פון רעכטס אויף לינקס): העמלין, באַנקאָווער, אבא חושי, זלמן שזר, מנחם באַדער, דן פינעס.

די פּאָליטישע קאָמיסיע פון דער ידישער אַגענץ אויף איר סעסיע אין ניו יאָרק בעת דער אונאָ־אַסעמבלי אין לייק־סאַקסעס, וואָס האָט אָנגענומען דעם חלוקה־באַשלוס. אויפן בילד זעט מען גאָלדע מאיר, דוד הכהן, יעקב ריפטין, ד״ר ישראל גאָלדשטיין, ד״ר מאָזעס, יצחק רעמבאַ, יהודית עפּשטיין, ד״ר שוואַרצבאַרד, יצחק ניידיטש, לואי סיגאַל, יוסף קלאַרמאַן, באַנקאָווער א.א.

באַזוך פון ישראלס אויסערן־מיניסטער, גאָלדע מאיר, אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל. אויבן: אַ געשפּרעך מיטן אויסערן־מיניסטער פון בראַזיל. אונטן: צווישן יידן וואָס זיינען זי מקבל פּנים מיט באַגייסטערונג.



זין שליחות אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן נאָכן אָננעמען דעם חלוקה־באַשלוס, אויף יידישע מאַסן־
פֿאַרזאַמלונגען.

*****

וואס איז ניט געשריבן געווארן וועגן דאכאו און וואס איז ניט דערציילט געווארן ?

ווען מיר זיינען אנגעקומען אין לאגער האבן נאך געברענט די אויוונס פון טויט, וואס זיינען געשטאנעןביים סוף פון די לאגער־באראקן. מיט אונדזערע שווערע שיך האבן מיר געטראטן אויפן אש און שטויב פון צענדליקער טויזנטער ברידער, ווען אין הארצן האבן זיך געפלאכטן און געקנוילט געפילן פון כעס און קדושה, פון צארן און שרעק. דער האלדז פארווארגן און דאס מויל שטום. פאר אונדזערע אויגן איז געשטאנען אפן, אן א מחיצה, די גיליאָטינע פון א פאלק.

צוזאמען מיט אונדז זיינען אויך געווען אמעריקאנער זעלנער, יידן און גויים, אלע צערודערטע ביים אריבערטרעטן די שוועל פון דער טויט־פאבריק. זיי ווישן אויך זייערע טרערן, די אויגן אראפגעלאזט, ווי זיי וואלטן זיך געשעמט אנצוקוקן ס׳פנים פון דער וועלט און פון מענטשן...

מיט ציטערנדיקע הענט האבן מיר געעפנט די טירן פון א באראק. נארעס אין שטאקיקע רייען, גלייכע ווי א ווירע. אלץ איז ריין און פלאנירט און... די אויגן גלייבן ניט אין דעם וואס זיי זעען: לענג אויס די ווענט — שיך, קינדער־שיכעלעך אויסגעשטעלט אין א גלייכער־גלייכער שורה, בערך א צוויי טויזנט פאר קינדער־שיכעלעך, וואס מ׳האט אראפגענומען פון זייערע פיסעלעך פארן אוועקפירן זיי צו די גאזאויוונס...

קיין שום קאשמאר־וויזיע וואלט אונדז אזוי ניט געטראפן ווי דער אויסזען פון די גלייכע רייען קינדער־שיכעלעך; ווי ס׳וואלטן זיך פאר אונדז אויסגעשטעלט ברענענדיקע אויגן פון יידישע קינדערלעך, טויזנטער־טויזנטער אויגן, ווי אזערעס פון טרויער, וואס האט ניט קיין אויסדרוק און האט ניט קיין סוף — —

*****

טעג גייען, און די עצם מלחמה דערווייטערט זיך פון אונדז מיט דער צייט. נאר די שליחים פון ישוב, און איך צווישן זיי, וואנדערן איבער די וועגן פון אייראפע, נישטערן ארום נאך יעדן פליט ,טראגן אויף די פלייצעס די אקציע פון דער „בריחה״, גנבענען גרענעצן און זוכן וועגן און שטעגן אריבערצופירן די רעשטלעך פון פאלק צו ים־ברעגן. דארט האבן מיר פלאנירט אריינצוזעצן זיי אין שיפן און מיטן ים דורכברעכן א וועג קיין ארץ־ישראל, וואס איז באלאגערט דורך די שליחים פון דער „פארגעשריטענער״ מאכט פון דער בריטישער ארבעטער־פארטיי, דער טשעמפיאן פון פארראט און פון שווינדל.

דער בריטישער פּלאַט האָט, ווייזט אויס, נאָך ניט פאַרענדיקט זיין קריגס־פונקציע. אַזוי האָט יעדן פאַלס געטראַכט ערנסט בעווין, דער פאַן־טרעגער פון בריטישן סאָציאַליזם. דעריבער זיינען די שיפן ניט צוריקגערופן געוואָרן אַהיים, נאָר מ׳האָט זיי צעשפּרייט איבערן מיטל־לענדישן ים מלחמה צו האַלטן מיט די צעבראָכענע שיפלעך און פירן די פּליטים פון די גאַזקאַמערן צו די נייע לאַגערן אין ציפּערן. די פּליטים האָבן זיך אָבער ווידער ניט איינגעבראָכן און פאַרביסן געקעמפט, ניט מיטן געווער פון אייזן, נאָר מיטן שטאָלענעם ווילן צו לעבן, שטאַרקער פון אַלע גיהנום־אינטריגעס.

ניט איין מאָל איז מיר אויסגעקומען זיי צו זען די רעשטלעך פון שטעט און פון קהילות, וואָס האָבן זיך באַגעגנט און באַשלאָסן, אַנשטאָט דעם חרוב געוואָרענעם הויז אויסצובויען אַ נייס.

שפּעטער־צו, אין די ערשטע יאָרן פון דער מדינה, ווען כ׳האָב געאַרבעט ביים אַבסאָרבירן נייע עולים, פלעג איך זיי נאָך באַגעגענען, און די באַגעגעניש פלעגט מיר תמיד דערמאָנען אין דאַכאַו...

כ׳געדענק אַ טאָג אין חיפה. אַ פּאָר אין עלטער פון 45—50. מיט צוריקגעהאַלטענע גאַנץ טרוקענע ווערטער דערציילט ער וועגן זיין ערשטער פרוי און זייערע צוויי קינדער וואָס זיינען אומגעקומען. האָט ער זיך פאַרבונדן מיט אַ צווייטער פרוי. דער פּונק וואָס האָט זיך דערביי אָנגעצונדן אין זיינע אויגן האָט אַנטפּלעקט זיין דעצידירטן באַשלוס אויפצובויען אַ נייע משפּחה, מער ווי אַ מבול פון רייד.

און נאָך אַ פּאָר,ביידע אַריבער די פופציק, מיט צוויי קינדער, אין עלטער פון אַכט און צען יאָר. זיי האָבן אויך אַלץ פאַרלאָרן, און נאָך דער מלחמה האָבן זיי זיך באַגעגנט, חתונה געהאַט און געשאַפן אַ משפּחה. אַזעלכע עלטערע מענטשן און אַזוינע יונגע קינדער? — וווּנדערט זיך דער באַאַמטער וואָס זיצט לעם מיר, נאָר כ׳גיב אים אַ ווונק ער זאָל זיך ניט גריבלען מיט קיין שאלות.

אין דער רגע, ווי אין אַ סך אַנדערע מאָמענטן, האָב איך ווידער דערזען די רייען פון די קינדער־שיכעלעך אין דאַכאַו. כ׳האָב ניט געוווּסט פאַרוואָס. כ׳האָב זיך ווידער דערמאָנט אין מיינע מחשבות פון נקמה, און ס׳האָט זיך מיר געדאַכט ,אַז אָט בין איך אַן עדות פון נקמה, די געוואַגסטע פון אַלע נקמות, און איר פאַרווירקלעכט ווערן. פאַריתמטע און עלנטע עלטערן, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן ראַנד פון אומקום און זיינען לעבן געבליבן, האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט אויפצובויען אַ ניי הויז און אויף דאָס ניי באַזינען זייער קיום.

געלעגן איז אין דעם אַ גוואַלדיקע דבקות צום לעבן.

„וואָס פּאַר אַ טיפּן זיינען די מענטשן
פון דער צווייטער עליה?"

גרוי זיינען געווען די תל־אביבער הימלען, און אַ רעגן איז געפאַלן מיט דראַבנע דערעסנדיקע טראָפּנס. מיט איינער פון די שטאָטישע גאַסן האָב איך געשפּאַנט צו דער אויטאָבוסן־סטאַנציע. ס'איז שוין געווען נאָך מיטאָג און כ'האָב זיך געאיילט צום אויטאָבוס, וואָס זאָל מיך נעמען אַהיים, אין רמת הכובש. כ'בין געווען ניט ווייט פון גימנאַזיע „הרצליה", דער בנין וואָס האָט פאַר אונדז אין גלות סימבאַליזירט קליין תל־אביב און איז מיט דער צייט רויִנירט געוואָרן, כדי אויף זיין אָרט אָוועקצושטעלן דעם קאָמערציעלן וואָלקן־קראַצער. כאָטש כ'האָב זיך זייער געאיילט, האָב איך ניט געקענט פאַרבייגיין מיין פריינד י. פון כברי, אַ חבר פון געוועזענעם בית־הערבה, וואָס איז געגאַנגען לאַנגזאַם, אין אַ מין האַלוצינאַציע, ווי „ניט פון דער וועלט".

„וואָס איז דיר?" — האָב איך אויסגעשריִען. „פון וואַנעט קומסטו? דו פילסט און ווייסט וווהין דו גייסט?"

„זאָג מיר וואָס פּאַר אַ טיפּן זיינען דאָס די מענטשן פון דער צווייטער עליה?" — האָט ער געענטפערט ניט צו דער זאַך. „האָסט ווען ניט איז מצליח געווען אַריינצודרינגען אין זייער אייגנאַרטיקייט? זיכער ניט... דו ביסט דאָך פון דער דריטער עליה. קענסטו אוודאי ניט דערקלערן די דער־שיינונג"...

„וואָס איז, וואָס איז געשען מיט דער צווייטער עליה?" — האָב איך גע־פרעגט.

„לאָמיר אַריינגיין אַהער אין בופעט" — האָט ער געענטפערט. „האָסט אַ האַלבן פיאַסטער? מירן טרינקען אַ גלאָז טיי און כ'וועל דיר דערציילן... ס'שאַדט ניט, וועסט פאָרן מיטן צווייטן אויטאָבוס".

כ'האָב געזען אַז ער איז ווי אונטער אַ שאָק, און ס'האָרץ האָט מיר ניט געלאָזט איבערצולאָזן אים אין מיטן גאַס, איידער כ'וועל אים העלפן באַ־פרייען זיך פון דער געפלעפטקייט. זיינען מיר אַריין אין קאַוויאַרניע און אַוועקגעזעצט זיך ביי אַ טישל.

„זע" — האָט ער נאָך דעם ווי מ'האָט אונדז געבראַכט צוויי קאָכעדיקע גלעזער טיי געגומען ריידן... „מיט צוויי שעה פריִער בין איך אַריין צו טאַבענקינען, אויף שיינקין־גאַס, דורכצורידן זיך מיט אים וועגן אַ געוויסן ענין, וואָס האָט אַ שייכות צו דער פרשה פון בית־הערבה. כ'האָב אים געטראָפן ביים שפּיגל בעתן ראַזירן זיך, אין אַ פּאָר טונקעלע הויזן, אויסגעפּרעסט פּערפעקט. נאָכן אָפּשווענקען זיך און אויסווישן ס'פּנים מיט אַ האַנטעך, איז ער אַריין אין צווייטן צימער און זיך אומגעקערט אין אַ ווייסער און גלאַנציקער אויבערהעמד, אַן אויסגעפּרעסטע און אַן אָנגעקראָכמעלטע. אַ רגע האָט ער מיר אויסגעזען ווי אַ יונגער בחור, וואָס קלייבט זיך באַגעגענען זיין אויסדערוויילטע; דער דאַזיקער איינדרוק האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט, ווען כ'האָב אָנגעקוקט זיין איבערנעמען זיך, וואָס ער האָט ניט געקענט באַהאַלטן. ס'האָט מיך שוין אָנגעהויבן פאַרדריסן, וואָס כ'בין ניט געקומען צו דער ריכטיקער צייט. אָבער דאָ האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו מיר און געזאָגט:

„איך וואַרט אויף בן־גוריונען, וואָס האָט מיר אין דער פרי צווויסן געגעבן וועגן זיין קומען אַהער. איך וואַרט אויף אים מיט שפּאַנונג, ווייל מיר זיינען אַלטע חברים, און אפשר וועלן מיר געפינען אַ שותּפישע שפּראַך און אויסמיידן די שפּאַלטונג, וואָס דראָט דעם קיבוץ המאוחד... ס'קען זיין, אַז צוליב דעם וועט אונדזער שמועס איבערגעריסן ווערן, דעריבער דערצייל מיר גלייך וואָס עס האָט דיך געבראַכט צו מיר. און וואָס הערט זיך אין כברי?"

„אפשר וועלן מיר אָפּלייגן אונדזער שמועס אויף אַ צווייטן מאָל?" — האָב איך פאָרגעלייגט.

„ניין.. נאָר ווען בן־גוריון וועט קומען וועלן מיר מוזן איבעררייסן"...

כ'האָב אָנגעהויבן אויסלייגן פאַר אים דעם ענין. כ'האָב אָבער באַמערקט, אַז ער הערט זיך ניט צו צו מיר אויפמערקזאַם, ווי ער פלעגט זיך געוויינלעך פירן מיט חברים; ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן צימער, צוגעפוצט די שיך, אָנגעטאָן זיין „פּידזשאַק" און איז געווען אומרויִק. ס'האָט זיך מיר ווידער געדאַכט, אַז כ'האָב זיך „אַריינגערוקט", אויף אַן אומדערוואַרטן אופן, אין אַ צעגליטער שפּאַנונג פון אַ פּאָר פאַרליבטע... און פאַקטיש, אין עטלעכע מינוט אַרום, האָבן זיך דערהערט טריט אויף די טרעפּ, אַ קלאַפּ אין טיר, און בן־גוריון איז דאָ. באַלד האָבן זיך די צוויי אַרומגעכאַפּט, געדריקט זיך די הענט מיט איבערגענומענקייט, און איך האָב זיך שטילערהייט אַרויסגערוקט אין דרויסן, געפּלעפּט פון דער שטורמישער פריינדשאַפט, וואָס האָט זיך אומגעריכט אַנטפּלעקט פאַר מיר".

„דאָס איז דער ערשטער טייל פון דער מעשה" — האָט י. אויסגעפירט — „איר המשך איז געווען מיט אַ האַלבע שעה צוריק. כ'בין געווען אין „קאָמו־נע" פון קיבוץ, אויף אחד העם 4, אויף דער גרויסער טעראַסע פון צווייטן שטאָק. ערשט טאַבענקין האָט זיך אַריינגעריסן, ווי אַ וויכער, באַגלייט פון קיבוץ־סעקרעטאַר ישראל געלער. טאַבענקין איז פלאַם־פייער: „פון איין זייט האָט ער געטענהט, אַז ער זוכט אַ שותפישן אויסוועג, און פון דער צווייטער זייט רוקט ער דיר אַריין אַ מעסער אין רוקן" — האָט ער געזאָגט. איך האָב, פאַרשטייט זיך, פאַרשטאַנען, אַז ער מיינט בן־גוריונען, אָבער כ'האָב ניט געקענט צונויפבינדן טאַבענקינס איצטיקע האַלטונג מיט דער האַרציקער, הייסער באַגעגעניש מיט צוויי שעה צוריק... ווי פאַרט זיך דאָס אין איינעם, באַנקאַווער, אפשר קענסטו דאָס מיר דערקלערן?"

„מיין טייערער" — האָב איך געענטפערט מיין פריינד פון כברי — „ס'איז שוין די עכסטע צייט דו זאָלסט פאַרשטיין, אַז די חברים פון דער צווייטער עליה זיינען ניט גלייך צו אַלע מענטשן. אויב דו וועסט צוגיין צו זיי מיט דער מאָס פון געוויינלעכע מענטשן, וועסטו גאַרנישט דערגיין. בשעת זיי זיינען פריינד, איז זייער פריינדשאַפט ווי אַ פעלדז, און ווען זיי זיינען קעגנער — איז זייער קעגנערשאַפט ווי אַ טייפון, און די קעגנערשאַפט איז ניט פוגע אין זייער פריינדשאַפט, און די פריינדשאַפט שוואַכט אויף קיין האָר ניט אָפּ זייער וויכוח. מ'דיסקוטירט מיט ברען און מ'היט אָפּ די פריינד־שאַפט מיט דער גאַנצער נשמה. אַזעלכע זיינען זיי... דעריבער זיינען זיי פון דער צווייטער עליה און ניט פון דער דריטער... מאַך מיט דעם שלום און באַרויק זיך".

ס'האָט גענומען צופאַלן נאַכט, די גאַסלאַמפּן האָבן שוין געברענט. כ'האָב זיך אָפּגעזעגנט און אַוועקגעאיילט ווייטער...

***

פון דאָס אויבן דערציילטע שטויסט איר זיך אוודאי אָן, אַז געשען איז דאָס אין אָנהייב פון די פופציקער יאָרן, ווען ס'האָבן זיך אָנטפּלעקט די ערשטע שפּאַלטן, וואָס האָבן פאַרויסגעזאָגט די צעטיילונג פונעם קיבוץ המאוחד, וואָס איז געשען מיט עטלעכע חדשים שפּעטער. די וויכוחים זיינען גע־שטיגן אויך אין די ראַמען פון דער באַוועגונג און אין דער הסתדרות. איין מאָל בין איך בייגעווען אַ דיסקוסיע און אַ שאַרפן ווערטער־אויסטויש צווישן ישראל בר־יהודה (דעמאָלט אידעלסאָן) און בן־גוריונען. היינט געדענק איך ניט אַרום וואָס פאַר אָן ענין ס'האָבן זיך אַזוי צערודערט די געמיטער, אָבער די שאַרפקייט פון וויכוח געדענק איך עד היום. מיט אַ צוויי וואָכן שפּעטער

איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין אַ פרימאָרגן־שעה אין סעקרעטאַריאַט פון קיבוץ המאוחד, אויף לעוואָנטין־גאַס. אַראָפּגייענדיק מיט די טרעפּ פון צוויי־טן שטאָק, האָב איך ביים טאַמבאַנק באַמערקט אַ באַקאַנטע טשופּרינע. געשטאַנען איז דאָרט בן־גוריון אין אַ רעגנמאַנטל. וואָס טוט ער דאָ אַזוי פרי?

„זאָג, ביטע, אַן אין סעקרעטאַריאַט" — האָט ער אַ דונער געטאָן צום מיידל וואָס איז דאָרט געזעסן — „זיי זאָלן זאָרגן מ'זאָל גלייך אָװעקשיקן בר־יהודהן אין אַ סאַנאַטאָריע און זיי זאָלן בכלל אַכטונג געבן אויף אים... כ'האָב אים נעכטן געזען, און איך מיין, אַז „ער איז ניט מיט אַלעמען"... זאָג זיי, אַז בן־גוריון איז דאָ געװען און האָט דאָס געפּאָדערט"...

אַן אייזערנער קול און אַן אַפּעלאַציעלאָזער טאָן. געזאָגט „שלום", אַרויס־געגאַנגען, אַריינגעזעצט זיך אין אַ מאַשין, באַגלייט פון צוויי מאַטאָציק־ליסטן, און איז נעלם געוואָרן.

„די מענטשן פון דער צווייטער עליה" — האָב איך אַ טראַכט געטאָן — „דערצו נאָך בן־גוריון, וואָס איז אַ ספּעציפישער טיפּ"...

***

ווען כ'בין אָנגעקומען אין לאַנד, בין איך נאָך געווען אין אַ גרויסער מאָס אונטערן איינדרוק פון דער רוסישער רעוואָלוציע, און מיין באַציִונג צו פּאַר־שיידענע דערשיינונגען און פּערזענלעכקייטן איז אַרויסגעדרונגען ניט ווייניק פון דער פּראַיעקציע, וואָס די רעוואָלוציע האָט אָנגעוואָרפן אויף מיין געדאַנקען־גאַנג; אין דער צייט ווען צו טאַבענקינען און בערל קאַצנעל־סאָנען האָב איך זיך באַצויגן ווי צו לערער און אינסטרוקטאָרן, איז מיין באַציִונג צו בן־גוריונען געווען ווי צו אַ מנהיג. ניט זעלטן האָט ער זיך מיר אויסגעוויזן ווי לייב טראָצקי, וואָס מיט זיין כוח ציט ער נאָך זיך נאָך מאַסן. זיין נאַטירלעכע אויטאָריטעט האָט דאָמינירט אין דער סביבה און אויף אַלע וואָס זיינען געקומען מיט אים אין באַרירונג.

איין מאָל בין איך אומדערוואַרט איינגעלאַדן געוואָרן צו בן־גוריונען, אין ועד הפועל פון דער הסתדרות, ווו ער איז געווען מזכיר.

„איך וויל דו זאָלסט צושטיין צו דער אַרבעט אין „מרכז החקלאי" — האָט ער געזאָגט.

כ'האָב אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט און דערשטוינט, אַ ווײַלע געטראַכט און אָפּגעזאָגט זיך, מיטן מאָטיוו, אַז איך בין נאָר־וואָס אָנגעקומען אין לאַנד און קען נאָך במילא ניט צוטרעטן צו קיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. בן־גוריון האָט געטענהט, אַז היות ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַרגאַניזירן אַ חלו־

צישע עליה אין עליה־קיבוצים, האָט זיך געשאַפן אַן אויסזיכט צו באַנייען אונדזער קאַמף פאַר יידישע אַרבעט, און דאָס קאָן געשען נאָר דורך אַ גע־העריקער אַגיטאַציע, און ס'איז געווונטשן ,אַז דאָס זאָל געטאָן ווערן פון יונגע חברים, וואָס זיינען נאָר וואָס אָנגעקומען.

ווען בן־גוריון האָט געזען אַז איך גיי ניט איין אויף זיין פאָרשלאָג, האָט ער מיר פאָרגעלייגט דורכצופאָרן זיך און באַקענען זיך מיט לאַנדווירטשאַפט־לעכע ישובים, באַגעגענען זיך מיט אַרבעטער, דערטאָפּן דעם מצב און ברענגען מיינע אויספירן פאַר די אינסטיטוציעס פון דער פאַרטיי און פון דער הסתדרות, ווי אַ פּלאַן פון טעטיקייט. דעם פאָרשלאָג האָב איך אָנגענו־מען און בין צו מאָרגנס אַרויסגעפאָרן און האָב במשך פון עטלעכע וואָכן באַזוכט די ישובים פון יהודה, שומרון און גליל, אַזש ביז סעדזשעראַ. דאָ בין איך פאַרבליבן איבער נאַכט, און אין אָוונט בין איך אַוועק צו איינעם פון די פּויערים, כדי צו הערן פון אים וועגן דער תקופה ווען בן־גוריון האָט דאָ געאַרבעט. און, פאַרשטייט זיך, וועגן בן־גוריונען אַליין. דעם פּויערס דערציילונג, וואָס כ'האָב געשלונגען מיט דורשט, וועל איך דאָ ניט איבער־געבן; אָבער מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז שוין דעמאָלט האָבן אַ סך פאַרשטאַ־נען און געפילט, אַז אין זייער מחיצה געפינט זיך אַ מנהיג אין ישראל.

דער סך הכל פון יענעם שפּאַציר, וואָס האָט זיך געצויגן, ווי געזאָגט, עטלעכע וואָכן, איז געווען אַ טרויעריקער. כ'האָב זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אַרבעטסלאָזיקייט און אַ שרעקלעכער אָרעמקייט, אויף דער דאָמינירונג פון אַראַבישער ביליקער אַרבעט און אויף אַן אַטמאָספער פון אָפּגעלאָזנ־קייט און פאַרצווייפלונג צווישן די יידישע אַרבעטער. ווען כ'בין געקומען צו בן־גוריונען און אים איבערגעגעבן די רעזולטאַטן פון מיין רייזע, האָט ער ניט געפּרוּווט אָפּלייקענען די פאַקטן; ער האָט אָבער געטענהט, אַז מ'טאָר זיך ניט אונטערגעבן דער אָפּהענטיקייט, נאָר מ'דאַרף זיך אויף איר אַרויפוואַרפן מיט באַנייטע כוחות און אַריינפּרעסן אין די ישובים יידישע אַרבעט. ער האָט גערעדט מיט אַזאַ ברען און מיט אַזאַ גלויבן, אַז ס'איז שווער געווען אים ביישטיין. מיט דער צייט, ווען אין די פּרדסים פון שרון האָט זיך אַנטוויקלט דער קאַמף פאַר יידישע אַרבעט, פון צוזאַמענשטויסן מיט דער בריטישער פּאָליציי, אַרעסטן און קלעפּ — און רגעס פון שוואַכ־קייטן, וואָס האָבן שיעור ניט צעבראָכן מיין זיכערקייט — פלעג איך זיך דער־מאָנען אין בן־גוריונען, און דאָס האָט מיך תמיד געשטאַרקט און צוגע־געבן מוט און גלויבן אין אונדזער גערעכטיקייט און נצחון. און כאָטש אין יענע קריטישע מאָמענטן איז ער ניט געווען לעם מיר, האָב איך דאָך געשפּירט זיין ביייזיין, וואָס האָט מיר געגעבן כוח ביישטיין אַלע שוועריקייטן.

***

אַן אוונט אין גיבעת־השלושה, וואָס ליגט ביים זאַמדוועג פון פתח־תקווה קיין תל־אביב. דאָ ניט לאַנג זיינען אַנגעקומען די ערשטע עולים פון הכשרה־קיבוץ קלאָסאָוואָ אין פוילן, וואָס איז באַקאַנט אין „החלוץ" און אין דער באַוועגונג מיט זיין אייפער און רעאַליזירונג. דעם אוונט איז דאָרט פאַרגעקומען אַ פאַרזאַמלונג מיטן אָנטייל פון הסתדרות־מזכיר, דוד בן־גוריון.

ווער איז געווען דער הויפּטרעדנער? קלאָר, בעני מאַרשאַק. ער איז געווען שטורמיש און אימפּולסיוו, ווי זיין גאַנץ לעבן נאָכדעם, דערצו איז ער דעמאָלט געווען זייער יונג. מיט זיין זודיקן, מאַרשאַקישן טעמפּעראַמענט, אין זין פון „כל עצמותי". ער האָט אָנגעגריפן די הסתדרות פאַר פיינלעכע פאַלן, וואָס אַנטפּלעקן אַ מאַנגל אין גלייכבאַרעכטיקונג ביי זיך גופא, אַ זאַך וואָס קען צו נישט מאַכן איר שלמות און כוח. ווען ער האָט פאַרענדיקט, האָט נאָך אין לאַנגן צריף געקלונגען דער אָפּהילך פון זיין שטים.

ווען בן־גוריון האָט זיך אויפגעשטעלט ענטפערן, איז געוואָרן שאַ־שטיל. לאַנגזאַם, לאַנגזאַם, איז זיין קול געפאַלן ווי קלעפּ פון אַ האַמער אויף די הערצער פון די פאַרזאַמלטע. ער האָט גערעדט וועגן די אַבסאָרבציע־שוועריקייטן, וועגן וווקס פון אַרבעטער־ציבור אין לאַנד, וועגן דער בילכערקייט פון מיטלען און אַרבעט, וועגן וואָס פריִער און וואָס שפּעטער, אַלץ באַזינט מיט אַ היסטאָרישער חשיבות, אַזוי אַז די אַנוועזנדיקע זאָלן שפּירן זייער אייגענע שותפות אינעם איבערגעשטאַלטונגס־פּראָצעס פון דער יידישער געשיכטע. גערעדט האָט ער לאַנג, ביז נאָך האַלבער נאַכט, נאָר קיינער האָט זיין פלאַץ ניט פאַרלאָזן. צום סוף האָט מען פאַררוקט די טישן צו די ווענט און די האָרע־קרייזן האָבן פאַרנומען דעם צענטער פון צריף. בן־גוריון איז געזעסן אין אַ ווינקל און געשמועסט מיט אַ גרופּע חברים, ניט געקוקט אויפן רעש פון געזאַנג און דער טופּעריי פון די פיס. ווען מ'האָט אים אַוועקגעפירט איבערצושלאָפן אין אַ צריף, האָט שוין געהאַלטן ביי אויס נאַכט.

צו פרישטיק האָט זיך בן־גוריון צוגעזעצט אין עסצימער ביי אַ טישל און בעני מאַרשאַק האָט אים באַדינט און האָט זיך באַמיט צו פאַרשאַפן אים אַ געפיל פון אויפגערוימטקייט ביים עסן. ער איז אַרומגעלאָפן צווישן קיך און עסצימער, און ס'איז אים געלונגען איבערצוצייגן די עקאָנאָמיסטין זי זאָל צוגרייטן פאַרן גאַסט אַ פיינקוכן פון צוויי אייער (ס'איז דאָך בן־גוריון! — האָט ער פאַרגעוואָרפן). טראָץ דער גוטער כוונה, האָט זיך בן־גוריון דערפילט ניט גוט, ווייל אַלע אַרום אים האָבן זיך באַנוגנט מיט אַ גלאָז טיי און אַ שטיקל ברויט. האָט ער אַ געשריי געטאָן צו בענין:

„נעכטן האָסטו, בעני, גערעדט וועגן גלייכבאַרעכטיקונג. צי עסן דאָ אַלע חברים אַזוי ווי איך אַ פיינקוכן פון צוויי אייער, ווי דו האָסט מיר דערלאַנגט? ווּ איז דיין גלייכבאַרעכטיקונג?״

כ׳געדענק שוין ניט צי בעני האָט אים אויף דעם געענטפערט, נאָר כ׳געדענק, אַז די שטילקייט פון דער פאַרלעגנהייט האָט אַנגעהאַלטן אין עס־צימער עטלעכע מינוט...

⁂

אויף אַ צווייטן פּלאַץ אין בוך דערצייל איך וועגן צוריקמאַרש פון קרעטאַ און וועגן מיין אַנטלויפן, באַלד נאָכדעם, פון מצרים קיין ארץ־ישראל. איך גיב דאָרט איבער מיין געשפּרעך מיט בערל קאַצענעלסאָנען אין די געציילטע טעג וואָס כ׳האָב פאַרבראַכט אין לאַנד. אָבער דער אמת איז, אַז דער ערשטער צו וועמען כ׳בין געקומען אויסגיסן מיין ביטער האַרץ און באַפרייען זיך פון עם באַליידיקונגס־געפיל אויף די ענגלענדער פאַר זייער מפקיר זיין אונדז — איז געווען אליהו גאָלאָמב, דער קאָמאַנדיר פון דער הגנה, וואָס האָט אונדז באַפוילן מאָביליזירן זיך אין דער מלחמה קעגן די נאַציס.

אליהו, וואָס האָט מיך גוט אויסגעהערט און האָט מורא געהאַט פאַר אַ דעמאָראַליזאַציע צווישן די ייִדישע איינהייטן, ווי אַ רעזולטאַט פון אונדזערע צווישן־באַציִונגען מיט די ענגלענדער, האָט זיך מטריח געווען און האָט איינגעאָרדנט אַ באַגעגעניש אין בן־גוריונס קאַנצעלאַריע, אין דער ייִדישער אַגענץ, כדי איך זאָל אַלץ קענען אַרויסברענגען אין די ראַמען פון אַ ברייטערן פאָרום. כ׳געדענק, אַז אין יענער באַגעגעניש האָבן זיך באַטייליקט, חוץ בן־גוריונען און גאָלאָמבן, אויך בן־צבי און גרשון אַגרון (וואָס זיינען געווען זעלנער אינעם בריטישן מיליטער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה), יצחק גרינבוים און אליעזר קאַפּלאַן.

נאָך דעם ווי זיי האָבן מיך אויסגעהערט וועגן דעם וואָס ס׳איז געשען און וואָס די ייִדישע זעלנער זיינען אויסגעשטאַנען, ביז זייער אַריינפאַלן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט, האָט בן־גוריון רעזומירט:

„ווער ניט נתפעל, באַנקאָווער, פון דער בריטישער אויפפירונג. ביסט קיין סך ניט מחדש. אַזעלכע זאַכן זיינען שוין געווען. זיי זיינען גרויסע מומחים, די ענגלענדער, מפקיר צו זיין די פאַרבינדעטע און פאַרראַטן זיי. דיינע רייד באַקרעפטיקן מיר די איבערצייגונג, אַז מען דאַרף פאַרשטאַרקן די פאָדערונג צו שאַפן אַ ייִדישע קאָמאַנדשאַפט אין די ייִדישע איינהייטן און אַ ייִדישע קעמפנדיקע דיוויזיע״.

ווי אין אַ סך אַנדערע פאַלן, האָב איך אויך דאָס מאָל דערפילט דעם מנ־

היגישן כוח פון בן־גוריונען, וואָס קען פון אומבאַהאָלפענע מעשים און שוואַכקייטן דערגיין צו געוווּנטשענע אויספירן, תמיד אָנכאַפּן זיך פאַרן עיקר און שטרעבן אָן איבעררייס צום ברענפּונקט פון די ענינים.

איצט וועט אפשר קלאָר ווערן פאַרוואָס איך האָב זיך פּלוצעם דערמאָנט אין דער באַגעגעניש, שטייענדיק אין אַ פאַראַד אין איטאַליע, ווען ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די גרינדונג פון אַ יידישער קעמפנדיקער בריגאַדע. אפשר האָט יענע באַגעגעניש אין תל־אביב טיילווייז דערפירט צום דאָזיקן מאָמענט — האָב איך געטראַכט.

**
*

„פאַרוואָס האָט איר ניט אָפּגעהאַלטן סערענין פון זיין לעצטער שליחות?" האָט מיך אָנגעגריפן בן־גוריון, ווען כ'האָב זיך נאָך דער מלחמה אומגעקערט אַהיים. ער האָט זיך מיט אַ טיפן אינטערעס צוגעהערט צו מיין ראַפּאָרט וועגן אונדזער טעטיקייט צווישן דער שארית־הפּליטה; אָבער ווען כ'בין צוגעקומען צו מיין באַזוך אין דאַכאַו, ווו ס'האָבן געפלאַקערט די אויוונס, האָט בן־גוריון איבערגעריסן זיין שווייגן און האָט אויסגעבראָכן:

דו ביסט דאָך געווען דער לעצטער וואָס האָט זיך געזעגנט מיט סערענין פאַר זיין אָפּפליִען צו זיין לעצטער שליחות... און איך פרעג דיך און אַלע זיינע באַענטע: פאַרוואָס האָט איר אים ניט אָפּגעהאַלטן פון דער דאָזיקער שליחות?!"

געמיינט האָב איך, אַז איך בין טאַקע געווען דער לעצטער, וואָס האָט, ווייזט אויס, געזען סערענין.

„בן־גוריון, דו האָסט דאָך געקענט סערענין. טראַכסטו טאַקע אַז מ'האָט אים געקענט פאַרהאַלטן?"

בלויז אין זעלטענע פאַלן האָב איך געזען בן־גוריונען אַזוי צעטראָגן ווי אין דעם פאַל. „יאָ" — האָט ער געזאָגט — „פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז מיר באַקאַנט. און זאָלסט, חלילה, קיין טעות ניט האָבן, אַז איך שאַץ ניט אָפּ זיין שליחות און די מאָטיוון וואָס האָבן אים באַוויגן איינצוגעקשנען זיך אויסצופירן די שליחות... דאָך האָבן זיינע חברים, די חברים פון דער באַוועגונג געדאַרפט..."

דאָ האָט ער איבערגעריסן און האָט זיך פאַרזונקען אין אַ שווייגן, ווי ער וואָלט זיך מיט זיינע מחשבות דערווייטערט פונעם גאַנצן אָרום. איך בין ניט געוווינט געווען צו זען אים אין אַזאַ מצב, האָב איך זיך אויפגעהויבן און שטילערהייט זיך אַרויסגערוקט פון צימער...

**
*

כ'האָב תמיד באַוווּנדערט בן־גוריונס התמדה צו פאַרצייכענען אין זיין טאָגבוך די געשעענישן, אין וועלכע ער האָט אָנטייל גענומען, אפילו אין טעג ווען ער איז פאַרנומען געווען אָן איבעררייס און געמוזט דעצידירן אין זייער הארבע ענינים, וואָס מיט דער צייט האָבן זיי באַקומען ניט נאָר אַ היסטאָרישן, נאָר אפילו אַ גורלדיקן באַדייט. מ'דאַרף פאַרשטיין, אַז חוץ זיין אומגעהייערע אַרבעטזאַמקייט, האָט דאָ מיטגעווירקט די איבערצייגונג, אַ באַוווּסטזיניקע, צי אַן אומבאַוווּסטזיניקע, אַז ער לעבט און אָטעמט מיט דער לופט פון אַ היסטאָרישער תקופה.

צו דעם אַלעם האָט ער אויך געפירט אַ פאַרצווייגטע קאָרעספּאָנדענץ, געענטפערט אויף אָנצוהערענישן און באַמערקונגען, צו מאָל לאַקאָניש, און אָבליגאַטאָריש, און צייטנווייז לאַנג און אויפקלערנדיק. דאָ ניט לאַנג, ווען כ'האָב איינגעפירט אַ שטיקל סדר אין די פּעק אַקטן און קאָנווערטן אין מיין שאַפע, האָב איך געפונען עטלעכע פון זיינע בריוו צו מיר, ווען כ'האָב אַמטירט ווי דער מזכיר פון מפא"י.

אָט איז, צום ביישפּיל, זיין ענטפער אויף מיין בריוו פון יאָר 1937. אין דער אַטמאָספער פון דער באַוועגונג האָבן געהערדערט די וויכוחים, אַרום דעם חלוקה־פאַרשלאָג. בן־גוריון איז דעמאָלט געווען אין לאָנדאָן, און אין זיין בריוו לויבט ער דעם דערפאָלג פון דער שקל־אַקציע אין לאַנד צום ציוניסטישן קאָנגרעס, ווייל זי איז בכוח צו פאַרשטאַרקן די אַרבעטס־באַוועגונג אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

„דערווייל איז נאָך שווער צו באַהויפּטן" — שרייבט ער — „צי מיר שטייען ביי דער שוועל פון אַ גראַנדיעזער היסטאָרישער דערגרייכונג". און כדי אָנזעעוודיק צו מאַכן זיין שפּירונג, גיט ער צו בילדעריש, כמעט דיכטעריש: „די געשיכטע פון לאַנד און פון אונדז אַליין גייט אַרויס פון אירע ראַמען און זי איז ניט געגליכן צו אַ רויִקער און דורכזיכטיקער אָזערע וואָס איז באַוואַרנט מיט אַ בלומיקן באָרט, נאָר צו אַ שטורמישן וואַסערפאַל אויף אימהדיקע שטיינער און אַ טיפן אָפּגרונט..."

איר טראַכט, אַז דאָס איז אַ סטיל פון פּאָעטן? איז וואָס טוט מען, אַז בן־גוריון איז טאַקע אַזאַ געווען? און צו גלייך מיט אַזאַ אַרט ריידן, זיינען אין די זעלביקע בריוו געווען אַ סך פּראָזאַישע אויסדרוקן. און כאָטש ער איז געווען פאַרטאָן אין פּלאַם פון אַ גרויסער פּאָליטישער פאַרמעסטונג, האָט ער ניט פאַרגעסן אויסצודריקן זיין זאָרג צוליב דער „אָפּהענטיקייט, גייסטיקער אָפּגעלאָזנקייט און מאַנגל אין מיטלען צו באַזעצן די שטחים פון בית־שאָן און פון עמק... דאָס יידישע פאָלק האָט פאַרדינט דעם לעכערלעכן קרעדיט וואָס פאַדערט זיך דערביי, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן אַ פּאָליטישער גאולה

אויף איינעם פון די טייערסטע שטחים אין לאַנד..."

בן־גוריון איז, ווי געזאָגט, דעמאָלט געווען אין לאָנדאָן, ווי אויך, פאַר־שטענדלעך, דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ח. ווייצמאַן. זייער מיינונגס־פאַרשיידנקייט אין פּאָליטישע פראַגן און דער אונטערשייד אין כאַראַקטער און צוגאַנג, האָבן דערפירט צו אַ פאַרשאַרפטער באַציִונג צווישן די צוויי פּערזענלעכקייטן. איך האָב דעמאָלט אָנגעשריבן צו בן־גוריונען און געמאָנט אין נאָמען פון די חברים פון פּאַרטיי־פּרעזידיום, ער זאָל זיך אומקערן אַהיים, ווייל די באַוועגונג נייטיקט זיך אין זיין בייזיין. אין זיין ענטפער האָט ער אַפּעלירט מ'זאָל פון אים ניט פאָדערן ער זאָל פאַרלאָזן לאָנדאָן אין אַזוינע גורלדיקע טעג. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווען ער האָט אונדז געגעבן אָן אָנצוהערעניש וועגן זיינע באַציִונגען מיט ווייצמאַנען.

„— דער איין־און־איינציקער, וואָס טרעט אין דער צייט אַרויס אין נאָמען פון יידישן פאָלק, איז ווייצמאַן. די ענגלענדער אָנערקענען ניט קיין אַנ־דערן — דער ציוניסטישער באַוועגונג איז דערלויבט און זי האָט די מעג־לעכקייט קעגנשטעלן זיך זיין דעה. ביי מיר איז קיין שום ספק ניטאָ, אַז אין פאַל פון אַ נויטווענדיקייט, וועט זי אַזוי טאָן. איצט אָבער האַלט איך פאַר מיין גרויסן חוב צו זיין לעם אים, אי כדי צו העלפן, אי כדי צו האַמעווען.."

מיר זיינען געווען זיכער, אַז בן־גוריון ווייס וואָס עס איז וויכטיקער אין דער אַ שעה, האָבן מיר אויפגעהערט צו פאָדערן פון אים ער זאָל זיך אומ־קערן אַהיים.

***

קלאָר, אַז עס איז אוממעגלעך צו דערציילן וועגן בן־גוריונען און אויס־מיידן זיין פרוי פּאָליע, וואָס איז אים געווען מער ווי אַ פרוי; איך האָב זוכה געווען צו איר סימפּאַטישער באַציִונג און בין ביי זיי געווען אַ בן־בית. בן־גוריון, איז, ווי באַקאַנט, געווען אַ פאַרשלאָסענער לגבי זיינע חברים און האָט זיין אינעווייניקסטע וועלט קיין מאָל ניט אָנטפּלעקט פאַר זיי, אויסער פּאָ־ליען, וואָס האָט פון זייער ערשטער באַקאַנטשאַפט דערשפּירט אין אים די מיסיע פון אַ מנהיג און ווי צו אַזאַ האָט זי זיך צו אים באַצויגן; און זי האָט געפאָדערט פון די אַלע, וואָס זיינען געקומען מיט אים אין באַ־רירונג, זיי זאָלן זיך צו אים באַציִען מיט רעספּעקט, וואָס קומט אַן אויסער־אָרדנטלעכן מאַן. צוגייענדיק צו אים מיט אַזאַ מאָס, האָט זי אים אָפּגעהיט ניט נאָר פון נודניקעס, נאָר זי האָט אויך באַשטימט מיט וועמען ער זאָל זיך טרעפן און מיט וועמען ניט, און אַך און ווי איז שוין געווען יענעם, וואָס איז, לויט פּאָליען, ניט „ראוי" געווען אַריבערצוטרעטן בן־גוריונס שוועל.

זי איז געווען זיין פארטרויונגס־מענטש און ניט זעלטן האבן מיר פון איר דערשמעקט בן־גוריונס רעאקציע לגבי פארשיידענע דערשיינונגען און מענטשן, און ניט בלויז בנוגע דעם וואס ס׳איז פארגעקומען אין זייער הויז גופא.

כ׳דערמאן זיך, למשל, א פרייטאג אין א קאפעטעריע אין זשענעווע, ווו מיר זיינען געווען אין צוזאמענהאנג מיטן ציוניסטישן קאנגרעס. יענעם פרימארגן איז דערשינען אין דער פרעסע די ידיעה, אז לויט ווייצמאנס אנ־ווייזונג, פארט ארויס דב האז קיין ענגלאנד, ווו ס׳וועט אין בריטישן פאר־לאמענט פארקומען א דיסקוסיע איבער דעם חלוקה־פארשלאג. געוווסט האבן מיר — און דאס איז אין דער פרעסע ניט געווען — אז דער ציל פון דער שליחות איז משפיע צו זיין אויף טשערטשילן, דעם לידער פון דער אפאזיציע, ער זאל שטיצן דעם געדאנק פון חלוקה.

כאטש בן־גוריון איז דעמאלט געווען דער לידער פון דער סוכנות, איז ער דערשטוינט געווארן פון דער ידיעה. ער האט געמיינט אז דאס האט משה שרת, אין ווייצמאנס נאמען, ארגאניזירט די שליחות, ניט דערציילנדיק אים, בן־גוריונען. איצט, ביים פרישטיק, האט ער געשוויגן, נאר פאליע האט אויסגעשאסן אן אויפגעבראכטע ווי א ווולקאן. זי האט אין דעם באשולדיקט ניט ווייצמאנען, נאר די חברים וואס זיינען געטריי בן־גוריונען...

דאס איז געווען איינער פון א סך פאלן, ווו פאליע איז געווען די אויס־דריקערין פון בן־גוריונס רעאקציע. מיט קיין „דיפלאמאטישע מאנירן" איז זי ניט געווען געבונדן אין באצוג צו מענטשן, ווי פראמינענט זיי זאלן ניט זיין...

***

ווען איך גיב איבער וועגן מיינע באגעגענישן מיט בן־גוריונען — און געווען זיינען זיי ניט וויניק — מוז איך א סך פון זיי דורכלאזן, צוליב די ענגע ראמען פון מיין ספר. האב איך דעריבער באשלאסן צו פארענדיקן דעם קאפיטל מיט זיין באזוך אין רמת־הכובש, ביים סוף פון דער אומאפ־הענקייטס־מלחמה, נאכן פארנעמען דעם אראבישן דרייעק מיט זיינע דער־פער, וואס פון זיי פלעגן אין משך פון יארן קומען די רוצחים און האבן פארשניטן די לעבנס פון צענדליקער חברים פון ישוב. פון דעם שטאנד־פונקט איז די מלחמה געווען ניט נאר א באפרייונגס־מלחמה פארן יידישן ישוב, נאר אויך א פערזענלעכע באפרייונגס־מלחמה.

די צה״ל־איינהייטן, וואס זיינען באשטימט געווארן צו פארנעמען די אראַ־בישע פראנטליניעס פון דרייעק, לויטן געחתמעטן וואפן־שטילשטאנד־

הסכם אין ראַדאָס, האָבן זיך קאָנצענטרירט אין רמת־הכובש, און פון דאָנעט זיינען זיי אַרויס צו זייערע אויפגאַבן. געווען איז דאָס שבת, זיבעטער מאַי 1949. מיט טאָג גלייך האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג, און אונדזערע חברים, וואָס האָבן ניט געקענט ביישטיין זייער נייגעריקייט, זיינען זיי נאָכגעגאַנגען צופוס, כדי צו זען מיט די אייגענע אויגן דעם עצם פאַקט און „כאַפּן אַ בליק" אויפן מזרחדיקן שטח, צו וועלכן מיר האָבן ס'לעצטע יאָר ניט גע־קענט דערגרייכן. די אַקציע פון צה"ל איז דורכגעפירט געוואָרן ביז מיטאָג.

די פייערונג פון דער באַפרייונג איז באַשטימט געוואָרן אויפן קומענדיקן שבת, און היות מ'האָט מודיע געווען, אַז בן־גוריון וועט אין איר אָנטייל נעמען, איז קלאָר געווען, אַז די צאָל באַטייליקטע וועט זיין גרויס; האָט מען באַשלאָסן איינצואָרדענען די שמחה אין דרויסן, מיט אַ לאָזונג אויף דער וואַנט: „קול ברמה נשמע עוד אבנך ונבנית".

דאָס מאָל האָב איך מקבל־פּנים געווען אַן אַנדערן בן־גוריון. ניט דעם מזכיר פון דער הסתדרות, ניט דעם פאָרזיצער פון דער אַגענץ, נאָר דעם פּרעמיער און מלחמה־מיניסטער פון דער רעגירונג. פון קיבוץ־טויער ביזן עסצימער זיינען געשטאַנען צוויי רייען קינדער, חברים און געסט, מיט פּע־נער און בלומען. דאָ איז געקומען צום אויסדרוק דער מלוכהשער כאַראַקטער, וואָס די פאַרשיידענע געשעענישן אין אונדזער לעבן האָבן באַקומען מיטן אַנטשטיין פון דער מדינה. איך האָב זיך נאָך צו דעם ניט געהאַט צוגעווינט און כ'האָב מיין אויפפירונג ניט געקענט ענדערן, כאָטש כ'האָב זיך תמיד באַצויגן צו בן־גוריונען ווי צו אַן אָנפירער, וואָס איז „מיט אַ קאָפּ העכער" פון גאַנצן אַרום, אָבער גלייכצייטיק ווי צו אַ חבר, וואָס איז געווען פון די שעפער פון דער באַוועגונג, און איך — איינער פון אירע חברים. אָבער איצט האָב איך זיך בליץ־שנעל איבערצייגט, אַז די דימענסיע פון מלוכהשקייט גיט צו אַ נייע אויטאָריטעט אויך צו דעם, וואָס איז אויך פריִער געווען אַן אויטאָריטעט, און בן־גוריונס באַזוך אין מיין צימער, ווו ס'איז פאָרגעקומען אַ שמועס איבער די פּראָבלעמען, וואָס זיינען אויפגעשוווּמען פון נייעם מצב, האָט ביי מיר געשאַפן אַ נייע שפּירונג — אַז אויך מיר פּערזענלעך איז צוגעקומען אַ באַזונדערער כבוד.

דאָס איז פאַר מיר געווען אַ נייע איבערלעבונג. מיט דער אויטאָריטעט וואָס האָט איצט אַרויסגעשטראַלט פון בן־גוריונס דערשיינען, האָב איך דער־פילט, אַז ער איז ניט בלויז אַן אַרבעטער־פירער, וואָס טוט אָן כבוד מיט זיין באַזוך, נאָר אַ פירער פון אַ פאָלק, וואָס איז געקומען פאַרברענגען אונ־טער מיין דאַך.

ווען כ'האָב אים באַגלייט אין וועג אַריין, האָט ביים טויער, ווו ס'הייבט

זיך אַז די אַלייע פון די קאַזואַרינעס, וואָס פירט צום ישוב, געפלאַטערט די פאַן וואָס האָט אונדז באַגלייט אין אונדזער לעבנסוועג. אין דער רגע אָבער האָב איך פלוצעם באַגריפן, אַז דאָס איז די פאָן פון דער מדינה, און דער דאָזיקער באַוווּסטזיין האָט צוגעגעבן אַ נייעם אינהאַלט, אַ וואָגיקן, צו דעם לאַנגן וועג, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט ביזן היינטיקן טאָג.

„אַ צילינדער האָב איך אָנגעטאָן נאָר איין מאָל — פּורים״

„אויף די אויפנאַמען פון דער רוסישער אַמבאַסאַדע דעם 7טן נאָוועמבער, פלעגן זיך די גאַסטגעבער פילן געטראָפן, וואָס מיר, עטלעכע מיניסטאָרן־קיבוצניקעס, פלעגן קומען אָן אויסבינדערס. טאָקע אין אַ שוואַרצן קאָסטיום און אַ ווייס אָנגעקראָכמאַליעט העמד, אָבער אָן אַ קראַוואַט („דג מלוח״); ניין און ניין. געווען איז דאָס אין די ערשטע יאָרן פון דער מדינה־עקזיס־טענץ. און ערשט נאָך דעם ווי מיר האָבן איין מאָל און נאָך אַ מאָל דער־קלערט, אַז דאָס איז אונדזער מינהג פון תמיד אָן, און פּונקט אַזוי האָבן מיר זיך געפירט אפילו בשעת דער דערעפענונגס־צערעמאָניע פון כנסת — האָבן די גויים „תופס״ געווען, אַז מיר האָבן ניט קיין שלעכטע כוונות לגבי דער רוסישער רעוואָלוציע, הגם לגבי אירע אויספירער און פאַרווירקלעכער זיינען געווען — ביי מיר לכל הפחות — זייער דעפינירטע אָנשויונגען...״

ווען בר־יהודה האָט מיר דאָס דערציילט, איז ער געזעסן לעם מיר אויף אַ שטול געווישט די ברילן מיט אַ טאַשנטיכל. אויף וויפל מיין זכרון פאַר־פירט מיך ניט, איז דאָס געווען אויף איינער פון די באַראַטונגען פון קיבוץ המאוחד, ווען דער פאָרזיצער האָט געמאָלדן אַ הפסקה. — בר־יהודה איז דעמאָלט געווען קאָמוניקאַציע־מיניסטער. איך האָב אים עפּעס אַ פרעג געטאָן וועגן אַן אַנדער ענין; אויף מיין פראַגע האָט ער מיר ניט געענט־פערט און האָט פאַרפירט דעם געשפרעך וועגן די פאַרבינדונגען מיט די אַמבאַסאַדעס פון די מזרח־אייראָפּעיִשע לענדער.

מיין פראַגע, וואָס ער האָט זיך געמאַכט ניט הערן, האָט באַרירט די ידי־עה וואָס איז דערשינען אין „מעריב״ דעם 20סטן אַפּריל 1964 און האָט אי־בערגעגעבן, אַז —

„ווי אַלע רעגירונגס־מיניסטאָרן, האָט אויך דער קאָמוניקאַציע־מיניסטער באַקומען פון דער פאַרוואַלטונג פון „צים״ 12 אומזיסטע נסיעות מיט דער שיף „שלום״. די כוונה איז געווען איינצולאַדן צום ערשטן אַפּשווים דעם מיניסטער און די העכערע באַאַמטע פון מיניסטעריום. אָבער לויט דער אָנווי־זונג פון מיניסטער בר־יהודה זיינען די איינלאַדונגען לאָסירט געוואָרן צווי־שן די אַרבעטנדיקע ביז דער פינפטער קאַטעגאָריע. אַזוי אַרום האָבן געגאַסן

פונעם שפּאַציר אין מיטללענדישן ים ניט דווקא די העכערע באַאַמטע, נאָר „פּשוטע מענטשן". צווישן זיי טרעגער און אַ רוימערין".

„גוט" — האָב איך געזאָגט — „דו ווילסט מיר ניט דערציילן וועגן דעם ענין, איך בין אָבער פאַראינטערעסירט צו הערן דיין מיינונג אויף דער טע־מע — אַ קיבוצניק אין דער ראָלע פון אַ מיניסטער — אָדער אַ מיניסטער ווי אַ חבר פון קיבוץ. צי איז דער אַמט משפּיע אויף דער אויפפירונג פון די חברים? צי דער באַוווסטזיין פון דער עובֿדה איז משפּיע אויף דיין אויפ־פירונג?"

בר־יהודה האָט מיך דורך די ברילן שאַרף אָנגעקוקט און אַרויסגע־שעפּטשעט — „אוי, גזלן, גזלן", און געענטפערט:

„אַ מענטש דאַרף מען תמיד זיין, אַ מיניסטער אָבער דאַרף אוודאי זיין אַ מענטש"...

קורץ און שאַרף. דאָ האָט זיך געלאָזט הערן דער האַמער פון פּאַרזיצער. די הפסקה איז געענדיקט. די באַראַטונג האָט באַנייט איר אַרבעט און דאָס וואָרט האָט באַקומען אַ יונגע חברטע, אַ פאַרשטייערין פון אַ ישוב וואָס ליגט ביי דער גרענעץ פון עזה־פּאַס. פאַרשטייט זיך, אַז בר־יהודה האָט געהאַט וואָס צו זאָגן וועגן די אויספירער פון דער סאָוויעטישער רעוואָ־לוציע. ווי עס זאָל ניט זיין — האָבן זיי דאָך אים איינגעזעצט אין תּפיסה און פאַרטריבן קיין סיביר צוליבן „חטא" וואָס ער איז געווען אַן אַקטיווער ציוניסט אין דער רחבותדיקער מדינה.

אין אויגוסט 1925, אויפן 14 טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין, וווהין כ'בין געקומען ווי אַ חבר פון דער חלוץ־דעלעגאַציע אין פּוילן, האָב איך צום ערשטן מאָל באַגעגנט ישׂראל אידעלסאָנען, דער שפּעטערדיקער בר־יהודה: מיטלוווקס, דאַר און באַברילט, אַן אָנגענעמער און געלאַסענער מיטשמועסער, נאָר מיט אַ שאַרפן לשון. די דאָזיקע אייגנשאַפט האָב איך אין אים אויך שפּעטער געפונען, אין משך פון די יאָרן ווען מיר זיינען געווען גאָר נאָענטע פריינד: אַריסטאָקראַטישקייט און אידלקייט אין זיין באַציִונג צו מענטשן, אַ שפּראַך אָבער אַ בייזע, אַ „יאַזשיקע", ווען ס'איז געגאַנגען אין פאַרטיידיקן זיינע אמתן און פּרינציפּן.

אין עטלעכע חדשים אַרום האָב איך אים ווידער באַגעגנט אין פּתח־תקווה. ווו ער איז געווען סעקרעטאַר פון מועצת הפּועלים. כ'האָב גלייך, ווי על פּי נס, געפונען מיט אים אַ געמיינזאַמע שפּראַך.ביידע זיינען מיר אַריינ־געטאָן געווען אין דעם ווירוואַר פון ביטערע און שווערע קאַמפן פאַר יידי־שע אַרבעט, גלייך די אַרבעטער און די פּויערים פון דער מושבה וואָלטן געשטאַנען אין אַנטקעגנאיבערדיקע זייטן פון אַ טיפן תהום.

דער רעוואָלוציאָנערער ברען, וואָס אידעלסאָן האָט מיטגעבראַכט פון רוסלאַנד, האָט געריכטעט דעם אופן פון זיין קאַמף, וואָס האָט ניט אַלע מאָל געשטימט מיט דער טאַקטיק פון די הסתדרות־מנהיגים און פון איר מז־כיר, בן־גוריון, בפרט. צוזאַמענשטויסן מיט דער פאָליציי און זיצן אין תפיסה האָט אידעלסאָן באַטראַכט ווי „נאַטירלעכע" דערשיינונגען וואָס גע־הערן צו אַזאַ מין קאַמף, און בן־גוריון האָט געהאַלטן, אַז פאַר דער האַר־בער און שאַרפער פאַזע, דאַרף מען דורכמאַכן די פאַזע פון אויפקלערונגען און געווינען די עפנטלעכע מיינונג.

דער סוף איז געווען, אַז אידעלסאָן האָט באַשלאָסן צו דעמיסיאָנירן פון זיין אַמט.

כ'האָב זיך באַמיט אָפּצוהאַלטן אים פון דעם שריט און אַ סך מאָל אָפּע־לירט ער זאָל חרטה האָבן; כ'האָב זיך אָבער אָנגעשטויסן אויף זיין עקשנות, וואָס האָט פאַרמאָגט אויך אַ פּערזענלעכן יסוד, אָבער דער עיקר אַ פּרינציפּי־עלן. ער איז ניט געווען בכוח איינצוגיין אויף קאָמפּראָמיסן, ווען ס'איז גע־גאַנגען אין וויכטיקע, אידעיִשע גרונטטעזעס; איך מיין, אַז דאָ האָט אויך געווירקט זיין פּערזענלעכער אינטעלעקטועלער יושר, וואָס איז געווען טיף פאַרוואָרצלט און האַרט ווי אַ שטיין.

צום שלוס פון דעם פראַגמענט וויל איך נאָך צוגעבן עטלעכע ווערטער וועגן דער בריטישער קולטור, וואָס האָט געשאַפן דעם באַגריף „דזשענטל־מען", וואָס דער אָנגענומענער עטיקעט און גלאַטער לשון זיינען פון אירע קענצייכנס — יעדנפאַלס, כלפּי די „נייטיוס" פון אונדזער לאַנד.

וועט איר דאָך פרעגן: וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס מיט בר־יהודהן? ובכן, נאָך איינעם פון די צוזאַמענשטויסן מיט דער בריטישער פאָליציי ביי די געשלאָסענע פּרדס־טויערן, האָט מען אַרעסטירט אידעלסאָנען מיט נאָך צוויי חברים פון סעקרעטאַריאַט פון מועצת הפּועלים אין פּתח־תקווה און מ'האָט אים געגעבן אין יפו אַ צייטווייליקן שיכון אויפן חשבון פון ענג־לישן קעניג. און אַזוי ווי די ענגלענדער האָבן געירשנט די מינהגים פון די טערקן, די פריִערדיקע באַלעבאַטים פון לאַנד, פלעגן זיי אַריינטראָגן אין צעל אויף נאַכט אַ פאַמעשאַף, צום געברויך פון די אַרעסטאַנטן. אידעלסאָן איז אויפגעבראַכט געווען פון דעם באַרבאַרישן מינהג.

דער פּסק־דין מ'זאָל אידעלסאָנען באַפרייען איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן איינס אַזייגער ביי נאַכט און, נעמענדיק אין אַכט די שפּעטע שעה, האָט דער ריכטער געמאָלדן, אַז אידעלסאָן זאָל איבערנעכטיקן אין תפיסה, זייענדיק איבערצייגט, אַז „אין טורמע וועט מען זיך צו אים באַציִען מיט דער מידה פון הכנסת־אורחים". אין דער פרי, ווען מ'האָט אים אַרויסגעפירט פון

צעל און געמאָלדן, אַז ער איז פריי, האָט אים אַ פּאָליציאַנט באַפוילן אַרויס־צוטראָגן דעם פּאַמעשאַף; ווען אידעלסאָן האָט זיך אָפּגעזאָגט, טענהנדיק אַז ער איז שוין באַפרייט, האָבן אים די אַראַבישע פּאָליציאַנטן מכבד געווען מיט מכות רצח. נאָכן אומקערן זיך אין פּתח־תקווה, האָט זיך אידעלסאָן גע־וואָנדן שריפטלעך צום בריטישן קרייז־אַדמיניסטראַטאָר מיט אַן אָנקלאָג און געפאָדערט, אַז די פּאָליציאַנטן וואָס האָבן אים געשלאָגן זאָלן געמישפּט ווערן, אָדער ער זאָל אים געבן דאָס רעכט אָנצוקלאָגן זיי פאַרן געריכט. אין דריי וואָכן אַרום האָט ער באַקומען פאָלגנדיקע שריפטלעכע תשובה:

צום הער י. אידעלסאָן

סעקרעטאָר פון אַרבעטער־ראַט פּתח־תקווה

מיין הער

איך האָב דעם כבוד אייך צו ענטפערן אויף אייער בריוו פון ערשטן יאַנואַר 1928, ווו איר באַקלאָגט זיך אויף דער אומגעזעצלעכער אויפ־פירונג אין דער צייט ווען איר זייט געווען פאַרהאַלטן אין אַרעסט, אין יפו.

דער קרייז־אינספּעקטאָר האָט מיר צוגעוויזן געגעבן אַז איר זייט באַ־פרייט געוואָרן מיטן מאָמענט ווען ס׳איז דערהאַלטן געוואָרן דער באַ־פרייונגס־באַפעל פון געריכט, און ביז דער באַפרייונג שטייען אַלע אַרעסטאַנטן צו דער דיספּאָזיציע פון אַרבעטסאַמט „אין איינקלאַנג מיט די תפיסה־תקנות״, און היות איר האָט זיך אָפּגעזאָגט אָפּצוטאָן די אַרבעט וואָס איז אויף אייך אַרויפגעלייגט געוואָרן, האָט מען זיך באַנוצט מיט אַ גענוגנדיקן כוח כדי אייך צו באַוועגן צו אייער אַר־בעטס־פּלאַץ.

איך האָב דעם כבוד, מיין הער,

אייער געטרייער דינער

י. א. קעמפּבעל

הויך־קאָמיסאַר פון דרום־קרייז

22.1.28

מיטן דערהאַלטן דעם בריוו האָט אידעלסאָן פאַרשטאַנען, אַז עס האָט ניט קיין זין צו פאַרנעמען זיך מיט „זיין געטרייען דינער״, הויך־קאָמיסאַר פון דרום־קרייז, אָבער ער איז דאַנקבאַר געווען פאַר דער לעקציע, וואָס ער האָט באַקומען אין ענינים פון צביעות און עטיקעט.

אידעלסאָן האָט זיך אומגעקערט צו זיין פונקציע אין פּתח־תקווה, אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער דעמיסיאָנירט און זיך גענומען אַרומ־קוקן נאָך אַ טאָג אַרבעט, כדי אויסצוהאַלטן ניט נאָר זיך, נאָר אויך זיין

פּרוי און טאָכטער. ער האָט געאַרבעט אויפן כביש פּתח־תקוה—תל־אביב. די פיזישע אָנשטרענגונג איז אָבער ניט געווען פאַר זיין געזונט־צושטאַנד, וואָס איז באַשעדיקט געוואָרן פון זיינע ליידן אין ראַטן־פאַרבאַנד און וואָס האָט אים פּאַקטיש באַגלייט ביזן טויט.

***

נאָך זיין צושטיין צום קיבוץ יגור — האָב איך געטראָפן גאָר אַן אַנדערן אידעלסאָן. ער איז געווען אין אַ געהויבענער שטימונג, ווי ער וואָלט זוכה געווען צו דער פאַרווירקלעכונג פון אַ חלום. געאַרבעט האָט ער אין וויינגאָרטן און ס'איז קענטיק געווען, אַז זיין געזונט־צושטאַנד איז אין אָרדענונג. אין קעגנזאַץ צו די ספקות פון חברים, האָט ער זיך שנעל אַקלימאַטיזירט און פאַרוואָרצלט, געווען אַקטיוו, און האָט זיך פאַרוואַנדלט אין איינע פון די בולטסטע געשטאַלטן אין דער סביבה פון יגור.

געווען איז דאָס אין פּעריאָד פון די שטורמישע וויכוחים איבערן פאָרשלאָג צו פאַראייניקן דעם קיבוץ מיט דער פלוגה, און אידעלסאָן האָט אין זיי אַקטיוו אָנטייל גענומען. שפּעט ביי נאַכט, נאָך אַ שטורמישער אסיפה, בין איך פאַרבליבן אין זיין צימער און מיר האָבן פאַרגעזעצט שמועסן. פּלוצעם האָב איך דערשפּירט ווי טיף ער איז פאַרוואָרצלט אינעם אָרט און אין קיבוץ בכלל. אים האָט באַגייסטערט די וויזיע פון אַ פאַראייניקטן און גרויסן קיבוץ יגור, כאָטש ער האָט פאָרויסגעזען די שוועריקייטן, וואָס וועלן אַרויסשווימען אין דער טאָג־טעגלעכער גרויקייט, נאָך דער פייערלעכער פאַראייניקונג. ער איז געווען טריי צו זיך: זייענדיק אַ מענטש פון ברייטע האָריזאָנטן, האָט ער מיט דער זעלבער מאָס געזען אויך די קליינלעכקייט פון וואָכעדיקע טעג, און ער האָט זיך באַצויגן צו די צוויי קאָנטראַסטן מיט דער זעלביקער מיושבדיקייט און ערנסטקייט.

***

ווי אַ סך פון זיין דור, האָט בר־יהודה געזען אין דער פּאַרטיי אַן אומצעשיידבאַרן טייל פון זיין פּערזענלעכן לעבן. מיר האָבן אַלע געגלייבט אין דער פּאַרטיי, ווי זי וואָלט אונדז געדינט ווי אַ היים.

ווען נאָך דער מלחמה האָב איך זיך אומגעקערט אַהיים, האָב איך געפונען די פּאַרטיי מפא״י אַ צעגלידערטע. בר־יהודה האָט אַמטירט ווי דער מזכיר פון אחדות־העבודה—פּועלי־ציון, ניט קיין גרויסע פּאַרטיי, אַן רעסורסן און אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע כלים. באַלד ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט ער מיר פאָרגעלייגט איך זאָל אין נאָמען פון דער פּאַרטיי אָנטייל נעמען אין

דער ערשטער מגבית־דעלעגאַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן. כ'האָב זיך שטאַרק קעגנגעשטעלט מאָטיווירנדיק, אַז במשך פון פינף יאָר בין איך ווייט געווען פון דער היים, ווייט פון דער מישפּחה און קיבוץ, אָבער מיין עקשנות איז ניט בייגעשטאַנען בר־יהודהס עקשנות. „אויב דו וועסט באַקומען אַ באַפעל אַנטייל צו נעמען אין דער שליחות (און אַזאַ באַפעל האָב איך טאַקע דערהאַלטן), קענסטו זיך ניט אָפּזאָגן, דו מוזט מקבל זיין דעם דין פון דער באַוועגונג".

„דער דין פון דער באַוועגונג", איך ווייס, אַז איצט איז דאָס ביי יונגע און ציניקער אַ חוזק־באַגריף. און איך קלייב זיך דאָ ניט צו דערקלערן, וואָס עס האָט אין אונדזער לעבן געמיינט — דער דין פון דער באַוועגונג, וויפל, און וועלכע מעשים ס'זיינען דורכגעפירט געוואָרן מיטן כוח פון אַ באַשלוס פון דער באַוועגונג. און ווער עס צווייפלט אין דער דאַזיקער אַנטשיידענער און היסטאָרישער עובדה, זאָל בר־יהודהס פאָלגנדיקע דערציילונג דינען אַלס עדות. דאָס האָט ער מיר, פאַר אונדזער געזעגענען זיך, אגב אורחא, דערציילט:

„אויף אַ זיצונג פון צענטראַל־קאָמיטעט פון צ. ס. אין רוסלאַנד איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אַ צייטונג פון דער באַוועגונג, און אַלע האָבן געטענהט, אַז עס איז אומבאַדינגט נייטיק, אַז אין ערשטן נומער זאָל דערשיינען אַ פּאַסיק ליד, וואָס זאָל אויסדריקן דעם גייסט פון אונדזער באַוועגונג און זאָל פאַרשאַפן דער צייטונג אַ פייערלעכן כאַראַקטער. ווו געפינט מען אָבער אַזאַ פּאַסיק ליד? האָט איינער פון די חברים פאָרגעלייגט, אַז איך, ווי דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר, זאָל זיך אַוועקזעצן און אָנשרייבן דאָס ליד. לכתחילה האָב איך געמיינט, אַז ער וויצלט זיך, האָט ער אָבער זיין פאָרשלאָג אַוועקגעשטעלט צו אַן אָפּשטימונג, און איינס און צוויי איז ער אַקצעפּטירט געוואָרן. און ווי מיינסטו? כ'האָב זיך אונטערגעוואָרפן דעם באַשלוס און דעם זעלביקן אָוונט האָב איך זיך אַוועקגעזעצט און, צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, האָב איך אָנגעשריבן דאָס געפאָדערטע ליד"...

„נו, אויב דער דין פון דער באַוועגונג דערגייט אַזוי ווייט" — האָב איך ביי זיך געטראַכט — „וועלן מיר קיין כוחות ניט סטאַיען אויסצוטענהן זיך". האַלב שטאַמלענדיק האָב איך זיך אונטערגעוואָרפן בר־יהודהס דין, וואָס איז פאַר מיר געווען, ווי דער דין פון דער באַוועגונג.

***

ווען די באַוועגונג האָט באַשלאָסן אַז בר־יהודה זאָל פאַרנעמען דעם אַמט פון אַ מיניסטער, זיינען אַ סך ניט צופרידן געווען. לויט זייער מיינונג, האָט

מען צוליב זיין שוואַכן געזונט, ניט געטאָרט אַרויפלייגן אויף אים אַזאַ שווערע גייסטיקע און פיזישע לאַסט. אין אַן אָפנהאַרציקן שמועס האָט זיך פאַר מיר בר־יהודה מודה געווען, אַז די פונקציע לאָקט אים און אַן דער עצם פאָרשלאָג פאַרשאַפט אים הנאה. „ס'קען גריילעך זיין, אַז די אויפגאַבע וועל איך אויספירן גאַנץ גוט, אָבער כ'טראַכט, אַז איך טאָר אויף זיך ניט נעמען אַזאַ אחריות צוליב געזונט־טעמים".

דעצידירט אין דער פראַגע האָט טאַבענקין, מאָטיווירנדיק, אַז דער דרוק און די אָנשטרענגונג, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער פונקציע פון אַ מיניס־טער, וועלן משפיע זיין צום גוטן אויף בר־יהודהס געזונט. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז טאַבענקין איז געווען גערעכט. און בר־יהודה אין דער ראָלע פון קאָמוניקאַציע־מיניסטער, און דער עיקר ווי דער אינערן־מיניסטער, האָט אַנטוויקלט אַ מער ווי געוויינלעכע טעטיקייט און איניציאַטיוו.

„בר־יהודה איז דער בעסטער אינערן־מיניסטער וואָס די מדינה האָט גע־האַט, און איז אַן אויסגעצייכנטער חבר אין דער רעגירונג" — האָט מיר געזאָגט יוסף שפּרינצאַק, נאָך איינער פון זיינע אויפטריטן אין כנסת. בר־יהודה איז געווען, ווי באַקאַנט, אַ שאַרפער דיסקוטאַנט און האָט פאַרטיידיקט זיינע מיינונגען אָן פראַטעזשירונג און אָן חניפה — אויף יעדן געזעלשאַפט־לעכן פאָרום. ער איז געווען בן־גוריונס שאַרפער אָפּאָנענט, און בן־גוריון פלעגט זיך צו אים גוט צוהערכן, און געשעצט זיין שטעלונג און יושר.

***

אין מיין שמועס מיט בר־יהודה, וועלכן איך האָב טיילווייז געבראַכט, האָב איך אים געפרעגט:

„ווי באַציִען זיך צו דיר די חברים? צי פילסטו אַן ענדערונג זינט דו ביסט געוואָרן מיניסטער?"

און ער האָט מיר אויפריכטיק געענטפערט:

„צום באַדויערן, יאָ. ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך ביי אונדז, אין קיבוץ, זיינען דאָ מענטשן, וואָס רעכענען זיך זייער מיט אַ טיטל... פון דעסט וועגן, דעם אמת זאָגנדיק, איז דאָס ניט גלייך צו דעם וואָס עס געשעט מחוץ דעם קיבוץ. דאָרט טייטלט מען אויף דיר מיטן פינגער... אויב דו מיינסט אַז דאָס איז אָנגענעם, האָסטו אַ טעות..."

„פאַראַן אַזעלכע וואָס טענהן — האָב איך זיך אָפּגערופן — אַז אונדזערע מיניסטאָרן זיינען אַמאַטאָרן, עקסטערניסטן, אַז זייער גאַנצע בילדונג קומט ניט פון אוניווערסיטעטן, און אַז אין אונדזערע רעגירונגען זיינען דאָ צו ווייניק דאָקטוירים און אַקאַדעמיקער... צי ווייזט זיך דיר מיט אַן אמת אויס,

אַז דאָס שטערט אונדזערע מיניסטאָרן אויסצופירן זייערע פונקציעס ווי ס׳געהער צו זיין?"

„כ׳ווייס ניט צי דער פאַקט איז טאַקע אַזוי ווי מ׳שטעלט אים פאָר, נאָר אויב איך קען אורטיילן וועגן ניוואָ פון מענטשן, גלייב איך ניט, אַז דאָס איז אַ דעצידירנדיקער פאַקטאָר. יעדן פאַלס בין איך חושד עטלעכע מיניס־טאָרן, אַז ערגעץ־ווו באַהאַלטן זיי אויס אַ דיפּלאָם... און ביי דער געלעגנהייט וועל איך דיר אויך עפּעס דערציילן, וואָס כ׳בין ניט זיכער, אַז דו ווייסט פון דעם... למשל, אַז איך, בר־יהודה, געוועזענער אידעלסאָן, האָב געלערנט אין אַ טעכנישער מעטאַלורגישער הויכשול, און ווען איך וואָלט געוואָלט, וואָלט איך געקאָנט זיין אַן אינזשעניער פון שאַכטעס אָדער אַן אינזשענ־יער ביי נאַפטזוכן".

„כ׳בין זיך מודה, אַז כ׳האָב פון דעם ניט געוווּסט און אַז ס׳איז מיר אַזוינס אפילו ניט איינגעפאַלן" — האָב איך געענטפערט. „מיך אָבער באַשעפטיקט אַן אַנדער שאלה, וואָס דיר זעט זי ניט אויס צו זיין וויכטיק, און פאַר מיר אויך ניט... צי איז דיר אַ מאָל אויסגעקומען אָנצוטאָן זיך אין דיפּלאָמאַטישע בגדים ממש, און ווי אַזוי האָסטו זיך דערביי געפילט?"

„גוט... ביי מיר אין שאַפע הענגט אַ פראַק, וואָס מ׳האָט ספּעציעל אויפ־גענייט, ווען כ׳בין געפאָרן קיין אַרגענטינע רעפּרעזענטירן אונדזער מדינה ביים קרוינען דעם פּרעזידענט... כ׳האָב דעמאָלט אויך באַקומען אַ צילינ־דער, מיר איז אָבער געלונגען ניט אָנצוטאָן אים אפילו איין מאָל... אָ, זיי מוחל... איין מאָל האָב איך אים יאָ אָנגעטאָן, פּורים, אויף אַ מאַסקנבאַל אין יגור..."

פון לייק־סאַקסעס ביזן מוזיי פון תל־אביב

אין לייק־סאַקסעס זיינען מיר אָנגעקומען צו דער באַשטימטער צייט און פאַרנומען אונדזער פּלאַץ אין דער לאָזשע פון די געסט, אין גרויסן פּלענום־זאַל פון אונ"אָ. זייער אַ סך ייִדן זיינען געווען אין זאַל, וואָס איז פול געווען פון ברעג צו ברעג. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם האָבן מיר נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פון דער אָפּשטימונג, געמאַכט חשבונות, ניט דורכגעלאָזט קיין שטים פון די ניינזאַגערס און פון די יאָזאָגערס; מיט אַ געהאַמעוועטן כעס אָדער פאַרוווּנדערונג באַגלייט יעדע מדינה, וואָס האָט זיך אַנגעשלאָסן צו די אָפּגעהאַלטענע, און מיט אַן אָנגעשפּאַנטן ציטער געוואַרט אויף דער רגע, ווען ס'וועט געמאָלדן ווערן דער רעזולטאַט פון דער אָפּשטימונג.

ביז ס'איז געפאַלן די דעציזיע און אַ דונער פון אַפּלאָדיסמענטן האָט פאַרטויבט די אויערן און צעפלאַקערט די הערצער. אַלע שטייען, מ'האַלדזט זיך, מ'קושט זיך, פילנדיק די וויכטיקייט פון דער רגע, אין וועלכער דער חלום פון דורות און דער באַגער פון די קעמפער האָט דערגרייכט די שוועל פון רעאַליזירונג.

מ'וויינט — טרערן פון אומענדלעכער פרייד, פון כשר פאַרדינטן זכות. אין מיין זכרון שווימען אויף די טעג און שעהען פון דעם לאַנגן וועג, וואָס האָט זיך געצויגן ביז דעם איצטיקן מאָמענט. איך דערמאָן זיך די גרוילטעג אין רמת הכובש, דעם צוריקקער פון גריכנלאַנד, די באָמבאַרדירונג פון קרעטאַ, די לאַנגע שעהען פון דערוואַרטן דאָס סאַמע ערגסטע אויפן אינדזל מילאָס, די וואַרשיינלעכקייט, אַז כ'וועל ניט דערלעבן צו זען מיינע קרובים און פריינד. איז דען מעגלעך געווען, געפינענדיק זיך אין דער סכנה פון געפאַנגענשאַפט און אומקום, צו דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז איך וועל אַרויסגיין אַ גאַנצער פונעם קאַשמאַר, וועל נאָך פאַרזעצן מלחמה האַלטן און זען מיט די אייגענע אויגן די מפּלה פון דער נאַצישער הידרע?

צי האָב איך דען געקענט גלויבן, אפילו אין די רגעס פון דער סאַמע געוואַגסטער פאַנטאַזיע, אַז בלויז אין דריי יאָר אַרום וועל איך בייזיין אויף דער פייערלעכער זיצונג פון פּלענום פון די פאַראייניקטע נאַציעס, צווישן אַנדערע פאַרשטייער פון קעמפנדיקן ייִדישן ישוב, ווען ס'וועט אָנגע־

נומען ווערן דער באַשלוס, וואָס זאָגט אָן די גרינדונג פון דער אויסגעחלומ־טער ייִדישער מדינה?

אַ היפּשע צייט האָט אָנגעהאַלטן דער ציטער וואָס האָט מיך ווי אַלעמען אַרומגעכאַפּט, ביז כ׳האָב זיך עטוואָס באַרויִקט פון דעם אומגעהייערן געפיל און געפּרוּווט אַרויפצווינגען לאָגיק אויף מיינע צעווילדעוועטע געדאַנקען. ביסלעכווייז האָט מיך באַהערשט דער באַוווסטזיין וועגן דעם באַטייט פון די געשעענישן, פון וועלכע איך בין אַן אַקטיווער עדות. ניין, ניט צוליבן חסד פון פעלקער און מדינות האָט מען געשאַנקען דעם ייִדישן פאָלק — וואָס האָט פאַרלוירן 6 מיליאָן זין און טעכטער — אַן אייגענע מדינה. ניט אַ דאַנק זייער גרויסמוטיקייט האָבן מיר צו דעם זוכה געווען, נאָר מיטן כוח פון דער קרבנות־גרייטקייט פון דורות חלוצים, דורות פון קעמפער און טרוימער. און צום סוף — דער פאַרביטערטער קאַמף פון ייִדישן ישוב אויפן פראָנט קעגן די נאַציס און, גלייכצייטיק, דער ענערגישער געראַנגל קעגן דער ענגלישער פאַררעטערישער פּאָליטיק פון „ווייסן בוך״; דאָס אַלץ, אין איינעם, האָט דעצידירט און דערפירט צום היסטאָרישן באַשלוס פון דער גרויסער שעה, וואָס האָט אונדז אַזוי צערודערט...

***

אין די פאַראייניקטע שטאַטן בין איך געקומען מיט עטלעכע וואָכן פריִער צוזאַמען מיט אבא חושי. מיר זיינען געווען חברים פון דער דעלעגאַציע פאַר דער מגבית פון דער הסתדרות. די דעלעגאַטן דן פינעס און מנחם באַדער זיינען געקומען פאַר אונדז.

נאָך אַן איבעררייס פון פינף מלחמה־יאָרן, וואָס כ׳האָב „פאַרבראַכט״ אויף די פראָנטן, ווייט פון ארץ־ישראל, איז מיר ניט לייכט געווען אומצוקערן זיך צו געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. איצט בין איך מיט אַ מאָל אַריינגעשליי־דערט געוואָרן אין דער אויסשעפּנדיקער אַרבעט פון לאַנגע נסיעות און באַגעגענישן מיט ייִדן אין דער לענג און ברייט פון דעם ריזיקן קאָנטינענט, אַן אַרבעט וואָס האָט זיך געצויגן שעהען לאַנג, פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט.

און דאָס אַלץ — אינעם פּעריאָד פון דער גרויסער שפּאַנונג און דער פאַר־שאַרפטער שפּירונג פון טעג און שעהען, ווען דער גורל פון לאַנד און פון פאָלק ליגט אויף דער וואָגשאָל. אין ניו־יאָרק אַרבעט טאָג און נאַכט די פּאָליטישע קאָמיסיע פון דער ייִדישער אַגענץ, צו וועלכער ס׳געהערן ד״ר ווייצמאַן, הלל סילווער, עמנואל ניומאַן, משה שרת — דעמאָלט שערטאָק — און אַנדערע, וואָס רעפּרעזענטירן דאָס ייִדישע פאָלק אין די שווערע און

אויסמאַטערנדיקע אונטערהאַנדלונגען מיט אַן אַ סוף אינטערנאַציאָנאַלע פאַקטאָרן. צו זייער דיספּאָזיציע שטייט אַ גרופּע בייהעלפער, קאָמפּעטענטע אין פּראָבלעמען פון התישבות, ערד, וואַסער און אַנדערע ענינים, וואָס שווימען אַרויס אין די געשפּרעכן מיט פריינד און אומפריינד.

איך בין צוגעקאָפּטירט געוואָרן צו דער פּאָליטישער קאָמיסיע, וואָס האָט געלעבט אין שרעק און שטייגנדיקער שפּאַנונג! וואָס נענטער ס׳האָט זיך צוגערוקט די שעה פון דער אָפּשטימונג, אין דער אַטמאָספער פון עקסטרע־מע וואַריאַציעס און ראַנגלענישן, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין אונ״אָ גופא און הינטער די קוליסן, וועגן די רעכט פון יידישן פאָלק אויפצובויען זיין הויז אין זיין אַלטערטימלעך לאַנד, איז געשטיגן אונדזער אומרו.

אין אַזאַ אַ מצב בין איך געקומען צו דער אָפּשטימונג, וועמעס זכר עס צערודערט מיר דאָס האַרץ עד היום.

**
*

מיר האָבן פאַרלאָזן דעם זאַל, מיטגעשלעפּט פון אַ מענטשן־שטראָם, וואָס האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. די גאַסן פון ניו־יאָרק זיינען פול געווען מיט מאַסן יידן, וואָס האָבן געוואָלט אויסדריקן זייערע פרייד־געפילן. דער עולם האָט זיך געצויגן צום קאָלאָסעום־סטאַדיאָן, און מיר צווישן זיי. אַלע גאַסן וואָס זיינען געלעגן ניט ווייט פון קאָלאָסאַלן זאַל, זיינען אָנגעפּראָפּט געווען מיט טויזנטער יידן.

מיט דער הילף פון דער פּאָליציי און די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פּייערל־עכער אַקאַדעמיע, איז אונדז געלונגען אַריינצובאַקומען זיך אין זאַל, ווו ס׳זיינען שוין געווען ווייצמאַן, משה שרת און הלל סילווער. אָבער די גוואַל־דיקע אויפרודערונג, דער גרויסער עולם וואָס האָט באַלאַגערט די טירן, און דער טומל וואָס האָט זיך געטראָגן פון די נאָענטע גאַסן, האָבן ניט דער־מעגלעכט עפענען די פייערונג. ס׳איז ניט געווען קיין אַנדער ברירה ווי צו אימפּראָוויזירן אַ פאַרזאַמלונג אויך אין דרויסן פאַר די מאַסן, וואָס דער זאַל האָט ניט געקענט אַריינגעמען. די פליכט צו זיין די רעדנער אויף דער פאַרזאַמלונג, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען אויף איינע פון די נאָענטע גאַסן, איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף בערל לאָקער און אויף מיר.

ווי קריגט מען זיך אָבער אַרויס פון זאַל און ווי וועט מען אונדז הערן אין גוואַלדיקן טומל, וואָס פאַרטויבט די אויערן? אַ גרופּע פּאָליציאַנטן, צווישן זיי אויך יידישע, האָבן אונדז אַרויסגעטראָגן דורך אַ הינטערטיר אויף זייערע אַקסלען, אַריינגעזעצט אין אַ פּאָליציי־מאַשין, פאַרזען מיט אַ מעגאַ־פאָן, און פון דאָרט האָבן מיר גערעדט. „רעדט צו די יידן״ — האָבן אונדז

געזאָגט די ייִדישע פּאַליציאַנטן — „ס'איז אַ גרויסער יום־טוב".

ערשט נאָך דעם ווי לאַקער און איך זיינען פאַרגעשטעלט געוואָרן פאַרן עולם ווי חברים פון דער ארץ־ישראלדיקער דעלעגאַציע צום פּלענום פון אונ"אַ, האָט זיך דער קהל אַ ביסל באַרויִקט און מיר האָבן געקענט אָנהייבן ריידן. אין דער זעלבער צייט האָבן זיך דערטראָגן פון קאָלאָסעום די רייד פון ד"ר ווייצמאַן, סילווער און שרת, וואָס זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט ברויזנדיקע אָוואַציעס פון דעם צערודערטן און צעהיצטן עולם. דערנאָך האָבן צענדליקער טויזנטער ייִדן געזונגען די „התקווה" אַזוי, אַז ניו־יאָרק האָט נאָך אַזוינס ניט געהערט. און באַלד האָבן זיך די מאַסן איינגעשאָלסן אין טענץ מיט אַ מין ייִדישן עקסטאַז, וואָס אַנטפּלעקט זיך בלויז אין ספּעציעלע מאָמענטן אין דער געשיכטע פון דעם דאָזיקן פאָלק.

בלויז דער, וואָס האָט זוכה געווען צו געפינען זיך צווישן דעם דאָזיקן המון ייִדן, קען באַגרייפן — וואָס הייסט אַ ייִדישע נשמה, און ווי טיף און שטאַרק עס איז די בענקשאַפט נאָך גאולה, וואָס איז געפלעגט געווען אין הארץ פון דער נאַציע במשך הונדערטער און טויזנטער יאָרן. דאָ האָט זיך אויסגעדריקט די ייִדישע סאָלידאַריטעט, וואָס צו איר איז קיין גלייכן ניטאָ צווישן אַלע פעלקער פון דער וועלט, אַ סאָלידאַריטעט וואָס האָט דאָ אויס־געבראָכן אין מעכטיקע כוואַליעס פון די נשמה־טיפענישן.

ערשט פאַרנאַכט האָט דער צערודערטער קהל אָנגעהויבן לאַנגזאַם פונאַנ־דערצוגיין זיך. אַ סך זיינען פאַרבליבן און געטאַנצט דורך נאַכט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די מאַסן ייִדן האָבן זיך אין די שעהען צוגעבונדן מיט אומענד־לעכער אחריות צום גורל פון זייער פאָלק און פאַרהאַרטעוועט זייער כוח אַנטקעגן די נסיונות, וואָס האָבן אונדז דערוואַרט אין די קומענדיקע טעג.

איז דען אַ וווּנדער וואָס די שעהען האָבן מיר געלעבט ווי אין אַ חלום?

***

אויך נאָך דער אָפּשטימונג און דעם באַשלוס האָט די פּאָליטישע קאָמיסיע פון דער אַגענץ פאַרגעזעצט איר טעטיקייט. ביז דעם טאָג, ווען מ'האָט גע־דאַרפט פּראָקלאַמירן די אַנטשטייונג פון מדינת ישראל, האָט זיך געפאָדערט אַ פאַרשיידנאַרטיקע און פאַרצווייגטע טעטיקייט; די דאָטע איז געווען ניט ווייט, טאָג־טעגלעך זיינען אַרויסגעשפּרונגען שטרויכלונגען און שטערונגען, וועלכע מ'האָט געמוזט באַזייטיקן.

דרויסנדיקע פאַקטאָרן און מענטשן פון אינעווייניק ,פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און ישוב האָבן אַרויסגערוקט זייערע ספקות און באַוואָרענען בנוגע דער צייט און טערמין פון פּראָקלאַמירן די אומאָפּהענגיקייט.

אויף איינער פון די זיצונגען פון דער פּאַליטישער קאָמיסיע האָט משה שרת איבערגעגעבן וועגן זיינע געשפּרעכן מיטן גענעראַל מאַרשאַל, דעמאָל־טיקער מיניסטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אַ מאַן, וועמעס השפּעה אין דער אַמעריקאַנער רעגירונג איז געווען זייער גרויס. די ספקות, וועלכע ער האָט אויסגעדריקט פאַר משהן, האָבן ניט זעלטן געשמעקט מיט וואָרענונג. לויט זיין מיינונג, טאָר מען זיך ניט איילן פּראָקלאַמירן די אַנטשטייונג פון דער מדינה. די זאָרג פון אַן ערנסטן אַנגריף אויף דער יונגער מדינה, וואָס ליגט נאָך אין די ווינדעלעך, מצד אַלע אַראַבישע מלוכות צוזאַמען, האָט גע־האָט אויף וואָס זיך סומך צו זיין. יעדע פּריציפּיטיקע פּראָקלאַמירונג פון דעם מין איז פאַרבונדן מיט דער סכנה פון ברענגען אַ חורבן אויפן ייִדישן ישוב אין ארץ־ישראל.

יענער טאָג געדענקט זיך מיר אַזוי קלאָר, ווי אַלץ וואָלט ערשט נעכטן געשען. אין חלל פון צימער האָט זיך געשפּירט אַ שווערע אַטמאָספער, ווי דער גורל פון דער דאָזיקער שעה וואָלט געהויערט אויף די פּלייצעס פון יעדן איינעם, וואָס באַטייליקט זיך אין דער זיצונג. מיט שפּאַנונג הערט מען זיך צו צו משהס רייד, וואָס ווערן איבערגעגעבן מיט זיין לויטערן קול. יעט־ווידער איינער מאַכט אין האַרץ און געוויסן דעם חשבון הנפש פון דעם מאָ־מענט, פון זיינע וואונדערלעכע אויסזיכטן און שרעקלעכע סכנות. ענדלעך באַשליסט די מערהייט פון דער קאָמיסיע צו האַלטן זיך ביי דער דאַטע, וואָס איז באַשטימט געוואָרן אין ירושלים.

נאָך דער זיצונג האָט משה געדאַרפט אַפּפּליען אַהיים כדי צו ראַפּאָרטירן וועגן זיינע געשפּרעכן מיט מאַרשאַלן און וועגן באַשלוס פון דער פּאַליטי־שער קאָמיסיע. ער איז אָבער איילִיק אַרויסגערופן געוואָרן צו מאַרשאַלן. „די ענגלענדער, וואָס געפינען זיך אין דער סטאַדיע פון אָפּטרעטן, ווען זייער מאַכט אין לאַנד האַלט ביים צעפאַלן זיך, סטראַשן — דערציילט אים דער גענעראַל — אַז זיי זיינען גרייט צו שטעלן זיך אויף דער זייט פון די ארץ־ישראלדיקע אַראַבער ,אין זייער קאַמף קעגן דער גרינדונג פון אַ ייִדישער מדינה".

ער געפינט פאַר זיין חוב, אין דער לעצטער רגע, דערקלערט מאַרשאַל — צו וואָרענען אונדז. „נאָך דעם ווי איר האָט פאַרלוירן זעקס מיליאָן ייִדן אין דער שואה, איז דאָך אייער אחריות פאַרן לעבן פון די 600 טויזנט ייִדן אין ארץ־ישראל פילפאַכיק געשטיגן. און אויב אַזוינס וועט, חלילה, געשען, וועט דאָך נעמען אַ סוף צו דער לעצטער האָפענונג פון ייִדישן פאָלק..."

ער האָט ווידער מזהיר געווען פאַר דער איילִיקייט און האָט אַפּעלירט צו אַ ניכטערן איבערלייגן זיך.

ווי געזאָגט, האָט משה געזאָלט אַפּפּליען, ווען ער איז ווידער אַרויסגערופן געוואָרן צו מאַרשאַלן.

ערשט נאָך אַ סך מי און שתדלנות איז געלונגען צו קריגן פאַר אים אַ פּלאַץ אין אַן עראָפּלאַן. דער פּלוצעמדיקער געשפּרעך מיט מאַרשאַלן, וועלכער האָט איבערגעגעבן וועגן די אינטריגעס פון די ענגלענדער, האָט געדראָט צו פאַרהאַלטן, און אפילו מבטל צו מאַכן משהס אַפּפּלי, צוליבן מאַנגל פון אַ וועלכער ניט איז וואַרשיינלעכקייט צו קריגן אַ פּלאַץ אין אַן עראָפּלאַן. מאַרשאַל האָט אָבער געגומען אויף זיך באַזאָרגן אַ קאָמוניקאַציע פאַר משהן, פאַר זייער באַגעגענען זיך.

פאַר זיין אַפּפּלי האָט נאָך משה באַוויזן, ווי געזאָגט, איבערצוגעבן דער פּאָליטישער קאָמיסיע דעם אינהאַלט פון מאַרשאַלס וואָרענונג.

ניט געקוקט אויף אַלע אזהרות איז די פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה פאַרגעקומען אין דער באַשטימטער צייט. און אַלץ וואָס עס האָט פּאַסירט נאָכדעם, איז דאָך פאַרשריבן און געחתמעט געוואָרן מיט אותיות פון פייער און בלוט אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק.

„דער וואַנדערנדיקער ייד"

ס'איז נאָך ניט געווען שפּעט ווען מיר האָבן יענעם אָוונט פאַרלאָזן ד"ר גאָלדמאַנס שטוב. געווען זיינען מיר באַדריט — בר־יהודה, ציזלינג ז"ל און מיין וויניקייט. געשען איז עס אין איינעם פון די טעג, ווען ס'קומט זיך צו־נויף דער ציוניסטישער ועד־הפועל אין ירושלים, און מיר זיינען איינגעלאַדן געוואָרן צום חנוכת־הבית פון הויז וואָס גאָלדמאַן האָט אויפגעשטעלט, אַ פּאַלאַץ, מיט גרויסע זאַלן, וואָס זייערע ווענט האָבן באַשיינט טייערע ביל־דער פון די באַרימטסטע מאָלער אין דער וועלט, אַ שפע פון רייכקייט און פּראַכט, סטיליזירטע מעבל, קאָלירטע טעפּיכער, קינסטלערישע גאַבעלענעץ; אַ באַרוישנדיקע אויסשטעלונג, נאָר צוגעגרייט מיט אַ סך געשמאַק.

„סך־הכל נאָך אַ קאָקטייל־וויזיט" — האָט ציזלינג באַמערקט ווען מיר זיינען שוין געווען אין דרויסן, „ניט מער און ניט וויניקער... על כל פּנים, אין פאַרלויף פון גאַנצן אָוונט האָב איך קיין איין רגע ניט געפילט, אַז איך געפין זיך אין הויז פון דעם נשיא פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע..."

ציזלינג האָט דערמיט אויסגעדריקט אונדזער בשותפותדיק געפיל אין דעם מאָמענט. ניט ווילנדיק, האָב איך זיך דערמאָנט אין די באַגעגענישן מיט דאָק־טאָר חיים וויצמאַן. צי אין מגדיאל, בשעת דער גרויסער אַרבעטסלאָזיקייט אין שרון, צי אין רחובות נאָך די געשעענישן פון 1936. האָסט תמיד געפילט די איידעלע גייסטיקייט, די לאַסט פון אחריות, וואָס רעפלעקטירט פון דעם געהויבענעם מאָן, אפילו ווען דער אינהאַלט פון געשפרעך איז געווען אַ לייכטער... און דאָ, ביי דער באַגעגעניש מיט נחום גאָלדמאַן, האָט עפּעס אַ גלותדיקע אייגנטימלעכקייט טיף געשטעקט אין דער געשטאַלט פון דעם „וועלטמענטש".

אַ סך יאָרן האָט מען געפרעגט וווּ אייגנטלעך וווינט דאָקטאָר גאָלדמאַן. ס'איז געווען באַקאַנט, אַז ער לעבט אין אַמעריקע, אַז ער האָט אַ „צווישן־סטאַנציע" אין שווייצאַריע, אָדער אין פראַנקרייך. אין ארץ־ישראל אָבער פלעגט ער קומען ווי אַ גאַסט איבערצונעכטיקן אין האָטעל „המלך דוד". ביז מיר זיינען איין מאָל געוואויר געוואָרן, אַז ד"ר גאָלדמאַן קומט סוף כל סוף זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל.

מיט דער צייט איז קלאר געווארן, אז ד״ר גאלדמאן האט געלייזט זיין ווי־נונגס־פראבלעם אין לאנד. אבער בסך־הכל איז דאס געווען בלויז נאך א הויז, וואס איז אים צוגעקומען צו די צוויי הייזער וואס ער האט פארמאגט אין די פאראייניקטע שטאטן און פאריז, און דער פארבינדלער צווישן זיי איז אן עראפלאן. ד״ר גאלדמאן האט פארגעזעצט צו וואנדערן איבער דער וועלט, און מיר האבן זיך איבערצייגט, אז מיר האבן זיך צוגעאיילט מיט די שבחים, אז ער האט געפונען זיין פלאץ אין ארץ־ישראל.

***

מען מוז מודה זיין, אז ד״ר גאלדמאן איז זייער באגאבט, און, צווישן אנ־דערן, באזיצט ער א טאלאנט צו געזעלשאפטלעכע באציִונגען, כאטש מיט דער צייט איז דער טאלאנט ניט געווען בכוח אויסצוטראגן אפילו זיין מיני־מאלע ציוניסטישע אויפפאסונג. אפילו ווען מיר זיינען געווען אין איין לא־גער, ביים רעאגירן אויף געוויסע דערשיינונגען איז געווען א גרויסע דיס־טאנץ צווישן אונדזער בויענדיקן ציוניזם און זיין סאלאן־ציוניזם...

למשל, ווען בן־גוריון האט פלוצעם פראקלאמירט, אז מיט דער אנט־שטייונג פון דער מדינה האט די ציוניסטישע באוועגונג פארענדיקט איר פונקציע. ס׳געדענקט זיך נאך די צערודערונג און שאדן וואס די דאזיקע דערקלערונג האט אריינגעבראכט אין דער ציוניסטישער באוועגונג, וואס האט זיך געראנגלט מיט איר שוואכקייט און מיט דער דעפיניציע פון אירע אויפ־גאבן אין דער נייערווירקלעכקייט, וואס איז געשאפן געווארן מיט דער אנטשטייונג פון דער מדינה. פאר אונדז, חברים פון קיבוץ און פון דער בא־וועגונג, איז קיין ברעקל ספק ניט געווען, אז כל זמן מיליאנען יידן געפינען זיך אין גלות, ווארט אויף דער ציוניסטישער באוועגונג א גרויסע דערציִע־רישע און ארגאניזאציאנעלע ראל ביים פארשטארקן די עליה און ביים שאפן א מאראלישן, פאליטישן און עקאנאמישן פונדאמענט פאר דער יונגער מדי־נה, וואס ראנגלט זיך מיט די שוועריקייטן פון איר אומאפהענגיקייט.

ד״ר גאלדמאן האט אויך געפרוווט אפווענדן בן־גוריונס אנגריף אויף דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, אבער דערביי האט ער ארויסגעוויזן, „פארשטענ־דעניש״ פאר די ציוניסטן, וואס ווילן ניט עולה־זיין... אין דער פראגע זיינען מיר דווקא געווען בן־גוריונס שותפים און ניט גאלדמאנס.

מ׳מוז אויך צוגעבן, אז די גאנצע צייט פון אונדזער טעטיקייט אין דער מחיצה פון ד״ר גאלדמאן, איז ניט געווען קיין לאנגווייליקע. פון צייט צו צייט האט עפעס פאסירט. אזוינס וואס האט אונטערגעשטראכן דעם מהלך צווישן אונדזערע און זיינע אנשויונגען, די אנשויונגען פון די, וואס פאר־

ווירקלעכן דעם ציוניזם מיט זייער אייגן לייב און לעבן. האָט ביי האַנט מיט זיין געבענטשטער טעטיקייט, ווי דער פּאַרגיטיקונגס־אַפּמאַך מיט דייטש־לאַנד, זיינען אויך געווען פאַלן ווען ער, דער יורש פון ד״ר ווייצמאַן, האָט זיך געשטעלט בראש פון מינימאַלסטן ציוניזם, וואָס איז צו קיין זאַך ניט מחייב.

ס'איז קיין וואונדער ניט, וואָס פאַר די יאָרן איז כאַראַקטעריסטיש געווען אָפּגעלאָזנקייט און פּאַסיווקייט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. אַנשטאָט אַ דערציִערישע אַרבעט, וואָס פירט צו זעלבסטפאַרווירקלעכונג און עליה, האָט ד״ר גאָלדמאַן געזאָרגט ברענגען צום אויסדרוק זיין רעזערוואַציע און קרי־טיק צו דער פּאָליטישער טעטיקייט פון דער ישראל־רעגירונג, סיי אין דער פּרעסע, סיי אין זיינע אויפטריטן פאַר די ציוניסטן און אין די תפוצות, אויפטריטן וואָס האָבן מיטגעבראַכט אומזיכערקייט און אָפּהענטיקייט.

היות די דערשיינונגען האָבן גורם געווען בייז בלוט און שאַרפע חלוקי־דעות, פלעגט ד״ר גאָלדמאַן אָפּלייקענען און טענהן, אַז ער איז ניט „ווי גע־העריק״ פאַרשטאַנען געוואָרן. דאַכט זיך, אַז ס'איז שווער צו געפינען נאָך אַ פּאָליטישע פּערזענלעכקייט, וואָס איז אַזוי פיל מאָל ניט פאַרשטאַנען גע־וואָרן ווי ד״ר גאָלדמאַן. פאַרנעמענדיק אַזוי פיל קרויינאַמטן, פלעגט ער אָפּ־ווענדן די קריטיק קעגן אים דערמיט, וואָס אין איין פאַל האָט ער ניט גע־רעדט ווי דער הויפּט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, נאָר ווי דער פּרע־זידענט פון יידישן קאָנגרעס, און אין אַ צווייטן פאַל — ווי אַ „בירגער פון דער מדינה״, ווען ס'איז דערלויבט צו געבן זיין רעגירונג אַן עצה „וואָס איז ניט מחייב״.

למשל, דער אייכמאַן־ענין... אַ סך געדענקען דעם טאָג, ווען בן־גוריון האָט מודיע געווען אין כנסת, אַז מ'האָט געכאַפּט אייכמאַנען, און די אויפרודע־רונג וואָס די ידיעה האָט אַריינגעבראַכט אין לאַנד און אין דער וועלט. קיינער האָט ניט געצווייפלט, אַז דער סאַמע פּאַסיקער פּלאַץ, וווּ דער קאַניבאַל זאָל געמישפּט ווערן, איז ישראל. דאָס איז געווען די מיינונג פון פאַרשיידענע דיפּלאָמאַטן אין דער וועלט, כמעט אָן אַן אויסנאַם, חוץ, פאַרשטייט זיך, אונ־דזער ד״ר גאָלדמאַן, וואָס האָט געצווייפלט אין די רעכט פון מדינת ישראל... אויך דאָס מאָל האָט געזאָרגט אונדזער דאָקטאָר, אַז די וועלט זאָל וויסן וועגן די ספקות פון דעם נשיא פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין די רעכט פון מדינת ישראל צו מישפּטן דעם פאַרברעכער, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן מאָרד פון מיליאָנען יידן.

אין די ראָמען פון דער דאָזיקער אַרבעט איז אוממעגלעך אויסצורעכענען אַלע אויסטערלישע אויפטריטן פון ד״ר גאָלדמאַן אין זיין פּאָליטישער קאַר־

יערע. צום ביישפּיל, זיינע רייד אין 1960סטן יאָר וועגן רוסישן ייִדנטום. צו יענער צייט האָט זיך אין די פּאַראייניקטע שטאַטן אָרגאַניזירט אַ גרויסע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג קעגן דער דיסקרימינאַציע פון ייִדן אין ראַטן־פאַרבאַנד, אויפן געביט פון זייער נאַציאָנאַלער קולטור. פּעטיציעס און פּראָטעסטן קעגן פאַרבאָט אַרויסצוגעבן ביכער אין ייִדיש, און דער מלחמה פון דער רוסישער מאַכט קעגן שולן און שולעס אין ייִדיש, זיינען דערלאַנגט געוואָרן צו די סאָוויעטישע פאַרשטייער — נאָר ד״ר גאָלדמאַן האָט אין דער צייט געפונען פאַר נייטיק צו ברענגען אין דער עפנטלעכקייט די „בשורה״ אַז עס „מערן זיך סימנים פון פאַרבעסערונג אין דעם מצב פון די רוסישע ייִדן״, און אַז מען דערלויבט יונגע שרייבער שרייבן אין ייִדיש, און די ייִדי־שע קלאַסיקער זעצט מען איבער אויף רוסיש אאַ״וו און ווייטער...

אַנדערע מערקווירדיקע אויפטריטן פון ד״ר גאָלדמאַן זיינען, צום ביי־שפּיל, געווען אין פראַנקרייך, ווו ער האָט אויף דער עלפטער לאַנד־קאָנפע־רענץ פון דער פיליע פון ייִדישן קאָנגרעס דערקלערט, ניט מער און ניט ווייניקער ווי, אַז „די ייִדישע מדינה איז געשאַפן געוואָרן פאַר דער צייט, און אַז מ׳האָט זי ניט געדאַרפט שאַפן, איידער מ׳איז געקומען צו אַ הסכם מיט די אַראַבישע שכנים״; אָדער זיין ענטפער אין אַן אינטערוויו אין דער דייטשער טעלעוויזיע, אַז „ס׳איז גוט וואָס ייִדן ווינען ווידער אין דייטש־לאַנד״.

די דאָזיקע פּראָקלאַמירונג אין דייטשלאַנד איז געמאַכט געוואָרן עטלעכע טעג נאָך דעם ווי אין אונ״אָ איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס צו טאַד־לען ישראל, און ייִדן וואָס זיינען זיך צונויפגעקומען הערן אַ קאַטעגאָרישן צוריקענטפער, האָבן, אַנשטאָט דעם, זוכה געווען צו הערן פון ד״ר גאָלד־מאַן:

„וואָס ווילט איר? איך האָב דאָך שוין מיט 18 יאָר צוריק געטענהט, אַז מ׳האָט ניט געדאַרפט גרינדן די מדינה אָן דער צושטימונג פון די אַראַ־בער״...

ווי אין אַנדערע פאַלן, האָט אויך דאָס מאָל געפּרוווט ד״ר גאָלדמאַן „פאַרגלעטן״ און אָפּלייקענען די ידיעה. זיינע צוהערער האָבן אים אָבער ניט געלאָזט אַרויסדרייען זיך מיט זיין געוויינלעכן מאַנעוור, ווער רעדט נאָך, ווען די צאָל פון זיינע הכחשות איז שוין געווען אַזוי גרויס, אַז זייער ווערט אויפן מאַרק איז זייער געפאַלן...

מ׳קען נאָך דערמאָנען זיין רעאַגירן אויף דער סיני־אָפּעראַציע, אַן אָפּע־ראַציע וואָס האָט, לויט זיין מיינונג, געקאָנט ברענגען שאָדן דער ישראל־טוריסטיק; און נאָך אויפטריטן פון דעם מין. איז וואָס איז דער וווּנדער,

אַז ס'איז געוואַקסן די צאָל אינטערפּעלאַציעס וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום דער שאלה: פון וואַנעט האָט ער באַקומען די אומבאַרירלעכקייט וואָס דער־מעגלעכט אים צו וואַרפן זיך מיט סתם דעקלאַראַציעס און דערביי ניט גע־רופן צו ווערן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט ?

איין מאָל, אין גאַנג פון אַ וויכוח אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, האָט בן־גוריון געזאָגט: „דו, גאָלדמאַן, ביסט ניט קיין אַמעריקאַנער ייִד און ניט קיין ישראלדיקער ייִד. דו ביסט אַ וואַנדערנדיקער ייִד".

***

נאָך דער מלחמה פון די זעקס טעג איז קלאָר געוואָרן, אַז ד"ר גאָלדמאַנס אַמטירן ווי דער נשיא פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, איז שוין ניט אויסצוהאַלטן.

מערץ 1968 האָב איך זיך געוואַנדן צום פּרעזידיום פון ציוניסטישן ועד הפּועל מיט פאָלגנדער אינטערפּעלאַציע:

„היינט אין דער פרי איז פּובליקירט געוואָרן אין דער פּרעסע פון דער וועלט, אַז ד"ר גאָלדמאַן האָט געבעטן דעם סענאַטאָר פולברייט ער זאָל זיך ווענדן צו דער רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן מיט אַ ביטע — זי זאָל אַנווענדן אַ דרוק אויף ישראל אַרויסצוווייזן אַ מער מעסיקע און ווייכערע שטעלונג אין דעם מיטל־לענדישן קאָנפליקט — דאָס האָט איבערגעגעבן דער סענאַטאָר אין שול, אין קליוולאַנד. גלייכצייטיק איז, פאַרשטענדלעך, דער־שינען ד"ר גאָלדמאַנס הכחשה, אַז ער איז „ניט פאַרשטאַנען געוואָרן", און אַז דער געשפּרעך האָט געטראָגן אַ „פּריוואַטן כאַראַקטער" און „ניט צום פאַרעפנטלעכן".

„די זעקסטאָגיקע מלחמה און איר אויסווירקונג אויף דער ראָלע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע שטרייכן נאָך מער אונטער, אַז די תקופה פון ד"ר גאָלדמאַן ווי דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט זיך פאַרענדיקט און זיין וויטערדיקע אַרבעט איז פאַרבונדן מיט אַ שווערער לאַסט, וואָס די ציוניסטישע באַוועגונג איז ניט בכוח מער צו פאַרטראָגן".

„דעריבער בעט איך ס'זאָל גערופן ווערן אַ דרינגענדיקע זיצונג בשותפות מיטן פּרעזידיום פון ציוניסטישן ועד הפּועל און דער אָנפירונג פון דער סוכנות, כדי צו באַהאַנדלען די דעמיסיע פון ד"ר נ. גאָלדמאַן פון דער פּרע־זידענטשאַפט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע".

אָבער דער פּרעזידיום פון ציוניסטישן ועד הפּועל האָט ניט געהאַט קיין אויטאָריטאַרע רעכט צו באַשליסן אין אַזאַ פראַגע; פון דעסט וועגן איז קיין ספק ניט געווען, אַז אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס, וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען

עטלעכע חדשים שפּעטער, ווען מען ניט קענען פאַרבייגיין דעם דאָזיקן ענין, אין אַנבליק פון שטורעם וואָס גאָלדמאַנס אויפפירונג האָט אַרויסגערופן אין די רייען פון דער באַוועגונג.

יענער בריוו וואָס איז געשיקט געוואָרן צום פּרעזידיום פון ועד הפּועל, איז געווען בלויז אַ טייל פון מיינע לאַנגיאָריקע באַמיִונגען, וואָס האָבן אַפּעלירט קעגן גאָלדמאַנס שליטה אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אַ שליטה וואָס האָט געטראָגן אַ כאַראַקטער פון שתדלנות און מאַכט, באַזירט ניט אויף דעמאָקראַטישע מעטאָדן און ניט אויף אידעיִשער פאַרמעסטונג, נאָר אויף צווישן־פּאַרטייִשער רעגולירונג, וואָס ווענדט אָפּ די באַוועגונג פון פּרינציפּיעלער איינשטעלונג, פון טאַקטיק און פון אַנשויונגען.

דעם אמת זאָגנדיק, איז דער קאַמף פאַר באַפרייען די ציוניסטישע באַוועגונג פון גאָלדמאַנען ניט געווען קיין לייכטער. ווי געוויינלעך אין אַזוינע פאַלן געפינען זיך פּאַרטיידיקער, צוליב די אָדער אַנדערע מאָטיוון. אָבער אויף אַ זיצונג פון דער „עבודה"־פראַקציע אויפן 27טן ציוניסטישער קאָנגרעס האָט די סעקרעטאַריין פון מפלגת העבודה גאָלדע מאיר געמאַכט אַ גלאַבאַלן חשבון מיט גאָלדמאַנען וועגן דעם גרויסן שאָדן, וואָס זיינע אויפטריטן און פּראָקלאַמירונגען האָבן גורם געווען דער מדינה. זי האָט זיך ניט אָפּגעהאַלטן פון אַקצענטירן זיינע פעיִקייטן און זיין געבענטשטע טעטיקייט פאַרן ייִדנטום און פאַר דער מדינה; זי האָט אָבער פעסטגעשטעלט, אַז אין דער לעצטער תקופה האָט זיין אויפפירונג דערפירט צו אַן אומדערטרעגלעכן מצב.

גאָלדעס אויפטריט איז געווען איינדרוקספול און איבערצייגנדיק, און ס'איז געווען קלאָר צו וואָס פאַר אַ דעציזיע דער פּלענום וועט קומען. נאָך אַ געראַנגל פון יאָרן צו באַזייטיקן גאָלדמאַנען, בין איך געגאַנגען צו דער זיצונג פון פּלענום מיט דער גרייטקייט אויסצושעפּן מיין פערזענלעכע סאַטיספאַקציע פון דער אָפּשטימונג, וואָס וועט מאַכן אַ סוף צו זיין ערנאַמט.

די סאַטיספאַקציע האָב איך ניט באַקומען. ער האָט פּשוט ניט אָנגעגעבן זיין קאַנדידאַטור דערקלערנדיק, אַז „איך האָב קיין מאָל ניט געוואָלט בלייבן פּרעזידענט. מיר איז ניט איינגעפאַלן צו זיין פּרעזידענט אין רעזולטאַט פון אַ געראַנגל, און אוודאי ניט דורך אַן אָפּשטימונג, נאָך אַ קאַמף קעגן געוויִסע פּאַרטייען"...

ער האָט ניט געגעבן קיין אַנצוהערעניש, וועלכע פּאַרטייען ער האָט אין זינען. איך בין אָבער גרייט צו פאַרוועטן זיך, אַז אָפּגעבנדיק זיין מעלדונג, האָט ער געזען פאַר די אויגן דעם וויכוח וואָס האָט זיך געפירט אין דער פראַקציע פון מפא"י, און דער באַשלוס וואָס איז דאָרט אָנגענומען געוואָרן.

**
*

אין האָטעל „המלך דוד" אין ירושלים, ד"ר גאָלדמאַנס סטאַבילער האָטעל, איז אין משך פון יאָרן געשטאַנען צו זיין דיספּאָזיציע אַ שיינע און רחבות־דיקע וווינונג. אין פאַרלויף פון אַ לאַנגער תקופה פלעגן מיר זיך דאָרט באַגעגענען פון צייט צו צייט — ישראל בר־יהודה און איך, ווי די פאָרשטייער פון קיבוץ און דער פּאַרטיי אין די אינסטיטוציעס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. די אַלע באַגעגענישן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער גוטער שטימונג, און די געשפּרעכן האָבן זיך געפלאָכטן מיט שפּאַנענדיקע דערציי־לונגען וועגן באַגעגענישן מיט פרעמדע מיניסטאָרן און דיפּלאָמאַטן, וועגן אינטימע געשפּרעכן מיט סאָוויעטישע אַמבאַסאַדאָרן, וועגן זעונגען מיט פראַנצייזישע פּראָפעסאָרן, מיט מאַכטהאָבער אין דייטשלאַנד, אַריינגערעכנט דעם קאַנצלער אַליין אד"גל. תמיד האָט פון גאָלדמאַנען געשטראַלט מיט אָפּטימיזם און בטחון, און כ'האָב זיך ניט געקענט באַפרייען פון געפיל, אַז ער באַציט זיך צו זיך אַליין, ווי צו אַזאַ, וואָס טוט אַ גרויסע און וויכטיקע אַרבעט.

אָבער נאָך די אַלע „ישועות ונחמות", ווען מיר האָבן געוואָלט איבער־גיין צו „תכלית", פונאַנדערקלייבן זיך אין אַקטועלע פראַגן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דערציִונג, מיט עליה, התישבות און רעאַליזירונג — איז גע־קומען די אַנטוישונג. אין קעגנזאַץ צום געשפּרעך איבער „וועלט־פּראָבלע־מען", וואָס האָט זיך געפירט לייכט און פליסיק, האָבן זיך איצט געצויגן די רייד שווער און שטאַמלדיק. יאָ, ער האָט, פאַרשטייט זיך, פאַרשטאַנען... אָבער אויסגעפינען מיטלען צו דער עליה איז געווען פון די האַרבע ענינים, זייער האַרבע... און, בכלל, פון וואַנעט איז די זיכערקייט אַז ס'וועט זיין אַן עליה ?.. אין גלות איז דאָך אין קיין שום לאַנד ניטאָ קיין דרוק צו וועלן עולה זיין... אוודאי איז נייטיק אַ חלוצישע באַוועגונג, אָבער...

און אַזוי ווייטער. דער באַגאַבטער מיטשמועסער איז מיט אַ מאָל פאַרוואַנ־דלט געוואָרן אין אַ גלייכגילטיקן, ניט־זיכערן מענטש, וועמען ס'גייט ניט אין לעבן...

נאָך אַזעלכע באַגעגענישן פלעגט טאַבענקין ע"ה שטענדיק בעטן מיר זאָלן אים איבערגעבן אַלץ, מיט אַלע פּרטים, ווייל די אויבנדערמאַנטע ענינים לאָזן אים ניט צו רו, און ער זעט אין זיי, ווי באַקאַנט, דעם עיקר פון ציוניסטישער טעטיקייט. נאָכן אָפּגעבן טאַבענקינען מערערע מאָל אַ דין וחשבון, האָט זיך אין מיר איינגעוואָרצלט די איבערצייגונג, אַז אין דער דערשיינונג וואָס הייסט ד"ר גאָלדמאַן קומט צום אויסדרוק דער מאַנגל אין אַ ציוניסטישער

וויזיע און אַן אַדורכגעטראַכטן שוווּנג, וואָס איז גרייט צו פאַרמעסטן זיך מיט ממשותדיקע פּראָבלעמען, וואָס די תקופה רוקט אַרויס פאַר דער באַוועגונג; די פּראָבלעמען וואָס טאַבענקין לעבט זיי איבער מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים; די סכנות וואָס לויערן אויף יעדער ציוניסטישער אונטערנעמונג, ווען קיין עליה קומט ניט פאַר, און ווען דאָס וואַקסן פון ישוב אין לאַנד ווערט פאַרלאַנגזאַמט, און דאָס — אויפן פאָן פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז ניט קלענער געוואָרן נאָך דער מלחמה, אויפן פאָן פון דער פרעמדקייט וואָס הילט איין אונדזער נאַציאָנאַלן וועזן.

פון די לאַנגע שמועסן מיט טאַבענקינען, אין זיין באַראַק אין אפעל, פלעג איך, נאָכן אויסהערן זיין איבערזיכט, אַרויסגיין אַן אַדורכגעדרונגענער מיט דעם געפיל פון די גרויסע סכנות און גרויסע האָפענונגען, וואָס עס ברענגט אויף אירע פליגל די נייע צייט, און אויף וויפל ס׳פעלן אויס אונדזער פאָלק אין דער תקופה אמתע און גרויסע מנהיגים פון אַ היסטאָרישער מדרגה. אַזוי אַרום איז אוממעגלעך געווען ניט צו דערגיין צו טרויעריקע אויספירן וועגן גורל פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, אויף וועלכער ס׳וואַרטן צענטראַלע היסטאָרישע אויפגאַבן, ווען לגבי דער וויכטיקייט פון איר שליחות און נויטווענדיקייטן, זעט זיך איר אָנפירערשאַפט ניט אָן...

***

צום סוף וויל איך דאָ ברענגען אַ זייטיקע דערציילונג פון פיקאַנטקייט־וועגן וואָס האָט אַ שייכות צו מיין היים אין רמת־הכובש:

בשעת אונדזערע באַזוכן ביי גאָלדמאַנען פלעגט ער אונדז מכבד זיין מיט גרויסע ציגאַרן, האַוואַנער, אָדער שווייצאַרישע ,פון אַ גרויס שאַכטל, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש. איך האָב קיין מאָל קיין ציגאַרן ניט גערויכערט. אָבער זייער רייצנדיקער אויסזען פלעגט מיר דערמאָנען אין אַ פאָר חברים פון קיבוץ, וואָס פלעגן אויסגיין נאָך אַזאַ ציגאַר, אוממאָפּהענגיק פון זיין אָפּשטאַם, פון קובאַ צי פון שווייצאַריע. דעריבער פלעג איך, מיט דער דערלויבעניש פון באַלעבאָס, נעמען איינעם אָדער צוויי ציגאַרן, כדי מכבד צו זיין יענע חברים, וואָס זיינען אַזוי להוט געווען טועם צו זיין זייער רויך. אַממייסטן איז נאָך זיי אויסגעגאַנגען דער חבר משה, וואָס האָט געאַרבעט שוסטעריי.

איין מאָל בין איך אין אַ שבתדיקן נאָך־מיטאָג אַרויסגעגאַנגען אויף דער מרפסת פון עסצימער. די חברים וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען האָבן מיך באַגעגנט מיט שאלות: ,,וואָס הערט זיך אין דער פּאַרטיי?״ ,,וואָס הערט זיך אין דער באַוועגונג?״ אַזוי אַרום האָט זיך פאַרפירט אַ פּליסיקער לעב־

האַפּטער שמועס.

„וואָס מאַכט ד״ר גאָלדמאַן ?״ די פֿראַגע איז אויסגעשריִען געוואָרן פּלוצעם עטלעכע טריט פֿון אונדז.

כ׳האָב אַ קער געטאָן דעם קאָפּ — ערשט דאָס איז משה דער שוסטער. די חברים אַרום מיר זײַנען אַנטשוויגן געוואָרן און האָבן פֿאַרוווּנדערט זיך צוגעקוקט צום פֿרעגער; וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט ער מיט ד״ר גאָלדמאַן ? און פֿון וואַנעט ווייס ער, אַז היינטיקע וואָך האָב איך זיך געטראָפֿן מיט גאָלדמאַנען ?

כ׳האָב געענטפֿערט, אַז גאָלדמאַן פֿילט זיך גוט, אַז ער האָט פּרנסה און ס׳איז ניטאָ וואָס צו זאָרגן פֿאַר אים, און אַז ער, גאָלדמאַן, לאָזט אים גריסן.

די נײַגעריקייט פֿון די חברים איז געוואַקסן — זיי האָבן ניט געקענט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז עפּעס בינדט משהן מיט ד״ר גאָלדמאַן. אָבער ווי נאָר כ׳האָב אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ ציגאַר און דערלאַנגט משהן, האָבן אַלע פֿאַרשטאַנען, אַז אונדזער חברס פֿאַראינטערעסירונג מיט גאָלדמאַנס געזונט קומט ניט פֿון ציוניסטישע פּרינציפּן, נאָר פֿון ניקאָטינישע...

אַ באַגעגעניש אויף די סטעזשקעס פון ארזה

דאָס ערשטע מאָל האָב איך באַגעגנט זלמן שזרן (דאַן — רובאַשאָוו) אויפן ראַט פון אחדות העבודה וואָס איז פאָרגעקומען אין פתח־תקווה ניט לאַנג נאָך מיין אָנקומען אין לאַנד, און כ׳האָב זיך אָן עצה געהאַלטן מיט דוד רמז ז״ל וועגן טוישן מיין פרעמדן נאָמען, באַנקאָווער, וואָס איז מיר „צוגעקלעפט״ געוואָרן, צייטווייליק. אין צוזאַמענהאַנג מיט מיין עולה זיין, אַנשטאָט מיין אמתער פאַמיליע פאַרטמאַן. זיך אַליין האָב איך אויך געפרעגט צי ס׳איז ניט כדאי, ביי דער געלעגנהייט, צו העברעיִזירן אים.

„איך לייג דיר פאָר זאָלסט זיך אַ נאָמען געבן נמלי״ — האָט רמז פאָר־געלייגט — ווייל פאַרטמאַן מיינט דאָך אַ מאַן פון פאַרט...

רובאַשאָוו האָט זיך צוגעהערט און ניט רעאַגירט. מיט דער צייט זיינען געווען נאָך געלעגנהייטן, ווען מ׳האָט געפרוווט משפיע זיין אויף מיר כ׳זאָל כ׳זאָל טוישן מיין פאַמיליע־נאָמען.

דערביי האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ביים בייטן אַ נאָמען דאַרף מען איינצאָלן אַ האַלבן פונט. און ווער האָט זיך אין יענע טעג געקענט דערלויבן אַזאַ לוקסוס? אַזוי אַרום בין איך געבליבן ביי מיין צייטווייליקן נאָמען עד היום...

איין מאָל, ביים סוף פון זלמן שזרס לעצטער קאַדענץ ווי אַ נשיא, האָב איך זיך מיט אים באַגעגנט אין ארזה, ביי מוצא, וווּהין כ׳בין געקומען, לא עלי־כם, צוליב געזונטהייט־צוועקן. היות יעדערער האָט זיך געגייטיקט אין אַב־סאָלוטער רו, האָב איך זיך באַמיט ניט אָנצווואַרפן זיך אויף אים. אָבער, אין אַ טאָג־צוויי אַרום, האָבן מיר זיך געטראָפן אויפן הויף, און פון דעמאָלט אָן האָבן מיר זיך באַגעגנט אַלע טאָג. מיר האָבן אַ סך געשמועסט וועגן נעכטן און וועגן היינט, וועגן פאַרשיידענע מענטשן אין דער באַוועגונג, ווי אויך געפירט אָפנהאַרציקע געשפרעכן איבער פאַרשיידענע ענינים, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין לאַנד, צו וועלכע איך האָב זיך באַצויגן קריטיש. כ׳בין צו־פרידן געווען, וואָס דער נשיא האָט ניט געפרוווט פאַרטיידיקן די „עסטעטי־שע פגמים״, נאָר צו מיין קריטיק האָט ער מצרף געווען אויך זיינע, פאַר־רופנדיק זיך אויף ענינים, וואָס זיינען מיר ניט באַקאַנט געווען.

איין מאָל האָט זיך פֿאַרקייקלט דער געשפּרעך וועגן פּלוצעמדיקן טויט פֿון פּראָפעסאָר ברוך קורצווייל. שזר איז געווען דערשיטערט. ער האָט געהאַלטן, אַז זיין אַדיוטאַנט האָט אים געדאַרפט רעפּרעזענטירן אויף דער לוויה, אָבער וועגן פּראָפעסאָרס טויט האָט זיך דער נשיא דערוווסט שוין נאָך דער לוויה...

אין צוויי טעג אַרום האָט שזר דערזען ביים פּאָליציאַנט, וואָס שטייט ביי זיין טיר, אַן עקזעמפּליאַר פֿון „העולם הזה" מיט אַ בילד פֿון פּראָפעסאָר קורצווייל און אַ גרויס קעפּל וואָס גיט איבער וועגן זיין זעלבסטמאָרד. און דער נשיא האָט זיך ווידער דערפֿילט געטראָפֿן, וואָס דאָס האָט ער זיך גע־דאַרפֿט דערוויסן פֿון... „העולם הזה"...

דערביי האָב איך זיך דערמאָנט, אַז איך האָב געלייענט אין אַ צייטונג וועגן אַ פֿאַרפֿאַל, וואָס איז פֿאַרגעקומען אויף אַ חתונה פֿון אַ גענעראַלס אַ טאָכטער אין צה"ל. אין דער חתונה האָבן זיך באַטייליקט גענעראַלן, פּראָפעסאָר אפרים קציר, וואָס איז שוין פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס קאַנדידאַט צום אַמט פֿון נשיא, ווי אויך עזר וויצמאַן. דער לעצטער האָט זיך געווענדט צו קצירן און מיט גרויס וווּנדער געפֿרעגט, ווי אַזוי האָט ער איינגעשטימט צו נעמען אויף זיך אַזאַ פֿונקציע, ווען נאָך אין דער צייט פֿון זיין פֿעטער, חיים וויצמאַן, האָט מען זי אויסגעליידיקט פֿון יעטווידן אינהאַלט. ער האָט דערציילט, אַז זיין פֿעטער האָט געבעטן ביי זיינע נאָענטע זיי זאָלן אים איינשאַפֿן אַ באַזטיכל... און ווען זיי זיינען פֿאַרוווּנדערט געוואָרן פֿון זיין מאָדנעם פֿאַרלאַנג, האָט ער זיי דערקלערט: „איך נייטיק זיך אין אַ באַזטיכל, ווייל דאָס איז די איינציקע זאַך וווּהין איך קען נאָך אַריינשטעקן מיין נאָז..."

זלמן שזר איז אָבער ווייט געווען פֿון פֿאַרביטערטקייט און פֿון אַ באַליי־דיקונגס־געפֿיל. ער איז געווען אַריינגעטאָן, חוץ זיין רעפּרעזענטאַנץ־פֿונקציע און זיין זאָרגן פֿאַר זיין קראַנקער פֿרוי, רחל, אין פֿאַרענדיקן זיין ספר „אור אישים", מיט די פֿאַררונגס־עסייען וועגן פֿריינד און חברים אין דער באַוועגונג, וואָס האָבן זיך שוין געפּעלט. אין אַ שמועס האָב איך דערמאָנט די נעמען פֿון ברוך צוקערמאַן, בערל לאָקער און מאַרק יאַרבלום, און כ'האָב אויסגעדריקט מיין זיכערקייט, אַז ער האָט זיי אויפֿגעשטעלט אַ מצבה, ווי זיי האָבן זיך כשר פֿאַרדינט. ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און איז אַוועק.

צו מאָרגנס האָט ער מיר אַ טיף געריגרטער געזאָגט, אַז ער איז מיר שול־דיק אַ דאַנק פֿאַרן דערמאָנען אים יאַרבלומס נאָמען, וואָס ער האָט צופֿעליק פֿאַרגעסן; היינט האָט ער דעם טעות פֿאַרריכט; ער איז אויפֿגעשטאַנען פֿאַר־טאָג, און אין די פֿרימאָרגן־שעהען האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריי־

בן זכרונות און אַן אָפּשאַצונג וועגן דעם מענטש, וואָס איז געווען פון די מערקווירדיקסטע טוער אין גלות.

„פאַרוואָס האָט איר זיך אַזוי געדאַרפט איילן?" — האָב איך אים געפרעגט.

„פאַרשטייסט" — האָט ער געענטפערט — „דער ספר איז שוין אין דרוק, און כ'בין צופרידן, וואָס כ'האָב שוין באַוויזן, אָפּצושיקן די זייטלעך אויף פּאָסט, כדי צו זיין זיכער, אַז זיי וועלן אויך אַריין אין ספר..."

ווער איז געווען עליזאַבעט?

ווען איך פּרווו אַ מאָל — אפשר פון ניט צו פיל חכמה — דערציילן דער יוגנט וועגן דער תקופה פון פאַר רמת הכובש און איך דערמאָן דעם „הפּועל הצעיר", עפּענען זיך אויף פאַרחידושטע אויגן און מ'פרעגט: וואָס פאַר אַ קבוצה איז דאָס געווען, פון פוטבאָל צי פון האַנטבאָל? זיי ווייסן פון דעם הפּועל אין תל־אביב, פון חיפה, פון פּתח־תקווה — אָבער דער הפּועל הצעיר? אפשר איז דאָס אַ קבוצה פון דער יוגנט־ליגע?

אַז דער הפּועל הצעיר האָט אַ מאָל געהערט צו דער יוגנט־ליגע — איז קיין שום ספק ניט, אָבער געווען איז דאָס אַ צייט פריִער פאַר מיין קומען אין לאַנד. נאָך מיין עולה זיין, האָט מען מיר דערציילט, אַז מיט עטלעכע יאָר צוריק, איידער ס'איז געגרינדעט געוואָרן די הסתדרות, זיינען אין לאַנד געווען צוויי קראַנקן־קאַסעס פאַר די אַרבעטער פון „הפּועל הצעיר" און פון „אחדות העבודה", ווי אויך צוויי פאַרבאַנדן פון לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער, צוויי אַרבעטס־אַמטן אאַ"וו, אַ"וו. מיט דער גרינדונג פון דער אַלגעמיינער הסתדרות, האָבן אַלע אָרגאַניזאַציעס און דאָפּלטע אַנשטאַלטן אויפגעהערט צו עקזיסטירן און זיי האָבן זיך פאַראייניקט, נאָר די פּאַרטייען האָבן פאַרגעזעצט זייער טעטיקייט, און יעדערע פון זיי האָט געהאַט איר פּעריפעריע.

ווען כ'האָב, למשל, אַ פרעג געטאָן פאַרוואָס איז אונדזער קיבוץ „הכובש" אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין פּתח־תקווה און ניט קיין חדרה, האָב איך באַקומען אַן ענטפער אַז חדרה געהערט צו דער פּעריפעריע פון הפּועל הצעיר און מיר האָבן, ווי באַקאַנט, אַ נטיה צו אחדות העבודה (דאָס איז ניט אחדות העבודה—פּועלי־ציון, וואָס איז אַנטשטאַנען פון דער פראַקציע ב', נאָך דער שפּאַלטונג פון מפּא"י, אין יאָר 1942, אין כפר־ויתקין).

הקיצור, דאָס אַלץ דערצייל איך ניט כדי צו געבן אַן אומזיסטע לעקציע פון געשיכטע, נאָר כדי איר זאָלט האָבן אַן אַנונג וועגן דעם פירער פון הפּועל הצעיר, יוסף שפּרינצאַק, וואָס איז געווען איינער פון די זעקס אָדער זיבן, וואָס האָבן געשאַפן דעם הפּועל הצעיר אין יאָר 1905, אין סאַמע אָנהייב פון דער צווייטער עליה, און וואָס האָט זיך אונטערגעשריבן אויפן רוף צו פאַר־

איינקן די פאַרטייען אין 1928טן יאָר.

אין מיין לאַנגן לעבנסוועג האָב איך זוכה געווען צו טרעפן זיך מיט שפּרינ־צאַקן אַ סך מאָל, אין ועד הפּועל פון דער הסתדרות, ווו ער איז געווען דער מזכיר, אין דער אספת הנבחרים און אויך אינעם ועד לאומי אין דער צייט פון מאַנדאַט, און ווען ער איז געווען אַ היפּשע צאָל יאָרן דער ערשטער פאָרזיצער פון כנסת.

געווען איז ער אַ נידעריקער, נאָר געשפּרודלט מיט חכמה און פריינדלעכ־קייט, און זיין הומאָר — איינער פון זיינע אייגנשאַפטן — האָט אים ניט איין מאָל אַרויסגעהאָלפן אויסצוגלייכן שטרויכלונגען אין יענעם דור און אין יענע תקופות, ווען וועגן דער קלענסטער קלייניקייט זיינען אָנגעגאַנגען אַ סך שאַרפע וויכוחים און רייבונגען. די קומענדיקע מעשה וועט איבערצייגן זיין אויבן דערמאָנטע אייגנשאַפט, כאָטש זי איז געשען ווען ער האָט פאַר־נומען דעם העכסטן אַמט אין דער מדינה.

יד לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט דאָקטאָר ווייצמאַן געקרענקט, און איז אָפט געצוווּנגען געווען צו פאָרן קיין אויסלאַנד זיך היילן, צייטנווייז אויף אַ לענגערער צייט. יוסף שפּרינצאַק, ווי דער פאָרזיצער פון כנסת, פלעגט דעמאָלט זיין דער שטעל־פאַרטרעטער פון נשיא און די דאָזיקע פונקציע פלעגט ער אויספירן אויף אַ פאָלקסטימלעכן און האַרציקן אופן, לויט זיין שטייגער אין די באַציִונגען מיט מענטשן.

איין מאָל האָט שפּרינצאַק באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק און מ'האָט אים איינ־געאָרדנט אין ביילינסאָן־שפּיטאָל. היות ער האָט דאַן אַמטירט אַלס נשיא, האָט מען אים זייער שטרענג אָפּגעהיט, און ס'איז ניט לייכט געווען צוצו־קומען צו אים. מיין עקשנות האָט מיך אויך דאָס מאָל אַרויסגעהאָלפן און קומענדיק צו אים האָב איך אים געטראָפן פריש, וואַכזאַם און אין אַ גוטער שטימונג. אָבער אין בעט. ווי אַלע גוטע זיידעס האָט ער דערציילט וועגן זיינע אייניקלעך, וועמעס בילדער ס'זיינען געשטאַנען אויף זיין טישל.

ריידנדיק האָט ער זיך אָפּגערופן:

„ווייסט, כ'האָב געהאַט אַן אינצידענט מיט מיין פרוי, מיט חנהן"...

„וואָס איז געשען ?" — האָב איך אַ פרעג געטאָן מיט אומרו.

„חנה קומט מיך געוויר ווערן טאָג־טעגלעך. אייערנעכטן האָט זי מיר געבראַכט אַ טעלעגראַם מיט געזונטווונטשן, אונטערגעשריבן פון עפּעס אַן עליזאַבעט..."

„ווער איז די עליזאַבעט" — האָט מיך חנה געפרעגט, און אַזוי ווי כ'האָב אַליין ניט געוווּסט, האָט זי חושד געווען, אַז דאָס איז איינע פון מיינע סימפּאַטיעס אין אויסלאַנד, מיט וועלכע איך טרעף זיך זייענדיק דאָרטן...

געמיינט האָב איך, אַז זי חוזקט פון מיר, ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז זי מיינט עס ערנסט, און ס׳האָט זיך געשאַפן אַ געוויסע שפּאַנונג...״

נאָך איר אַוועקגיין, האָב איך זיך גלייך פאַרבונדן מיטן מזכיר פון כנסת, געוואויר צו ווערן ווער די עליזאַבעט איז; אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי די מוטער־מלכה פון בעלגיע, אַ פיר־און־זיבעציקערין, וואָס איז אויך די פּאַטראָנעסע פון דער יוגנט־עליה, און אַז די טעלעגראַם איז אַ פּועל־יוצא פון דער פּראַטאָקאָל־אָפיציעלקייט, ווי עס פירט זיך צווישן מדינה־שעפן...״

„צו מאָרגנס ווען חנה איז געקומען, האָב איך שוין געקענט אויפקלערן ווער די עליזאַבעט איז און דער אינצידענט איז ליקווידירט געוואָרן״...

דאָס איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישע מעשה פאַר שפּרינצאַקן, וואָס האָט געקענט אויפכאַפּן דאָס פאַרוויילערישע פון לעבן, ווי אַ טייל פון זיין אַרט באַציִונגען מיט חברים, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין זיין אָפן האַרץ און אָפן הויז אין פאַל פון נויט. זיין טבע וואָס איז תמיד געווען גוט און פריינד־לעך, האָט אים פאַרשאַפט אַ באַזונדער אָרט אין דער באַוועגונג ביים אויס־גלייכן רייבונגען, און, דער עיקר, בשעת שטורמישע באַציִונגען צווישן אוי־טאָריטעטן און פּאַרטייען...

פאַרלאָזנדיק, למשל, זיין צימער, האָב איך זיך דערמאָנט אין פאַרשיידענע ענינים, וואָס האָבן פּאַסירט צום סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען אהרן ציזלינג ע״ה איז געקומען אין פראַנקרייך ווי אַ שליח פון דער אַגענץ און הגנה, און האָט דערשפּירט דעם „חרם״, אין וועלכן ס׳האָבן אים אַריינ־געלייגט די חברים פון מפא״י, וואָס האָבן זיך באַמיט צו דערווייטערן אים פון וועלכער ניט איז השפּעה אין פאַרשיידענע ענינים. געווען איז דאָס ווען ס׳האָט זיך געפירט אַ פאַרביסענער קאַמף קעגן דעם קיבוץ המאוחד און סיעה ב׳ אין דער פּאַרטיי. שפּרינצאַק, וועמעס יושר און חברישע האַלטונג איז געווען אַ קאַרדינאַלער שטריך פון זיין כאַראַקטער, איז אַרויסגעטראָטן קעגן חרמים און אַרויסשטויסונגען און האָט די חלוקי־דעות אויסגעגלייכט.

אַזוי פלעג איך זיך דערמאָנען פאַרשיידענע פּראָבלעמען און שווערע דיסקו־סיעס אין מפא״י, וווּ מיר זיינען אַלע געווען חברים, ווען טעאַטעטישע וויכוחים האָבן גורם געווען צו פּערזענלעך־אָנגעצויגענע באַציִונגען, וואָס האָבן צייטנ־ווייז דערפירט צו פּוגע־בכבוד־זיין חברים. און שפּרינצאַק איז געווען דער יע־ניקער, וואָס האָט אין מאָמענטן פון שאַרפסטער שפּאַנונג געלאָזט פאַלן, מיט אַ שמייכל, אַ וואָרט וואָס באַרויִקט און שטילט איין, מיט טאַקט און דרך־ארץ צו יעדערן — אויף דעם גוטן „שפּרינצאַקישן״ און אָפּטמאָל „שטיפערישן״ אופן.

„איך בין אַ נידעריקער און ניט תמיד פיל איך זיך גוט צווישן העכערע

פון מיר״, — האָט ער אַ מאָל געזאָגט אויף אַ קבלת־פּנים, וואָס איז איינגע־אָרדנט געוואָרן אין כנסת פאַר אַ פּאַרלאַמענטאַרישער דעלעגאַציע פון דענע־מאַרק. „אָבער איך רעפּרעזענטיר דאָך אַ קליין פאָלק, איז מיר דעריבער אָנגע־נעם דאָס מאָל אויפצונעמען אַ פאַרשטייערשאַפט, וואָס רעפּרעזענטירט אויך אַ קליין פאָלק, און דערצו אַ העלדיש פאָלק״.

די דענער האָבן געשמייכלט, און דער כאַראַקטער פון דער באַגעגעניש, אָנ־געהאַלטן אין אַ גוטן הומאָר, האָט אַרויסגערופן אַן אָנגענעמע און פריינד־לעכע אַטמאָספער.

זייענדיק דער פאָרזיצער פון כנסת, איז שפּרינצאַקס פונקציע געווען אויפ־צונעמען אַזעלכע דעלעגאַציעס. די כנסת האָט ער באַטראַכט ווי אַ נאַציאָ־נאַלן אייגנס, וואָס איז אים אָנגעטרויט געוואָרן, און ער האָט אים אָפּגעהיט ווי אַ פאָטער היט זיין אייגן הויז און באַמיט זיך צו לעבן גוט מיט זיינע שכנים. ער האָט ניט מקפּיד געווען צו שאַפן אַ רעגולאַמין פון מעטאָדן און פּראָצעדורן פאַר אַזעלכע פאַלן, דאַקעגן איז ער געווען בכוח צו באַרויִקן די געמיטער מיט אַ וויץ, מיט אַ האַרציקן שמייכל.

ווען מ׳פלעגט קומען צו אים מיט אַ טענה, אַז ער באַציט זיך ניט ערנסט צו די תקנות און פאַרשריפטן, וואָס דאַרפן אָפּהיטן דעם כבוד פון כנסת, פלעגט ער ענטפערן:

„וואָס ווילט איר פון מיר? ניט מיין טאַטע און ניט מיין זיידע האָבן זיך פאַרנומען מיט פירן פּאַרלאַמענטן. די דאָזיקע מלאכה האָב איך געלערנט און לערן נאָך פון מיין אייגענעם נסיון צווישן יידן, און אייך איז דאָך באַקאַנט ניט ווייניקער ווי מיר, אַז יידן זיינען פאַרליבט אין הייסע וויכוחים און אין עקסטרעמע דעות. וואָס קען שוין דאָ העלפן אַ רעגולאַמין? איך האַלט, אַז דער עיקר אַרבעט פון אַ יידישן פּאַרלאַמענט דאַרף זיין דאָס זוכן די פּונקטן, וואָס פאַראייניקן אונדז, און ניט די וואָס צעשיידן״.

געווי אַזוי האָט ער געהאַנדלט זיין גאַנץ לעבן ביז דער לעצטער רגע.

„מיר זיינען נאָך ניט קיין ספּעציאַליסטן פון מלוכהשער אַדמיניסטראַציע" .

דער גראַנדיעזער און דעקאָרירטער זאַל איז אָנגעפּראָפּט געווען מיט טויזנטער יום־טובדיק אויסגעפּוצטע ייִדן, און די באַגייסטערטע און פייערלעכע שטי־מונג האָט זיך געצויגן צו דער בינע, וואָס האָט זיך געבאָדן אין ישׂראל־פענער. דאָס אָרט — סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, דאָס יאָר — 1957. אין פּרעזיד־יום איז געזעסן דער אויסערן־מיניסטער פון ישׂראל, גאָלדע מאיר, צווישן די פּני און די פירער פון דער ייִדישער קהילה אין דער רחבותדיקער מדינה. צווישן זיי אויך מיין ווייניקייט, וואָס האָט דאָרט אָנגעפירט מיט דער פּאַר־אייניקטער געלטזאַמלונג. די קהילה־אָנפירער האָבן איינער נאָכן צווייטן באַגריסט די פאָרשטייער פון מדינת ישׂראל, און דער עיקר גאָלדען, וואָס האָט געשאָפן אַ וווּנדערלעכן קאַפּיטל דורך איר באַגעגעניש מיט די ייִדן פון ראַטן־פאַרבאַנד, ווי דער ערשטער אַמבאַסאַדאָר פון ישׂראל אין סאָוויע־טן־רוסלאַנד.

די באַגריסונגען האָבן זיך געצויגן אַ לענגערע צייט, נאָר איך האָב זיך געפונען אונטערן איינדרוק פון דעם וועג וואָס האָט געפירט אַהער: פון ביידע זייטן טראַקט זיינען געשטאַנען טויזנטער ייִדן מיט זייערע קינ־דער, מיט בלומען און פאָנעלעך אין די הענט. און אַלע אַפּלאָדירן גאָלדען — באַגלייט פון הויכע פּאָליציייִשע אָפיצירן — אַלע שאַלן און שטופּן זיך דרי־קן איר האַנט, אָנרירן זי. ס'האָבן זיך געשפּירט די כוואַליעס פון ליבע און פאַרערונג, וואָס האָבן געשטראָמט צו איר הויכער און שלאַנקער געשטאַלט.

די ייִדן פון דער מדינה האָבן אויפגעהויבן זייערע קעפּ אין אָנבליק פון דעם מלכותדיקן קבלת־פּנים, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן דעם ייִדישן אוי־סערן־מיניסטער פון דער בראַזיליאַנער רעגירונג, לויט דער טראַדיציע וואָס איז אָנגעווענדט געוואָרן פאַר זייער הויך־געשטעלטע געסט. דער טעם פון דער באַנייטער ייִדישער זעלבשטענדיקייט האָט זיך נאָך געשפּירט אין אַלע ייִדישע קהילות אין דער וועלט. די מלכותדיקע מאַנירן זיינען נאָך בכוח געווען צו באַגייסטערן הערצער, באַרייכערן מיטן זין פון דער היסטאָרישער, רעוואָלוציאָנערער געשעעניש, וואָס איז ערשט ניט לאַנג פאַרגעקומען אין לעבן פון ייִדישן פאָלק.

אין צענטער פון סאַן־פּאַולאָ האָבן אויף גאָלדען געוואָרט מערערע מי־ניסטאָרן פון דער בראַזיליאַנער רעגירונג, מיטן אויסערן־מיניסטער בראש, דער דיפּלאָמאַטישער קאָרפּוס און די פאָרשטייער פון דער ייִדישער קהילה. ס'איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ מיליטערישער פּאַראַד, און ווען דער מילי־טערישער אָרקעסטער האָט גענומען שפּילן די „התקווה", האָט מען געקענט זען צווישן די טויזנטער פאַרזאַמלטע אַ סך טרערנדיקע אויגן. אויף יענער גראַנדיעזער פאַרזאַמלונג בין איך געווען דער לעצטער באַגריסער און, ווען כ'האָב פאַרענדיקט, האָט אָנגעהויבן ריידן גאָלדע. גערעדט האָט זי ייִדיש, די שפּראַך וואָס די מערהייט פון קהל האָט פאַרשטאַנען. איך בין נת־פּעל געוואָרן פון איר מעגלעכקייט איבערצוגעבן אויף אַ פּשוטן אופן די גראַנדיעזע געשעענישן פון דער צייט, דעם געראַנגל און פאַרמעסטונג וואָס האָבן מקדים געווען דער גרינדונג פון דער מדינה. אַריינגערעכנט די שטאַנדהאַפטיקייט פון רמת־הכובש, די געשעענישן און די געווער־זוכונג פון די בריטישע סאָלדאַטן. כ'מיין, אַז די פּרשה האָט זי אונטערגעשטראָכן צוליב מיין אָנוועזנהייט. הערנדיק זי, האָב איך ניט געקענט באַהערשן מיין צערודערונג. צום סוף האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אויפן געזעלטשאַפטלעכן נסיון פון די מנהיגים וואָס שטייען בראש פון דער יונגער מדינה. „דערווייל זיינען מיר ניט קיין מומחים אין מלוכה־אַדמיניסטראַציע" — האָט זי געזאָגט — „מיר זיינען אָבער טרייע תלמידים פון דעם גרויסן גייסט, וואָס האָט געבראַכט אין זיינע פליגל די איבערגעשטאַלטונג אין לעבן פון פאָלק, און מיט זיין כוח וועלן מיר ביישטיין אַלע נסיונות און פּראָבלעמען וואָס דער־וואַרטן אונדז".

ווען מיר זיינען נאָך דער פייערלעכער אַקאַדעמיע געגאַנגען אַהיים איבער־צוטאָן זיך, זיינען ווידער געשטאַנען טויזנטער שאַלנדיקע מענטשן פון אַלע זייטן. אין דער אכסניה האָט אויף אונדז געוואָרט אַ טעלעגראַם פון ישראל, וואָס האָט צוויסן געגעבן פון אַ רעגירונגס־קריזיס און אַז די מיניסטאָרן פון „אחדות העבודה" — בר־יהודה און יגאל אלון — האָבן פאַרלאָזן די רע־גירונג.

ווי האָט גאָלדע געזאָגט אויף דער פאַרזאַמלונג מיט אַ ווײַלע צוריק? — מיר זיינען ניט קיין ספּעציאַליסטן פון פירן אַ מדינה...

***

בעת דער מלחמה, ווען מיר, די ישראל־זעגלער, האָבן זיך געפונען אין מאַלטאַ און האָבן זיך דערוווּסט, צווישן אַנדערן, וועגן די רעוויזיעס וואָס די בריטישע סאָלדאַטן האָבן געמאַכט אין רמת הכובש, די רעוויזיע בשעת וועל־

כער ס'איז דערמאָרדעט געוואָרן שמואל וואָליניץ, איז דעם אויסברוך פון צאָרן, וואָס האָט אונדז אַרומגעכאַפּט, זייער שווער געווען צו באַהערשן. די פּרטים האָבן מיר זיך דערוווּסט אין אָוונט, אין סערזשאַנטן־קלוב, און דער באַוווּסטזיין פון זיין פּאַרוואָרפן ווייט פון לאַנד, האָט נאָך מער פאַר־שטאַרקט דעם געפיל פון עלנטקייט און כעס אויף אונדזערע „פאַרבינדעטע" ענגלענדער, אונדזערע „חברים" צום געווער אין דער מלחמה מיט די נאַציס.

ווי אַזוי מיר האָבן רעאַגירט און פּראָטעסטירט, אין רעזולטאַט פון דער דאָ־זיקער ידיעה, ווערט אין דעם בוך דערציילט אויף אַ צווייטן פּלאַץ. מיט אומ־געדולד האָב איך געוואַרט אויף בריוו און צייטונגען פון דער היים, וואָס פירט אַ קאַמף מיט דער פאַררעטערישער מאַנדאַטאַרישער מאַכט.

פון די בריוו בין איך געוווּיר געוואָרן, אַז אַ סך חברים האָבן זיך, פון נאָענט און ווייט, אַ לאָז געטאָן צום באַלאַגערטן רמת הכובש, און איין בריוו האָט צווישן אַנדערן איבערגעגעבן, אַז גאָלדע מאיר איז דאָרט אויפגעטראָטן פונקט דאַן, ווען אַן אָפּטיילונג פון בריטישע זעלנער, וואָס איז געווען אין קיבוץ, האָט געסטראַשעט אַ גרופּע ייִדן, וואָס איז געקומען צו הילף. מיטן באַוווּסטזיין פון אייגענער און נאַציאָנאַלער ווערדע, האָט זיך גאָלדע אָוועק־געשטעלט פאַרן בריטישן קאָמאַנדיר און האָט אים געוואָרנט, אַז אַן אומגע־צוימטע אויפפירונג פון זיינע סאָלדאַטן קען ברענגען צו בלוט־פאַרגיסונג און צו פאַטאַלע רעזולטאַטן. „רייצט זיך ניט מיט די מענער און פרויען וואָס שיצן זייער הויז" — האָט זי געזאָגט. צום זכות פונעם קאָמאַנדיר דאַרף געזאָגט ווערן, אַז גאָלדעס ענערגישע רייד און מוטווילליקע שטעלונג זיינען פאַרשטאַנען געוואָרן ווי געהעריק, און ער האָט באַפוילן זיינע זעלנער אָפּ־צוטרעטן.

אַ געוואָגטע און שטאָלצע שטעלונג איז געווען די גרונד־אייגנשאַפט און פון די קענצייכנס פון גאָלדעס שטייגער, אין איר געראַנגל מיט קעגנער און שונאים און, צייטנווייז, אויך מיט גוטע פריינד — און אפילו שפּעטער, ווען זי האָט איבערגעגעבן די אָנפירערשאַפט מיט דער מלוכה אין ייִנגע־רע הענט.

***

אין אַ סך יאָרן אַרום, בין איך אַ געוויסן אָוונט געזעסן אויף דער בינע בשעת אַ מאַסן־אַקאַדעמיע אין כפר־סבא, צו די זיבעציק יאָר פון דער גרינ־דונג פון דער מושבה, וואָס איז עטלעכע מאָל צעשטערט געוואָרן און אויף דאָס ניי אויפגעבויט געוואָרן, ביז זי האָט זוכה געווען צו ווערן אַ וויכטיקער

צענטער אין ישראל. ווען גאָלדע מאיר האָט, אַלס פּרעמיער, באַגריסט די פאַרזאַמלטע צו זייער יום־טוב, האָט זי אונטערגעשטראָכן דעם אַקטיוון וועג פון דעם דאָזיקן ישוב, פון זיינע חלוצים, וועמען ס'האָט אין זייער קאַמף סטימולירט דער כוח פון טריישאַפט און גרענעצלאָזער ליבשאַפט צום לאַנד; אין איר לשון וואָס האָט געשפּרודלט מיט האַרציקער וואַרעמקייט, האָט זי אויך באַטאָנט די מוטיקע שטעלונג פון רמת הכובש, וואָס איז פון כפר־סבא אַוועק באַזעצן זיך אין סאַמע האַרץ פון די פיינטלעכע דערפער, האָט איר שליחות אויסגעפילט מיטן פּרייז פון אַ סך קרבנות און מיטן כוח פון „אין ברירה", און האָט מיט דעם געשאַפן אַ שוצגאַרטל פאַר דער מושבה, וואָס האָט זוכה געווען צו דער בכבודיקער פּאָזיציע פון אַ שטאָט אין מדינת ישראל.

דערמאָנענדיק דאָס אַלץ, האָט זי ניט געקענט באַהערשן איר געררירטקייט, וואָס האָט אָנגעשטעקט אויך די טויזנטער פאַרזאַמלטע. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די געשעענישן וואָס ווערן „פאַרגעסן" אין לויף פון דער טאָג־טעגלעכ־קייט, ווערן באַלויכטן, אין אַזוינע רגעס פון חסד, מיט אַ זין, וואָס איז מיילן ווייט פון דער אַלטעגלעכער באַנאַלקייט. איך אַליין האָב געהאַט אַ געפיל, ווי די מדינה וואָלט צוגעטראָגן אַ ביז גאָר טייערע באַלוינונג פאַר רמת הכובש, אַ פּרייז וואָס ווערט געשאָנקען בלויז פאַר ספּעציעלע גבורה־אָפּעראַציעס. הערנדיק די רייד, האָב איך אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ מיט אַ געפיל פון באַ־שיידנקייט און דאַנקבאַרקייט.

בשעת אַ פייערונג פון דער ייִדישער אַגענץ אין ירושלים, האָט גאָלדע צוגעגרייט אַ קבלת־פּנים פאַר אַלע באַטייליקטע אין גרויסן זאַל פון דער כנסת. די געסט האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי כדי צו קענען דריקן איר האַנט. געווען זיינען דאָ פאַרשטייער פון פאַרשיידענע ריכטונגען פון ייִדנטום, פון פאַרשיידענע לענדער, און גאָלדע האָט מיט יעדערן פון זיי גערעדט אין זיין שפּראַך, האַרציק און פריינדלעך, ווי איר שטייגער איז. איך בין געשטאַנען אָן אַ זייט, ווען זי איז אַזוי פאַרנומען געווען מיט אויפנעמען די געסט, נאָר ווען זי האָט מיך צופעליק דערזען, האָט זי זיך פון דער ווייטנס אָפּגערופן: וואָס איז, באַנקאָוער, דיר שטייט ניט אָן צו זאָגן שלום?"

כ'בין צוגעגאַנגען און געדריקט איר האַנט, און אין רעש און קלאַפּעריי פון די פּאָטאָגראַפן, האָט זי געזאָגט: „אַ רגע האָב איך אַ טראַכט געטאָן, אַז אפשר בין איך אויך צוגעטשעפּעט געוואָרן צו ספּירס רשימה, וואָס לויט בן־אהרנען איז ער דער גרעסטער שונא פון די אַרבעטער..."

געווען איז עס אָן אויסדרוק פון כעס אויף די באַשולדיקונגען פון בן־אהרן, דעם מזכיר פון הסתדרות.

„איך על כל פנים טראַכט ניט אַזוי וועגן דיר, און כ׳מיין אַז בן־אהרן אויך ניט און דיר זיינען גוט באַקאַנט מיינע געפילן צו דיר, גאָלדע״ — האָב איך איר געענטפערט. כ׳בין אָבער ניט זיכער, אַז זי האָט געהערט, ווייל דער טומל האָט איינגעשלונגען יעדעס וואָרט וואָס איז ניט אויסגעשריִען געוואָרן, און מיינע ווערטער זיינען געפאַלן דווקא שטילערהייט...

***

דעם טאָג ווען יצחק טאַבענקין איז געבראַכט געוואָרן צו אייביקער רו אין עין־חרוד, האָב איך געזען גאָלדען אין הויף פון ועד הפועל אין תל־אביב, אַן איבערגעבויגענע אויף זיין ארון אין אַ ביטערן און געהאַמעוועטן געוויין. ס׳זיינען אין דעם געקומען צום אויסדרוק די טיפע און קעגנזייטיקע געפילן, וואָס האָבן פאַרבונדן די צוויי מענטשן, די אַכטונג מיט וועלכער זיי האָבן זיך באַצויגן איינער צום צווייטן, סיי ווען זיי האָבן געהערט צו איין פאַרטיי, סיי ווען זיי זיינען געווען פאַרטייִשע קעגנער.

כ׳האָב זיך דערמאָנט אין דעם „צוזאַמענפאַר פון די מיליאָנערן״, ווו גאָלדע האָט געהאַלטן אַן איינדרוקספולע און עמאָציאָנעלע רעדע און ווען זי האָט פאַרענדיקט האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט און מיט ליבשאַפט אַפּלאָדירט. אַרויסגייענדיק פון זאַל האָב איך אָנגעטראָפן טאַבענקינען און כ׳האָב זיך אָפּגערופן: „גאָלדע האָט געהאַלטן אַ גרויסע רעדע״.

„ס׳איז ניט קיין ענין פון אַ גרויסער רעדע״ — האָט ער געענטפערט — „גאָלדע איז אַ גרויסע פערזענלעכקייט און אַ גרויסער פאַרשטייער פון אונדזער פאָלק״.

נאָך דער פאַראייניקונג און דער גרינדונג פון דער ישראלדיקער אַרבעטס־פאַרטיי, איז גאָלדע געוואָרן סעקרעטאַר. זי פלעגט תמיד אויפנעמען טאַבענקינען מיט אַ באַזונדערער געררירטקייט. איין מאָל אויף אַ זיצונג, בין איך געזעסן אין דער ערשטער ריי. טאַבענקין האָט אָנטייל גענומען אין פּאָליטישן וויכוח, און זיינע רייד, וואָס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט עקספּרעסיע און טיפער איבערגעגומענקייט, האָבן אַריבערגעפירט דעם שמועס פון זיין דורכשניטלעכקייט, אין וועלכער ער איז געפירט געוואָרן, צו אַ ניווא וואָס האָט דערמאָנט אין די ערשטע גרויסע טעג פון דער באַוועגונג. נאָך דער זיצונג בין איך צוגעגאַנגען צום פּרעזידיום און כ׳האָב געהערט ווי גאָלדע רופט זיך אָפּ צו איינעם — כ׳געדענק היינט ניט ווער — וואָס איז געזעסן לעם איר:

„בלויז צוליבן זוכה זיין אַז טאַבענקין זאָל זיין צווישן אונדז, איז כדאי און נויטיק געווען די פאַראייניקונג!״

אין האַרץ פון דער בראשית־וועלט

דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען יהודה אלמוג מיט אַ פיר־פינף חדשים פאַר זיין פלוצעמדיקן טויט. געווען איז דאָס אין זיין קליין צימערל אין דער מצדה־אכסניה, מיטאָגצייט. דער ים המלח האָט געהויערט אונטן אין זיין ראַם און אַ לייכטע פאַרע איז געשטיגן אַרויף־צו פון זיין וואַסער־שפּיגל. מיר איר שווער געווען צוגעווינען זיך צו דעם נאָמען „אלמוג" נאָך דעם ווי כ'האָב אים יאָרן לאַנג געקענט ווי קאַפּילאָוויטש. כ'האָב אָבער קיין מינדסטן ספק ניט געהאַט, אַז זיין כאַראַקטער און אייגנשאַפטן האָבן זיך ניט גע־ענדערט. ער האָט פאַרמאָגט אַ פאַרעקשנטע שטאַנדהאַפטיקייט וואָס גע־וויסע קעגנער האָבן דאָס באַצייכנט ווי פאַרשטיינונג.

כ'האָב ניט געקענט אורטיילן אויף ווי וויט ריכטיק ס'איז די פעסטשטע־לונג, ווייל אונדזער באַקאַנטשאַפט איז פאָרגעקומען אין די צוואַנציקער יאָרן און איז ניט געווען דורכגעדרונגען מיט פריינדשאַפט. כ'האָב געהאַט אַ געפיל פון דרך־ארץ און כבוד פאַר זיין צוגעבונדקייט צו אַ וויסטן שטח און צו איין־און־איינציקן רעיון, צו זיין בזיריש לעבן אין האַרץ פון אַ וויסטער וועלט, די בראשית־וועלט.

„די לאַנדשאַפט און די סביבה האָדעווען אויס בזירים, איסיים און קנ־אים", האָב איך געהערט פון פאַרשיידענע מענטשן. איך האָב אָבער ניט געקענט צושרייבן די דערשיינונג, וואָס הייסט יהודה אלמוג בלויז צו דער השפעה פון די נאַטור־באַדינגונגען, ווי שטאַרק זיי זאָלן ניט האָבן געווען.

„אויב דו ווילסט זען מצדה און דו האָסט ניט קיין צייט און קיין ענערגיע, קענסטו אויסנוצן די לופטליניע און אין פאַרלויף פון אַ פּאָר מינוט ביסטו אויפן שפּיץ באַרג" — האָט ער מיר געזאָגט. ער אַליין האָט זיך ניט באַנוצט מיט דער „טעכניק", וואָס, לויט זיין געפיל, האָט פוגע געווען אין דעם אורכאַראַקטער און אייגנאַרטיקייט פון דער פעסטונג ביי די רחבות־ליבֿ־האָבער. לויט זיין מיינונג, דאַרף מען זיך באַמיִען און גיין צו פוס מיט די סטעזשקעלעך וואָס פירן אַרויף, כדי צו דערפילן די קראַפט פון דערהויבע־נעם געראַנגל, וואָס איז דער אייגנטלעכער סימבאָל פון דער יידישער גע־שיכטע. וואָס איז אים איינגעפאַלן פאַרצולייגן מיר די „המצאה" פון דער לופטליניע?

כ׳האָב אים ניט געפרעגט, כ׳האָב ניט געוואָלט ער זאָל ברוגז ווערן. געקומען בין איך צום באַרגשפּיץ מיט דער לופטליניע, וואָס האָט מיט גאַרנישט געמינערט די דערהויבנקייט פון מיין געפיל, ווען כ׳האָב איינגעאָטעמט די לופט פון דעם פּלאַץ, ווו ס׳האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די טראַגישע גבורה פון אונדזער פאָלק, אַ גבורה פון וועלכער אַנדערע פעלקער האָבן ניט געוווּסט.

***

יהודהן האָב איך באַגעגנט ס׳ערשטע מאָל אין פּוילן אין יאָר 1925 אויף אַ קאָנפערענץ פון „החלוץ״, קורץ פאַר מיין עליה. יהודה אין דאַן געקומען פון ארץ ישראל, ברענגענדיק מיט זיך דעם אַרעאָל פון זיין נאָענטער פריינדשאַפט מיט יוסף טרומפּעלדאָר און ווי דער נאָכפאָלגער פון זיין וועג אין גדוד העבודה. אויף זיין אויפטריט האָט די קאָנפערענץ געוואָרט, געוואָלט אָפּנעמען אַ לעבעדיקן גרוס פון די ברענפּונקטן פון חלוצישער רעאַליזירונג. יענע זיצונג האָבן מכבד געווען מיט זייער אַנוועזנהייט יצחק גרינבוים און ל. רייך — די פאַרשטייער פון דער יידישער קהילה אין פּוילן.

דעם אמת געזאָגט, האָט יהודהס אויפטריט אַ ביסל אַנטוישט. קיין כּוח־הדיבור האָט ער ניט געהאַט. זיינע רייד זיינען געפאַלן אַן אַ טאַלק, צוגעשטאַמלט, אָבער אָפּנהאַרציק און מאַנענדיק. ווי באַלד ער איז געווען דער ערשטער ארץ־שליח וואָס מיר האָבן באַגעגנט, האָבן מיר אַנגענומען, ווי זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז דאָס איז דער נוסח פון דאָרטיקן ריידן און מיר האָבן זיך אפילו באַאיינדרוקט פון זיין אויפטריט, וואָס האָט ווייט ניט דערפילט אונדזערע דערוואַרטונגען.

נאָכן עולה זיין און שטעלן די ערשטע טריט אין פּתח־תקווה, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף דער קריזיס־שטימונג וואָס האָט, ווי אַ רעזולטאַט פון דער שפּאַלטונג אין גדוד־העבודה, אַרומגעכאַפּט די קיבוצישע באַוועגונג אין לאַנד. מיר האָבן זיך „פאַרבלאָקירט״ פון אַלע „עגאָיִסטישע״ תביעות פון געוויסע סעקטאָרן פון דער קיבוצישער באַוועגונג און מיר האָבן זיך באַטראַכט, ווי באַרופענע צו קאָנסאָלידירן די איינהייט פון דער תנועה.

דער מאַנגל אין אַרבעט און דער אַלגעמיינער קלעם, וואָס איז אויסגעפאַלן אויף אונדזער גורל באַלד מיטן אָנקומען אין לאַנד, האָבן גורם געווען אַנטוישונג און אָפּפאַל פון חברים; מיר האָבן זיך געראַנגלט מיט אַלע כּוחות מיט יאוש־שטימונגען און זיינען זייער פילבאַר געווען צום קלענסטן פּרווו פון שעדיקן אונדזער געזעלשאַפטלעכע אחדות.

איין מאָל איז אַראָפּגעקומען יהודה קאָפּילאָוויטש, וואָס האָט דעמאָלט

געהערט צו תל־יוסף, אין מחנה פון „הכובש”. געמיינט האָב איך, אַז ער איז מקיים זיין צוזאָג צו שטיין מיט אונדז אין קאָנטאַקט, ווי נאָר מיר וועלן קומען אין לאַנד; אָבער גאָר גיך האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער שמועסט מיט חברים ביחידות און באַמיט זיך ווערבירן חברים פאַר תל־יוסף, וואָס האָט זיך אין דעם זייער געגייטיקט. און ס'האָבן זיך טאַקע געפונען איינ־צלנע חברים, אויף וועלכע יהודה האָט משפיע געווען.

יהודהס „קאָנספּיראַטיווע” מאַכינאַציע האָט אויפגערודערט די חברים פון „הכובש” און אַרויסגערופן אַ זייער שאַרפן פּראָטעסט. מיט זיינע באמת „חלוצישע מאַטיוון” האָט ער געקענט צעשפּליטערן אונדזער יונגע און בייע חברה, וואָס ראַנגלט זיך מיט די ערשטע אָרגאַניזירונגס־ און אַקלימאַטיזי־רונגס־שוועריקייטן. שלום מאַכן מיט דעם האָבן מיר ניט געקאָנט.

דעם זעלבן אָוונט איז פאָרגעקומען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, צו וועל־כער ס'איז איינגעלאַדן געוואָרן אויך יהודה, וואָס האָט „זוכה” געווען צו „יענעם” קבלת־פּנים. כמעט אַלע חברים האָבן געשטעמפּלט זיין אומ־לאָיאַלע טעטיקייט, און איך האָב דעפינירט זיין האַנדלונג ווי אַן אַנטיפּאַט־ריִאָטישע, ניט נאָר כלפּי דעם „הכובש”, נאָר אויך כלפּי דעם קאָנצעפּט פון סאָלידאַרישקייט און אחדות אין דער קיבוצישער באַוועגונג, וואָס כדי דאָס צו פאַרווירקלעכן זיינען מיר געוועגן גרייט צו גרויסע אָנשטרענגונגען. ווי נאָר טאָג האָט אונדז יהודה פאַרלאָזט אַ ברוגזער און פאַרשעמטער. זיין אויטאָרי־טעט אין גדוד העבודה איז צוליב דער דאָזיקער האַנדלונג ניט ווייניק גע־טראָפן געוואָרן.

צו יענער צייט האָט ניט נאָר יהודה געפּרוּווט „אונטערערדיש” ווערבירן חברים פאַר אַנדערע פונקטן. דעמאָלט איז אויך געשען דער שאַרפער אידע־אָלאָגישער קריזיס און די שפּאַלטונג אין גדוד העבודה (ווען, ווי אַ רעזול־טאַט, האָט די לינקע עלקינד־גרופּע פאַרלאָזט דאָס לאַנד און אַוועקגעפאָרן אין „סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד”, ווו די מערהייט פון זיי איז מיט דער צייט ליקווידירט געוואָרן). צוליב די קריזיסן זיינען אָפּגעפאַלן חברים ניט נאָר פון די ניט־דערפאַרענע קיבוצים, נאָר אויך פון די אַלט־געזעסענע.

באַלד נאָך יהודה קאַפּילאַוויטשעס באַזוך אין „הכובש” האָט אונדז וויזי־טירט בן־ציון ישראלי. אויך ער האָט געפּרוּווט אָפּציִען חברים פאַר דער קבוצה פון כנרת. איינער פון זיינע מאָטיוון איז געווען, אַז היות די גרינדער פון כנרת שטאַמען פון ווילנער „החלוץ”, איז קלאָר, אַז אויך דער „הכו־בש”־עולם, וואָס קומט אויך פון ווילנע, זאָל זיך אָנשליסן אין כנרת...

מיר האָבן בן־ציונען דערקלערט, אַז דער „הכובש” קלייבט זיך ניט פו־נאַנדערצופאַלן און איז ניט גרייט צו זיין דער רעזערוואָר פאַר די קיבוצים

וואָס געפינען זיך אין קלעם. מיר אַליין שטייען אין רשות פון דער באַוועגונג אין קאַמף פאַר יִדישע אַרבעט אין די מושבות, און דאָס ווערט געטאָן דורך אָנגעשטענגטער טעטיקייט ביים קאָנצענטרירן און פאַראייניקן אויף ס׳ניי די קיבוצישע באַוועגונג.

די דאָזיקע דערציילונגען זינגען אפשר ניט קיין שבחים אונדזער באַוועגונג אין דער צייט פון דער דריטער און אָנהייב פערטער עליה, נאָר מיר דאַרפן וויסן, אַז דער גאַנצער וועג איז אויסגעברוקירט געווען מיט ראַנגלענישן, אידעיִשע און אָרגאַניזאַציאָנעלע, וואָס אין פערספּעקטיוו פון דער צייט זעען זיי אויס ווי „אומפאַרשטענדלעכע״, אָבער מיט זיי האָט דעמאָלט פּולסירט אונדזער לעבן און זיי האָבן פאַרנומען דעם צענטער פון אונדזערע מחשבות און מעשים.

***

ווי גוט עס איז וואָס דאָס אַלץ איז שוין ווייט פון אונדז — האָב איך געטראַכט אַראָפּגייענדיק פון מצדה און בעתן אומקערן זיך אין יהודה אלמוגס צימער. די פּראַכט פון מצדה האָט בולט געמאַכט די נישטיקייט פון זאַכן, פאַר וועלכע מיר פלעגן זיך ראַנגלען אין דער ניט ווייטער פאַרגאַנגענהייט מיט אַזוי פיל מסירת נפש.

איצט האָב איך געקענט אָפּשאַצן יהודה אַלמוגן אַליין און זיין לעבנס־שטייגער פון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט. הן דער באַוווּסטזיין און הן דאָס געפיל האָבן מיר איצט געגעבן אָנצוהערן, אַז איך געפין זיך אין דער מחיצה פון אַ מענטשן, וועמעס לעבן אין דער בראשית־וועלט וועט אפשר אין דער צוקונפט איינגעשלאָסן ווערן אין די ראַמען פון לעגענדעס.

דער פראַק און צילינדער און די ליידי מיטן שלעפּ

אין אַ נאָוועמבער־טאָג פון 1952סטן יאָר בין איך געקומען אויף אַ זיצונג פון ועד הפּועל פון דער הסתדרות אין תל־אביב. גייענדיק מיטן קאָרידאָר האָב איך באַמערקט די הויכע, דאַרע און געבויגענע געשטאַלט פון יצחק בן־צבי, ווי ער קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן מיט אַ מין הילפלאָזיקייט, וואָס כאַפּט אָן ביים האַרץ. כ׳האָב פאַרשטאַנען אַז ער זוכט עפּעס אָדער עמעצן. קענענדיק זיין באַשיידנקייט און צניעות, וואָס דערגייט אָפּט צו נאַיִווקייט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מ׳דאַרף אים פרעגן אין וואָס עס גייט אים, אפשר וועל איך אים קענען העלפן, און כ׳בין צו אים צוגעגאַנגען.

„וואָס טוסטו דאָ בן־צבי?” האָב איך אַ פרעג געטאָן.

„גאָרנישט, גאָרנישט”, האָט ער געענטפערט. „די זיצונג פון דער כנסת האָט זיך געענדיקט, בין איך געקומען אַהער, אפשר וועל איך כאַפּן אַ טרעמפּ קיין ירושלים”.

כ׳האָב גלייך אָנגעהויבן פרעגן פאַרשיידענע מענטשן צי זיי ווייסן פון אַ מאַשין וואָס גייט קיין ירושלים, כ׳האָב זיך אָבער גאָרנישט דערוווּסט און מיט צער אים געזאָגט, אַז דאָ איז ניטאָ קיין אויסזיכט צו געפינען אַ טרעמפּ.

„ס׳מאַכט ניט אויס, כ׳וועל צוגיין און פאָרן מיט אַן אויטאָבוס”, האָט ער רויִק געענטפערט, געזאָגט „שלום” און איז אַוועק. אַ פּאָר מינוט האָב איך אים באַגלייט מיט מיין בליק.

געשען איז דאָס אַ דריי אָדער פיר טעג איידער די צענטראַלע פון דער פּאַרטיי האָט באַשלאָסן אַרויסצורוקן זיין קאַנדידאַטור אויפן בכבודיקן אַמט פון דעם צווייטן נשיא פון מדינת ישראל...

***

דעם זעלביקן אָוונט, גייענדיק אַהיים, האָט זיך מיר דערמאָנט די באַגע־געניש מיט בן־צבי אין די קאָרידאָרן פון ועד הפּועל און כ׳האָב דערפילט אַז איך שמייכל צו זיך אַליין. פון וואַנעט דער פלוצעמדיקער שמייכל? כ׳האָב זיך דערמאָנט אין אַ זיצונג פונעם צ.ק. פון דער פּאַרטיי וואָס

איז פאַרגעקומען מיט עטלעכע יאָר צוריק, און בן־צבי, דעמאָלט פּאַרזיצער פון ועד הלאומי, האָט ראַפּאָרטירט וועגן זיין אָנטייל, ווי אַ פאָרשטייער פון ישוב אין לאַנד, אין קרוינונגס־צערעמאָניאַל פון ענגלישן קעניג אין לאָנ־דאָן. די אָנטיילנעמער אין דער זיצונג האָבן געשמייכלט, ווען זיי האָבן זיך דערמאָנט אין דעם בילד, וואָס איז דערשינען אין דער פּרעסע, ווי אַזוי בן־צבי האָט אויסגעזען אין זיין רעפּרעזענטאַציע־אוניפאָרם: אַ שוואַרצער פראַק, שוואַרצע אָנגעצויגענע הויזן מיט זאָקן־בענדלעך אונטער די קני, פון די לענדן שלעפּט זיך נאָך אַ שווערד און, פאַרשטענדלעך — אַ הויכער, שוואַרצער און גלאַנצנדיקער צילינדער אויפן קאָפּ...

אין אַ דינעם הומאָר און מיושבדיק האָט בן־צבי דערציילט אויף דער זיצונג וועגן זיינע „אַוואַנטורעס” אין דער פאַרוואָלקנטער הויפטשטאָט, און אין צימער, ווו ס'זיינען פאָרגעקומען ערנסטע און, צייטנווייז, דערדריקנ־דיקע פאַרהאַנדלונגען, האָט זיך געשאַפן אַ פריילעכע און אויפגעלייגטע שטימונג. ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז אין לאָנדאָן אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס כבוד, געוווינט אין אַ פּרעכטיקן האָטעל, ווי אַלע געסט פון ענג־לישן מלך, טאָג און נאַכט האָט אים באַגלייט „אַן אַדיוטאַנט”, אַ מיידזשער, וואָס האָט געזאָרגט פאַר זיינע אַלע באַדערפענישן. אין פאַרלויף פון יענער וואָך איז ער געצווונגען געווען אָנטייל צו נעמען אין פּראַכטפולע מסיבות, צוזאַמען מיט די הויכגעשטעלטע געסט, אין דער געזעלשאַפט פון לאָרדן און באַראָנען, ווי אויך איינעם אָדער צוויי פירשטן...

ער האָט געשילדערט די פּילפּאַרביקע פּראָצעסיע, די מאַניפעסטאַציע פון דער קעניגלעכער משפחה אין אַ גאָלדענער קאַרעטע געשפּאַנט מיט זעקס ראַסאַווע פערד, די רייען פון די עלעגאַנטע רייטער אין זייערע פּילפּאַרביקע אוניפאָרמען, פאַר און נאָך דער קאַרעטע, די צוויי קאָלאָנעס פון דער קעניגלעכער וואַך, מיט די הויכע פּאַפּאַכעס און אַרויסגעצויגענע שווערדן פוןביידע זייטן טראַקט, די סוויטע פון די באַגלייטער, און דאָס שאָלן פון די מאַסן לכבוד זייערע הערשער. דערנאָך האָט ער דערציילט וועגן דער צערעמאָניע אין דער אַלטער וועסטמינסטער קירך, וואָס האָט געגלאַנצט פון גאָלד און פּורפּור און פאַרבלענדט מיט ליכט; דאָס כאָרגעזאַנג און אָרגל־שפּיל — אַ מין פּראַכט און גלאַנץ, וואָס האָבן אפשר געחתמעט די תקופה פון דער אימפּעריע פאַר איר פאַרגיין...

אויף אַ ווײַלע זיינען פאַרגעסן געוואָרן אַלע צרות, וואָס די דאָזיקע אימ־פּעריע האָט אונדז צוגעטראָגן בשפע...

דאָ איז בן־צבי דערגאַנגען צום פּיקאַנטסטן עפּיזאָד פון זיין רייזע, דער־ציילנדיק אים אָן שום קווענקלעניש, נאָר מיט אַ מין שלום־מאַכן און גוט־

האַרציקייט, אויף אַזוי ווייט, אַז מיר אַלע האָבן זיך איינגעהאַלטן ניט אויס־צושיסן מיט אַ ווילדן געלעכטער און באַנוגנט זיך מיט אַ געהאַמעוועטן שמייכל...

דער עיקר פון יענער מעשה — אויף איינער פון די אויפנאַמעס איז אויסגעפאַלן, אַז בן־צבי זאָל זיצן לעם אַ זייער בכבודיקער ליידי, וואָס האָט געטראָגן אַ קלייד פון ווייסן זייד מיט אַ זייער לאַנגן שלעפּ. בעתן זעצן זיך האָט זי פאַרהויבן דעם שלעפּ. בן־צבי, וואָס איז געזעסן לעם איר, האָט ניט געשפּירט, אַז דער שלעפּ איז געפאַלן אויף אים. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער באַמערקט, אַז אַ ווייסער לייוונט דעקט צו זיין אונטערשטן טייל קערפּער, האָט ער זיך דערשראָקן ווי ס׳באַדאַרף צו זיין: ער איז זיכער געווען, אַז זיין העמד איז אַרויסגעקראָכן פון די הויזן...

וואָס האָט ער געטאָן? שטילערהייט, דיסקרעט, האָט ער זיך באַמיט אַריינ־צורוקן „זיין העמד" אין די הויזן... ער שטופּט און שטופּט, נאָר קיין סוף איז ניטאָ... צי דען איז זיין העמד אַזוי לאַנג געוואָרן?.. ערשט איצט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער לייוונט האָט ניט קיין שייכות צו זיין אַנטועכץ, האָט ער שנעל גענומען אים אַרויסציִען צוריק... אין דער רגע האָט זיך די פאַרנעמע דאַמע אַ קער געטאָן צו אים, דערזען וואָס ער טוט און איז דער־שטוינט געוואָרן. צו זיין גליק האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען אַ זייער גוט דערצויגענע פרוי און זי האָט גאָרנישט געזאָגט, און איז אָפּגעקו־מען מיט עטלעכע שאַרפע און פאַרחידושטע בליקן אין זיין זייט...

דאָ האָבן זיך שוין אַלע אַנטיילנעמער אין דער זיצונג ניט געקענט באַהער־שן און האָבן אויסגעשאָסן אין אַ ווילדן געלעכטער מיט בן־צבי אין איינעם... געדאַגהט האָבן מיר ניט, ווייל מיר זיינען איבערצייגט געווען, אַז טראָץ דעם קאָמישן פאַרפאַל, האָט בן־צבי אויסגעפילט זיין שליחות אויפן בעסטן אופן...

***

ווי ס׳איז באַקאַנט האָבן בן־צבי מיט זיין פרוי, רחל, געוווינט אין אַ הילצערנעם באַראַק, וואָס האָט געהערט צום משק הפּועלות אין ירושלים, און האָט זיך פאַרוואַנדלט אין מישכן פון נשיא, ווען בן־צבי איז אויסגעוויילט געוואָרן צו דעם הויכן אַמט. קיינעם איז ניט איינגעפאַלן, אַז דאָ שטעקט אַ געמאַכטער אַנשטעל פון באַשיידנקייט, ווייל בן־צביס צוריקגעהאַלטנ־קייט און עניוות איז געווען אַזוי נאַטירלעך, אַזוי געבונדן מיט זיין פערזענ־לעכקייט, אַז אַלע האָבן אין דעם געזען אַ נאַטירלעכן המשך פון אַן אַקטיוון לעבנס־שטייגער פון אַ מענטשן, וואָס איז ריין אין ווייסן און אין מעשים.

ביידע, ער און רחל, האָבן איינגעפירט די טראַדיציע פון אַן „אָפן הויז” אין דעם מישכן פון נשיא חול־המועד סוכות און חול־המועד פסח, און טויזנטער מענטשן, פון אַלע שיכטען און עדות, זיינען געקומען דריקן די האַנט פון זייער באַליבטן נשיא און ברענגען אים זייער האַרציקע ברכה.

איין מאָל, אין אַנהויב פון זיין פּרעזידענטשאַפט, האָב איך דערהאַלטן אַן איינלאַדונג פון בית הנשיא. מיט שטאָלץ און מיט שמחה בין איך אַוועקגעפאָרן קיין ירושלים.

„באַנקאָווער” — האָט מיר בעתן באַזוך געזאָגט בן־צבי — „איך וויל אַרויסגעבן אַ געזעץ, אַז אין בית הנשיא זאָל ניט איינגעלאַדן ווערן אַזאַ, וואָס האָט ניט געטוישט זיין פרעמדשפּראַכיקן נאָמען אויף אַ העברעישן... איז אויב דו האָסט בדעה להבא אונדז צו באַזוכן, טאָ מאַך דאָס וואָס שנעלער...”

ער האָט דאָס געזאָגט מיט אַזאַ ערנסטקייט, אַז איך האָב אים גלייך צוגעזאָגט, צו באַמיִען זיך אַנטקעגנצוקומען זיין פאַרלאַנג, אָבער צום באַדויערן, איז דאָס מיר ניט געלונגען עד היום, ווי כ'האָב דאָס שוין פריִער דערמאָנט.

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט בין איך געקומען אין בית הנשיא אין שפּיץ פון אַ קאָמבאַטאַנטן־דעלעגאַציע פון ביידע וועלט־מלחמות, ווען עס קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין ירושלים. בן־צבי, וואָס איז געזעסן צווישן מיר און זיין פרוי רחל, האָט מיר פריינדלעך איבערגעגעבן דאָס וואָרט צו באַגריסן זיין פרוי, וואָס איז געווען צווישן די פרייוויליקע פון גדוד העברי אין דער ערשטער וועלט־מלחמה...

מיט פאַרגעניגן בין איך אַנטקעגנגעקומען זיין פאַרלאַנג, ווייל כ'האָב געוווסט, אַז ער זאָרגט ניט נאָר פאַר רחלס פּאָזיציע און כבוד, נאָר ער איז מקיים איינע פון זיינע אייגנשאַפטן ניט צו פאַרמינערן דעם חלק פון אַ מענטשן אין די גוטע מעשים, אין וועלכע ער האָט אַנטייל גענומען...

אין שאָטן פון דער זשאַקאַראַנדאַ

אויפן גראָז לעם מיין הויז פאַרברענג איך איצט עטלעכע שעה אין טאָג אונטער דעם ברייט־צעוואַקסענעם זשאַקאַראַנדאַ־בוים, וואָס פון זיינע צע־שפּרייטע צווייגן פאַלט אויף מיר אַ שיטערער שאָטן, האַלב פאַרמישט מיט זון. ערשט ניט לאַנג האָט מיך אַ שווערע קראַנקייט צוגעשמידט צום בעט און, נאָכן פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, בין איך געצוווּנגען געווען לאַנג צו זיצן אויף מיין שטול. אין דער פרייער צייט, מיט וועלכער כ'האָב איצט דיספּאָנירט בשפע, פלעג איך, צווישן לייענען אַ צייטונג און אַריינקוקן אין אַ ספר, טראַכטן וועגן פאַרשיידענע אָפּשניטן און קאַפּיטלעך פון מיין לעבן, וואָס פלעגן פלוצעם אויפשווימען אין מיין זכרון אָן שום דירעקטער סיבה.

אַ — טראַכט איך אָפט — אַזאַ געשעעניש איז אומבאַדינגט ווערט זי זאָל אַריין אין אַ ספר... און די... און די...

אָבער גאָר גיך איז גובר דער שכל־הישר און כ'פאַרשטיי, אַז זייער אַ סך פון די דערציילונגען וועלן צום דרוק ניט דערגיין, און אַז אַזאַ איז שוין, ווייזט אויס, דער גורל פון מענטש, אַז אַ סך פּרקים פון זיין לעבן זאָלן בליי־בן זיין אייגענער, אויסשליסלעכער פאַרמעגן און ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ צייטווייליקן אייגנטום פון כלל. און אייגנטלעך, צי קען אַ מענטש אַריינבעמען אין זיין זכרון אַלץ וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אויף זיין לעבנס־וועג, בפרט, ווען ער איז געווען לאַנג און זייער שטורמיש.

נו, גוט... איך הער אויף, און דו זאָלסט מיר ניט זאָגן: „באַנקאָווער, אויך דו הייבסט שוין אָן פילאָזאָפירן?.. מיר האָבן דיך אַלס אַזאַ ניט גע־קענט"...

—אַבסאָלוט, ביסט גערעכט... אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך בין ניט קיין באַלעבאָס איבער די בילדער און געשטאַלטן, וואָס טויכן אויף אין מיינע געהירן און האַרץ?

למשל, די קינדער־יאָרן... פלוצעם שטייען אויף פאַר מיר די קינדער־יאָרן... ס'קען זיין, אַז די אָפטע באַזוכן פון די אייניקלעך וועקן מיר אויף אין האַרצן מיין קינדהייט, דעם אונטערשייד און פאַרשיידנקייט צווישן מיין און זייער קינדהייט, שטרייכן אונטער ניט נאָר די דיסטאַנץ צווישן

די דורות, נאָך אויך צווישן די וועלטן... דו טראַכסט ניט אַזוי ?.. מיר אָבער דאַכט זיך, אַז עפּעס איז אין דעם דאָ.

ס׳איז שוין באַלד פאַרנאַכט, אָבער די זון וואַרעמט נאָך, ברענט אפילו. ווי געוויינלעך מיטן פאַרגיין פון זומער. און שטעל זיך פאָר, אַז זייענדיק פאַרזונקען אין אַ מין האַלב דרעמל, האַלב חלום, גייט פאַר מיר דווקא אויף אַ בילד פון אַ ווייסער וועלט, אַ וועלט פון שניי, שטעטלשע הייזקעס ווי ווייסע שאַכטעלעך און פון יעדערער שלענגלט זיך אַ רויך אַרויף, אַרויף... קאַמיש... איך כאַפּ זיך טאַקע אַז איך שמייכל.

פרעגסט פאַרוואָס איך שמייכל ? אָ, ווייל כ׳האָב זיך דערמאָנט אין דעם ווינטערדיקן שבת ווען כ׳האָב געזען... מיין אויער... גלייבסט ניט ? איך רייד אָבער אַבסאָלוט צו דער זאַך.

ווען ס׳פלעגט צופאַלן אַ שטאַרקער פראָסט אין שטאָט, פלעגן די פרנסים אַרויסהענגען אַ רויטע פאָן אויף אַ זייער הויכן מאַסט, כדי צו וואָרענען די קינדער, אַז עס איז אַ סכנה אַרויסצוגיין אין דרויסן, אַז קיין למודים קומען ניט פאָר, און זיי דאַרפן פאַרבלייבן אין שטוב.

דעם שבתדיקן פרימאָרגן, וועגן וועלכן איך דערצייל, בין איך, ווייזט אויס, געווען פאַרטאָן, אין אַ וועלט פון חלומות און כ׳האָב ניט באַמערקט די רויטע פאָן. אָן אויערן־קליאַפּקעס און אָן אַ שאַליק בין איך אַוועק אין שולע. ווען כ׳בין שוין געווען ניט ווייט פון איר, האָב איך דערפילט אַ שרעק־לעכע שטעכעניש אין די אויערן. אַריינגייענדיק אינעווייניק האָב איך געט־ראָפן עטלעכע לערער, וואָס פאַרנעמען זיך מיט אייניקע קינדער, וואָס זיינען אויך געקומען לערנען און האָבן זיך געניייטיקט אין גיכער הילף. מ׳האָט אַריינגעטראָגן פון דרויסן אַ פולן עמער שניי און מיט דער ווייסער געפּריי־רעכץ האָט מען אָפּגעריבן די פאַרפרוירענע אויערן. נאָך דעם ווי אויך איך האָב באַקומען אַזאַ באַהאַנדלונג, בין איך גלייך אָפּגעשיקט געוואָרן אַהיים, וווּהין כ׳האָב זיך געסטאַרעט וואָס גיכער צו קומען.

כ׳געדענק די פרייד, מיט וועלכער מיינע פאַרזאָרגטע עלטערן און ברידער האָבן מיך אויפגענומען, ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין דער פרי איז אויפן שולמאַסט אַרויסגעהאַנגען געוואָרן די רויטע פאָן, די פאָן פון סכנה. זיי האָבן תיכף אַראָפּגעצויגן פון מיר דעם מאַנטל און מיך צוגערוקט צום אויוון כדי צו דערוואַרעמען מיינע פאַרפרוירענע אויערן — זייער אַ האַר־בע האַנדלונג, ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן.

און ווירקלעך, קורץ נאָך דעם האָבן מיינע אויערן גענומען אויפלויפן און וואַקסן אויף אַזוי ווייט, אַז פון די אויגן־ווינקלעך האָב איך זיי געזען ווי צוויי זעגלען פוןביידע זייטן קאָפּ. די בהלה איז געוואָרן גרויס און מען

האָט באַלד געבראַכט אַ דאָקטאָר. ווי נאָר ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר, האָט ער אויסגעלאָזן זיין כעס פאַר דער שיינער באַהאַנדלונג, וואָס איך האָב באַקומען און האָט געוואָרנט מיינע עלטערן זיי זאָלן ניט אָנרירן מיינע אויערן חס ושלום, נאָר אָפּהיטן די זאַלב, מיט וועלכער ער וועט זיי שמירן, און אין עטלעכע טעג אַרום, מיט גאָטס הילף, וועלן די אויערן באַקומען זייער נאַטירלעכע פאָרם, אָדער זיי וועלן פאַרטריקנט ווערן און אַראָפּפאַלן ווי טרוקענע בלעטער...

דערהערנדיק זיינע רייד, האָב איך אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין. איך האָב שטאַרק פאַרקוועטשט די אויגן, כדי ניט אָנצוקוקן מיינע צעוואַק־סענע אויערן. אָבער ווען כ׳פלעג צופעליק אָן עפן טאָן די אויגן, פלעגן די אויערן אַרויסשטאַרטשען מיט זייער פולער גרייס און אָנוואַרפן אַ פחד...

וואָכן לאַנג האָט זיך געצויגן דער פאַרמעסט צווישן מיר און מיינע אויערן, ביז זיי האָבן זיך אומגעקערט צו זייער נאַטירלעכער גרייס. פון דאַן אָן בין איך זייער פּילבאַר געוואָרן וואָס אַנבאַלאַנגט אויערן און כ׳האָב זיי אָפּגעהיט מיט מסירת־נפש.

...און פּלוצעם וואַרפן מיך איבער די זכרונות צו די ערשטע טעג אין לאַנד, צום „הכובש״ אין פּתח־תקווה. די באַגעגעניש מיט דער לאַנדשאַפט אין לאַנד קען מען אפשר פאַרגלייכן צו דער ערשטער ליבע פון אַ יוגנט־לעכן, וואָס איז פול מיט אַנטציקונג און פאַרבלענדונג און שוועבט אין די וואָלקנס...

פאַרוואָס האָב איך זיך פּלוצלונג דערמאָנט אין דעם? ווייל פון זינט דאַן ווערט שוין באַלד פופציק יאָר... אפשר... צי וועט זיך ווער געפינען, וואָס זאָל געבן אַ געהעריקן אויסדרוק דעם ענין, בין איך ניט זיכער. דער „הכובש״ איז געווען דער ערשטער קיבוץ פון דער עליה פון פּוילן און, כאָטש גייסטיק (מער עמאָציאָנעל ווי לאָגיש) זיינען מיר געווען נאָענט צו „אחדות העבודה״, האָבן מיר דאָך געהאָט די העזה און די חוצפה צו באַטראַכטן זיך פאַר אַ יורנ־דיקער און בונטאַרישער קערפּערשאַפט, וואָס וויל זיין אַ סטימולירנדיקער פאַקטאָר אין דער קיבוצישער באַוועגונג און אין דער פאַראייניקונג פון די אַרבעטער־פּאַרטייען אין ארץ־ישראל. און מיר האָבן טאַקע זוכה געווען צו זען דעם צונויפגאָס פון „אחדות העבודה״ מיט דעם „הפועל־הצעיר״ און די גרינדונג פון „די אַרבעטער־פּאַרטיי אין ארץ־ישראל״, און מיר זיינען געווען צווישן די אַקטיווסטע טוער פון דער פּאַרטיי, וואָס האָט דעמאָלט אַרומגענומען די מערהייט אַרבעטער אין לאַנד. נאָך דעם האָבן מיר ווידער און ווידער דורכגעמאַכט קריזיסן פון שפּאַלטונגען און פאַראייניקונגען, ריסן

און ראַנגלענישן צווישן חברים וועגן דער אידעאָלאָגיע און מעטאָדן פון דער אַרבעט.

דאָ ניט לאַנג בין איך געווען אויפן בית־הקברות פון אונדזער ישוב, ווען מיר האָבן געבראַכט צו אייביקער רו צוויי פון אונדזערע זין, וואָס זיינען געפאַלן אין דער יום־כיפור מלחמה. מיינע אויגן האָבן זיך געשלייכט איבער די פילצאָליקע מצבות, געלייענט די איינגעקריצטע אויף זיי נעמען, און פאַר מיינע אויגן זיינען אויפגעגאַנגען די געשטאַלטן פון צענדליקער חברים, וואָס האָבן דורכגעמאַכט מיט אונדז דעם לאַנגן וועג און זיינען אַוועק פון דער וועלט, ווער פריִער ווער שפּעטער. זיי זיינען אַזוי פיל, האָב איך געטראַכט, און דער באַוווּסטזיין פון שרעקלעכן פּרייז, וואָס מיר האָבן באַצאָלט, האָט אין מיר געזעצט ווי מיט אַ שווערן האַמער.

שפּעטער־צו האָב איך זיך צוריקגעקערט צו מיין שטול אויפן גראָז און ווידער זיך באַגעגנט מיט מיינע זכרונות.

תמיד מיט דער באַוועגונג, תמיד אין דער באַוועגונג.

ס׳זיינען אויך געווען פאַרשטענדלעך, פּערזענלעכע מאָמענטן, וואָס די באַוועגונג האָט מיר צוגעטראָגן. איין טאָג אַזאַ געדענק איך. ווען כ׳בין פון מיין אַמט אין ועד הפּועל פון דער הסתדרות אַרויס אויף פּענסיע, האָב איך זיך דערזען אויף אַ געזעגענונגס־מסיבה וואָס מ׳האָט מיר געמאַכט און כ׳האָב זוכה געווען צו האַנטדרוקן און אַ צוקלאַפּן אין פּלייצע פון אַ סך חב־רים. יצחק בן־אהרן, וואָס איז צו יענער צייט געווען דער מזכיר פון דער הסתדרות און האָט אָנגעפירט מיט דער מסיבה, האָט דערציילט וועגן יענער ניט גרויסער גרופּע חברים, וואָס יעדערער פון זיי איז געווען אַ „טיפּ״, יעדער מיט זיין כאַראַקטער, תמיד אַריינגעטאָן אין אַ געוויסער אָפּעראַציע און תמיד האָט זיי געדראָט די סכנה פון איינברעכן זיך. אָבער תמיד — האָט בן־אהרן צוגעגעבן — איז צווישן אונדז געווען באַנקאָווער, וועמעס אויפגאָב איז געווען אָפּצוהיטן דאָס גייסטיקע גלייכגעוויכט, פּלעגן אָפּטי־מיזם, אַ גוטע שטימונג און אָנווייזן אויף אַ טיפער איבערגעגעבנקייט צווישן די חברים. יעדערער פון אונדז איז אַ בעל־חוב באַנקאָווערן — האָט פאַר־ענדיקט בן־אהרן — פאַר אַ רגע, אָדער אַ שעה פון לעבן, ווען זיין אָנוועזנ־הייט האָט געשאָנקען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט דערוואַרעמט דאָס האַרץ...

אָבער גענוג, גענוג... ס׳פּאַסט ניט צו קלאַפּן זיך אַליין אין פּלייצע... אמת, צווישן זיך גערעדט, האָב איך זיך נוהג געווען צו באַראַטן מיט חברים נאָך די פאַרלעזונגען, וואָס כ׳האָב דאָ און דאָרט געהאַלטן, געוואָלט הערן פון זיי אַ גוט וואָרט... וואָס אמת — איז אמת. וועסט מיר אָבער דערלויבן נאָך איין וואָרט. אין יענער מסיבה האָט אונטערגעשטראָכן אַ חבר פון „רמת־

הכובש" דעם פאַקט, אַז אַלע יאָרן פון מיין עסקנות, בין איך געווען צוגע־בונדן צו דער היים און ס'איז ניט געווען קיין מחיצה צווישן מיר און מיינע חברים. ווי ס'ווייזט אויס איז דאָס טאַקע אַזוי, ווייל, בעצם, האָב איך זיך אין דעם געניייטיקט, ווייל דאָס האָט מיר פאַרשאַפט אַ געפיל פון אַ מענטש מיט וואָרצלען. ס'איז ניט גליך אַ מענטש, וואָס האָט ניט קיין היים וווהין צו קומען, אין פריידן און אין ליידן, צו אַזאַ, וואָס פאַרמאָגט דאָס יאָ. ביסט זיך משער וויפל שטאַנדהאַפטיקייט דאָס גיט צו? אפילו ווען אַזאַ גייט אַרויס אויף פענסיע, איז דאָך נאָך פאַראַן אַ היים וואָס וואַרט אויף אים, וואָס רוימט אים איין, אַז ס'איז דאָ וואָס צו טאָן אויף דער וועלט...

אין דער צייט וואָס די חברים האָבן אויף דער מסיבה אין זייערע אַרויס־טרעטונגען געזאָגט, האָב איך אַריינגעגבעט אַ בליק צו מיין פרוי פּאַליאַ און מיין זון משה, וואָס זייער ביישטייער אין דעם באַגריף היים איז געווען אַזוי גרויס, און איין ווונטש האָט פאַרכאַפּט מיין האַרץ, אַז תמיד זאָל מיין קיבוצניש הויז זיין אַ וואַרעמע און אָפענע היים און זיין האַרץ זאָל קיין מאָל ניט „פאַרקנעפּלט" ווערן.

כ'האָב פריִער דעמאָנט, אַז בן־אהרן האָט אָנגעפירט מיט דער מסיבה, ווען כ'האָב פאַרענדיקט מיין אַרבעט אין ועד הפּועל פון דער הסתדרות, דער־פאַר, ווייל ער איז געווען איינער פון די, מיט וועלכע כ'האָב זיך אויף מיין לעבנסוועג באַגעגנט מער ווי מיט אַנדערע. דאָס בוך וועט מיר אַליין אויס־זען ניט גאַנץ, אויב כ'וועל לכל הפּחות, ניט איבערגעבן אייניקע פון אונ־דזערע באַגעגענישן, טראָץ דעם, וואָס זיין אימפּולסיווקייט און זיינע ניט־פאַרויסגעזעענע מעשים אין די לעצטע יאָרן האָבן מיך ניט איין מאָל אַרויס־געבראַכט פון די כלים. איך פלעג אָבער אַ באַזונדערע באַציִונג צו זיינע פעיִקייטן און יושר, און ס'פאַרדריסט מיך, וואָס זיי קומען ניט צום אויסדרוק אין אַ געבענטשטער טעטיקייט לטובת דעם אַרבעטער־קלאַס און דער מדינה.

ווען כ'האָב דאָ דערמאָנט דעם ועד הפּועל האָב איך דערזען אין דמיון זיין פריִערדיק הויז אויף אַלענבי. געדענקסט? געשען איז דאָס אין אָנ־הייב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און ביידע, בן־אהרן און איך, האָבן זיך באַטייליקט אין אַ קורס פון סערזשאַנטן. צוזאַמען מיט אונדז איז אויך געווען יוסף קרעלנבוים, היינטיקער יוסף אלמוגי. מיר, דריי, זיינען באַ־שטימט געוואָרן דורך דער הגנה „אַכטונג צו געבן אויף די ענינים" אין די ראַמען פון בריטישן מיליטער.

נאָכן פאַרענדיקן דעם קורס זיינען מיר אַריבערגעפירט געוואָרן קיין תל־אביב און אונטער דער קאָמאַנדשאַפט פון אַ בריטישן סערזשאַנט, וואָס האָט

זיך צו דעם באַצויגן מיט דער פולער ענגלישער ערנסטקייט, האָבן מיר אַוועקגעמאַרשירט צום ועד הפועל, כדי צו באַקומען זיין ברכה און אַ תנ"ך — אַ פּרעזענט פאַר זעלנער. מיר זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן אין קאָרידאָר פון הויז אין איין ריי און ווען גייענדיק צו אונדז האָט זיך באַוויזן יוסף שפּרינצאַק, דער מזכיר פון ועד הפועל, איז געפאַלן ווי אַ דונער דעם סער־זשאַנטס באַפעל — „אַכטונג!" און אַליין האָט ער נאָכגעפאָלגט, מיט אַ אַנגעשפּאַנטן טראָט, שפּרינצאַקן וואָס האָט, פאַרבייגייענדיק די ריי, אונדז אַריינגעקוקט אין די אויגן מיט אַ שטיפעריש־נייגעריקן בליק. כ'בין איבער־צייגט, אַז ווען ער איז פאַר אונדז ביידן, בן־אהרנען און מיר, — פאַרביי־געגאַנגען, האָט ער זיכער געטראַכט: יאָ, איצט פירט איר זיך אויף ווי גוטע קינדער און איר ווילדעוועט ניט, ווי אויף די זיצונגען און באַראַטונגען, ווען איך בין פאָרזיצער.

נאָכן דורכגיין די ריי, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן אונדז, אויס־געצויגענע אין דער „אַכטונג"־פּאָזיציע, האָט אונדז אַ לענגערע ווײַלע באַ־טראַכט און, מסתמא, ווי אַ רעזולטאַט פון אונדזער אויסזען, אַ זאָג געטאָן: „דאָס אין וואָס אונדזער באַוועגונג נייטיקט זיך איז — הערשאַפט פון סער־זשאַנטן".

ניט מער און ניט ווייניקער.

**
*

איך דערמאָן זיך ווי אַזוי, נאָך אַ פּיריאָריקער צעשיידונג, האָב איך זיך באַ־געגנט מיט בן־אהרנען אויף די טרעפּ פון ועד הפועל, פיר יאָר, וואָס בן־אהרן איז אַפּגעזעסן אין דייטשער געפאַנגענשאַפט און איך בין דורכגעגאַנ־גען די שטאַפּלען פון דער מלחמה — קרעטאַ, מצרים, איטאַליע און צום סוף דייטשלאַנד. ער האָט זיך אומגעקערט אין לאַנד דורך לאָנדאָן, און איך — פון דער בריגאַדע, נאָך דעם ווי מיר זיינען די לעצטע חדשים אַריינגעטאָן געווען אין אַן אַנגעשטרענגטער טעטיקייט ביים ראַטעווען די שארית־הפליטה.

קלאָר, אַז נאָך אַזאַ לאַנגער צעשיידונג און נאָך דעם וואָס יעדערער פון אונדז האָט דורכגעמאַכט, האָבן מיר געהאַט וועגן וואָס צו ריידן. ווערסט אפ־שר ניט גלייבן, אָבער פאַקטיש האָבן מיר וועגן דעם ניט געשמועסט. צו ערשט האָבן מיר באַהאַנדלט די מיינונגס־פאַרשיידנקייט אין דער פּאַרטיי, גערעדט וועגן דער שפּאַלטונג אין דער פּאַרטיי — די „מתנה" וואָס איז אונדז צוגעטראָגן געוואָרן גלייך מיט אונדזער קומען אַהיים.

מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָס איז דער ענין וואָס וואַרט אויף אונדז, און אַז

מען דארף זיך אויף אים ארויפוווארפן מיט אלע כוחות. אין דעם איז אפילו ניט געווען קיין שפור פון דער געוויינלעכער דערשיינונג ביי זעלנער, וואס קערן זיך אום פון דער מלחמה און מיינען, אז זיי דארפן „מאכן א שטיקל ארדענונג”. אזא געדאנק, אויב עמעצער האט אים ארויסגעבראכט, האבן מיר גלייך אפגעשטויסן. מיר האבן געדענקט, אז אזעלכע פראטעסט־באוועגונגען, נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, זיינען געווארן דער יסוד פון רעאקציאנערע און פאשיסטישע באוועגונגען. אונדז ביידן איז געווען קלאר, אז די צענטראלע און עיקרדיקע פראגע און דער געבאט פון דער תקופה איז היינט — די גאנצקייט פון דער פארטיי.

שפעטער־צו זיינען מיר ארויסגעטראטן אויף א ריי צוזאמענפארן וועגן דער פאראייניקונג פון ציוניסטיש־סאציאליסטישן לאגער און מיר האבן זוכה געווען צו גרויס אויפמערקזאמקייט, ווייל אין אונדזער ווארט האט אפ־געקלונגען די שטים פון היסטארישער אחריות. אבער אנשטאט הצלחה, האבן מיר מיט דער צייט „זוכה” געווען צו נייע שפאלטונגען, וואס דער שווערסטער און שרעקלעכסטער פון זיי איז געווען — די שפאלטונג פון קיבוץ המאוחד.

די גאנצע צייט בין איך געווען מיט בן־אהרנען צווישן די, וואס האבן אן אויפהער גערופן צו א פאראייניקונג אזוי, אז כ'האב שיעור ניט באטראכט אונדז ביידן פאר „פראפעסיאנאלן” אין דער פראגע. די כסדרדיקע שותפישע פלאטפארם האט אונדז טאקע פארבונדן אויף פערזענלעך מיט א טיפער אינטימקייט.

וועסט אפשר פרעגן, ווי אזוי קען מען זיך היינט אומקערן צו יענער באוווסטזיניקער שליחות און מיסיע, וואס האבן אונדז באגייסטערט אין יענע טעג?

אויף דעם האב איך טאקע ניט קיין תשובה...

***

א סך פון בן־אהרנס האפענונגען זיינען צעקרישלט געווארן אין דער הארטערווירקלעכקייט.

יא, אויך איך האב געהאט אזעלכע האפענונגען. כ'האב אויך א סך דערוואַרט פון בן־אהרנען גופא, און אין צוזאמענהאנג מיט דעם דערמאן איך זיך אין א ווינטערדיקן טאג, מיט יארן צוריק, אויף א זיצונג פון סעקרעטאריאט פון דעם קיבוץ המאוחד.

ווען בן אהרן איז אויסגעוויילט געווארן אלס סעקרעטאר פון דער הסתדרות, האט דאס טאבעמקין באטראכט ווי די צענטראלסטע שליחות וואס איז

אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף אַ חבר פון קיבוץ, און ער האָט וואַכזאַם באַגלייט זיין טעטיקייט מיט צוטרוי און פאַראינטערעסירונג. צו יענער צייט פלעגט זיך בן־אהרן, אין סעקרעטאַריאַט פון קיבוץ המאוחד, טיילן מיט די פּראָבלעמען אויף וועלכע ער האָט זיך אָנגעשטויסן, און יעדע וואָך בערך פלעגט ער אָפּגעבן אַ דין וחשבון פון זיין אַרבעט אויף די זיצונגען פון סעקרעטאַריאַט.

איין מאָל, נאָך זיין צוריקקומען פון אייראָפּע, פון אַ זיצונג פון פּראָפעסיאָנעלן אינטערנאַציאָנאַל, האָט ער אויף אַ זיצונג פון סעקרעטאַריאַט אינפאָרמירט וועגן זיין שליחות און האָט דערביי אַרויסגעוויזן אַ טיפן אַנאַליז וועגן די שטימונגען אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, וועגן די באַציִונגען צווישן די רעכטע און לינקע, און דעם קריזיס וואָס די באַוועגונג מאַכט דורך. טאַבענקין, געדענק איך, איז געזעסן אַ צוגעשמידטער און געשלונגען יעדן וואָרט זיינעם. נאָכן באַריכט, ווען נחום שריג, דער סעקרעטאַר פון קיבוץ, האָט זיך געקליבן אַריבערגיין צו אַן אַנדער פּאַראַגראַף, האָט זיך אַ קער געטאָן צו אים טאַבענקין: „פאַרוואָס באַגריסטו ניט בן־אהרנען פאַר זיין איבערזיכט? דאָס האָט מיר דערמאָנט אין די איבערזיכטן און אַנאַליזן, מיט וועלכע בערל קאַצנעלסאָן פלעגט מהנה זיין די באַוועגונג, ווען ער פלעגט זיך אומקערן פון חוץ־לארץ...״

אין די ווערטער איז געקומען צום אויסדרוק טאַבענקינס רעספּעקט פאַר בן־אהרנס מעגלעכקייטן, אַן אויסדרוק פון די האָפענונגען וואָס ער האָט אויף אים געלייגט. ניט בלויז ער, נאָר אַלע בייזייִקע.

ווי כ׳האָב אויבן געזאָגט: אויך איך האָב דערוואָרט... כ׳וועל דיר נאָך צוגעבן: איך האָב נאָך פון זיי ניט רעזיגנירט...

**
*

כ׳גלייב, אַז דיר איז באַקאַנט, אַז אַ געוויסע תקופה בין איך געווען טעטיק אין דער עליה. צום סוף פון דער וועלט־מלחמה האָבן מיר אין דעם געזען דעם עיקר זין פון אונדזער אָנטיילנעמען אין דער מלחמה. מיר האָבן געהאַלטן, אַז די קאַרדינאַלע ראָלע איז אויפצווועקן דעם ווילן און אינסטינקט פון לעבן ביי די, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער שוועל פון טויט.

פאַרוואָס האָב איך זיך אין דעם דערמאָנט? ווייל איך האָב פּלוצלונג דערזען אַ בילד פון אַ באַגעגעניש אין חיפהר פּאָרט. אַנטקעגן מיר איז געזעסן אַן עולה אין די מיטעלע יאָרן, און מיר האָבן אים פאַרגעלייגט אַ שיינע און גוטע דירה אין טבריה. וואָס האָט יענער געטאָן? ער האָט אַרויסגענומען פון קעשענע אַ שאַכטל שוועבעלעך און איז צוגעגאַנגען צו דער קאַר־

טע, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט. לכתחילה האָב איך געמיינט, אַז ער האָט בדעה זי אונטערצוציינדן; נאָר ער האָט אַרויסגענומען צוויי שוועבעלעך און גענומען מעסטן מיט זיי דעם מרחק צווישן טבריה און תל־אביב און צווישן טבריה און חיפה.

„ניין, כ׳בין ניט מסכים. קיין טבריה גיי איך ניט", האָט ער זיך געוועדט. „מיינע קרובים האָבן מיך געוואָרנט איך זאָל ניט איינגיין אויף אַ שיכון, וואָס איז ווייטער פון תל־אביב מער ווי מיט צוויי שוועבעלעך"...

כ׳האָב זיך באַמיט צו דערקלערן אים, צו איבערצייגן, נאָר ער האָט מיט העזה געענטפערט: „אויב דאָס איז אַזאַ גוט אָרט, טאָ גיי אַליין אַהין"...

אין דער רגע האָב איך זיך דערמאָנט אין אַן אַנדער שוועבעלע, פון חנה סענעשס ליד „אשרי הגפרור", נאָר אַנשטאָט „וואָס האָט אָנגעצונדן הער־צער", האָב איך געטייטשט „וואָס האָט אָנגערייצט הערצער"...

„כ׳האָב עס אָראָפּגעשלונגען" און פאָרגעזעצט אַרבעטן, ווייל אויך דאָס האָט ניט געמינערט מיין ליבע צום פאָלק, אין זיין גדולה ווי אין זיין געפאַלנ־קייט, אין זיין שטאַרקייט ווי אין זיינע שוואַכקייטן. „דאָס זיינען אונדזערע ייִדן", האָט אַ מאָל געזאָגט חיים ווייצמאַן, „קיין אַנדערע האָבן מיר ניט"...

די דאָזיקע ליבע איז געווען און איז מיין שוואַכקייט... וואָס קען מען טאָן? אין קען זי ניט בייקומען...

✶

ביסט גערעכט מיט דיין טענה, אַז אין בוך פעלן עטלעכע געשטאַלטן. ס׳זיינען, וואָרשיינלעך, געווען סיבות וואָס האָבן מיך געצווימט... אפשר דער יראת־הכבוד (ערפאָרכט) וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין פאָרכט ממש, טאָמער וועל איך ניט קענען איבערגעבן דעם מהות פון די געפילן, וואָס כ׳האָב אָפּגעפילט אין די באַגעגענישן מיט זיי און אויף ווי ווייט כ׳בין פון זיי באַווירקט געוואָרן.

למשל, בערל קאַצענעלסאָן... דו שטוינסט... איך האָב דאָ טאַקע אַ דער־ציילונג וועגן אַ באַגעגעניש מיט אים אין קאַיִר. איך האָב זיך אָבער מיט בערלען אַזוי אָפט געטראָפן, אַז מ׳קען זאָגן, אַז איך האָב אים (ווי טאָבענ־קינען) תמיד געטראָגן אין זיך, ווי אַן אָנגעהעריקן צו מיין לעבן.

געדענקסט אַז כ׳האָב דיר דערציילט, ווי אַזוי כ׳בין אַנטלאָפן פון מצרים קיין ארץ־ישראל, נאָך מיין ראַטעווען זיך פון קרעטאַ. טעג בין איך פאַר־בליבן אין לאַנד, און מיין משהלע, אַן אַכטיאָריק קינד, האָט זיך צוגעקלעפּט צו מיר די גאַנצע צייט און האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט. מיך האָט געמאַטערט די מחשבה, ווי אַזוי וועל איך קענען ממשיך זיין דינען אין דער אַרמיי פון קעניגלעכן מאַיעסטעט, וואָס האָט אונדז מפקיר געווען, צוזאַמען מיט די

„בייטיוס", ווען מען איז אָפּגעטראָטן פון דער דייטשער אַרמיי. כ'האָב געהאַט אַ באַדערפעניש צו טרעפן זיך מיט בערל קאַצענעלסאָנען כדי צו דערציילן אים וועגן מיינע ספקות.

כ'בין איינגעשטאַנען ביי מ. זיליסט ז"ל, וועמעס הויז איז געווען ניט ווייט פון בערלס דירה און, ווען מיר איז געלונגען אַרויסצודרייען זיך פון מיין זון, בין איך אַרויף צו בערלען און געבומען אים דערציילן פון די צרות, וואָס מיר שטייען אויס אין בריטישן מיליטער; ווען כ'האָב פאַרענדיקט, האָב איך געוואָלט הערן פון אים, וואָס עס קומט פאַר אין לאַנד. פּלוצלונג אָבער האָט משהלע זיך אַריינגעריסן מיט אַ ביטער געוויין און האָט איבערגעריסן אונדזער שמועס. בערל האָט אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש צו דעם קינדס אויפפירונג און האָט אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז מיין זונעלע האָט זיך פאַר־בענקט נאָך מיר און אַז ער „קעמפט פאַר זיינע גערעכטע פאָדערונגען".

ער האָט זיך אויפגעהויבן כדי צו זעגענען זיך מיט מיר. נאָר איידער כ'בין צוגעגאַנגען דריקן זיין האַנט, האָט ער מיך פאַרהאַלטן, איז צוגעגאַנגען צו זיין ביכער־עטשאַזשערקע און פון דאָרט אַרויסגענומען דאָס בוך „אין טיגל", האָט אַריינגעשריבן אַ דעדיקאַציע: פאַר י. באַנקאָווער וואָס איז גע־לייטערט געוואָרן אין אַ טיגל", און האָט מיר דערלאַנגט אַלס אָנדענקונג.

די דאָזיקע באַגעגעניש, איינע פון אַ סך, איז מיר צופעליק אויפגעשווומען אין זכרון. פאַרשטייט זיך, אַז כ'וואָלט זיך געקענט דערמאָנען אויך אין אַנדערע. זיי זיינען געווען אַ סך, און אָפט ניט קיין לייכטע. כ'געדענק, אַז דעם ספר „אין טיגל" האָב איך איבערגעלאָזן אין שטוב, ווייל כ'האָב מורא געהאַט ער זאָל אין די מלחמה־פיינלעכקייטן ניט פאַרלאָרן גיין... און אָט איז ער טאַקע, זעסט? יאָ, דאָס איז בערלס חתימה, און די דאַטע — תמוז תש"א.

**
*

און אַז איך רייד שוין וועגן באַגלייט־געשטאַלטן, פיל איך פאַר בייטיק צו דערמאָנען יעקב אשד (ער איז געשטאָרבן ווען איך בין געלעגן אין שפּיטאָל), אַ חוב פון אַ לאַנגער חברשאַפט.

אונדזער ערשטער באַקאַנטשאַפט — כמעט אין דער פּרעהיסטאָרישער תקופה, די דערוואַכונגס־טעג פון דער חלוצישער באַוועגונג אין פּוילן, ווען מיר האָבן געגרינדעט דעם קיבוץ „הכובש" אין ווילנע און די ערשטע קבו־צות האָבן געזאָלט בקרוב עולה זיין.

כ'האָב אָנגעהויבן זוכן לערער פון עברית, וואָס זאָלן צוטראָגן זייער ביישטייער ביים צוגרייטן די עולים צו דער לאַנדשפראַך. צו יענער צייט איז אָנגעקומען פון רוסלאַנד די קבוצה „דרור", טראַגנדיק פּאַנאַטיש די פאָן

פון ציוניסטישן מאַקסימאַליזם, וואָס האָט כולל געווען דאָס קענען עברית. פון אַ קליין שטעטל פון קאָנגרעס־פּוילן, הרובישעוו, איז צו אונדז דער־גאַנגען אַ ידיעה, אַז דאָרט געפינט זיך אַ לערער פון העברעיִש, מיטן נאָמען יעקב אייזנבערג, וואָס האָט זיך דעקלאַרירט אַלס אַנגעהעריקער צו דער „דרור"־באַוועגונג. פון דעם זעלבן מקור האָבן מיר זיך אויך דערוווּסט, אַז דער אייזנבערג האָט געדינט אין דער רויטער אַרמיי און פאַרנומען דעם אַמט פון אַ פּאָליטרוק. ווי פּאָרן זיך די צוויי זאַכן אין איין און דעם זעלבן מענטשן? דעריבער בין איך צו דער באַגעגעניש געקומען מיט נייגעריקייט. מיט אַ מין איבעררעשונג און מיט ניט ווייניק ספקות...

איך דאַרף דיר ניט דערציילן, אַז איך האָב זיך „אַנטוישט" צום גוטן. מ'דאַרף ניט זיין קיין ספּעציעלער אינטעליגענט כדי דאָס צו פאַרשטיין. כ'האָב געטראָפן אַ באַשיידענעם מענטש, מיט אַ סך וויסן, מיט רעטאָרישער פעיִקייט און אַנאַליטישן פונאַנדערקלייבן זיך אין פאַרשיידענע ענינים, אַ שטאַנדהאַפטיקן כאַראַקטער — אַ מין „ברענערישער טיפּ". אין רעזולטאַט פון יענעם געשפּרעך איז צוגעשטאַנען אייזנבערג — שפּעטער אשד — צום „הכובש", און אין 1926 האָט ער זיך שוין געפונען אין אונדזער לאַגער אין פּתח־תקווה. ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אין סעקרעטאַריאַט פון מועצת הפּועלים, ער איז געווען טעטיק אין די קאַמפן פאַר יידישע אַרבעט און האָט, פאַרשטענדלעך, אַנגעפירט מיט דער קולטורעלער טעטיקייט צווישן די אַרבע־טער. זיינע אויפטריטן אין די פּרייטיק־צו־נאַכטיקע מסיבות זיינען שנעל באַ־רימט געוואָרן.

קורץ נאָך דער גרינדונג פון דעם קיבוץ המאוחד זיינען מירביידע באַ־שטימט געוואָרן אַלס זיינע סעקרעטאַרן. איך, ווי דער נע ונד צווישן זיינע גרופּן און ווירטשאַפטן, און אשד האָט קאָנצענטרירט די מזכירות אין עין־חרוד און האָט זיך אויך פאַרנומען מיטן אַרויסגעבן דעם שותּפישן פּאַרטיי־אָרגאַן, צו ערשט העקטאָגראַפירט און אין כתב־יד, און שפּעטער אויף אַ שרייב־מאַשין.

ווען די צענטראַלע פון קיבוץ המאוחד האָט באַשלאָסן צו מאָביליזירן אַ גרויסע צאָל חברים פאַרן משק עין־חרוד, וואָס האָט געליטן פון דער שפּאַל־טונג אין גדוד־העבודה, האָט דער „הכובש" „געשפּענדעט" צו דעם ציל צען חברים מיט אשדן אין איינעם, וואָס איז דאָרט פאַרבליבן ווי אַ חבר ביז זיין לעצטן טאָג, נאָר האָט תמיד געפּלעגט אַ באַזונדערע באַציִונג צו זיין ערשטע היים — רמת־הכובש.

מ'רעדט אַ סך וועגן יידישן גורל, וואָס נעמט אָן פאַרשיידענע אויסדרוקן, אָפטמאָל אומפאַרשטענדלעכע. ווו שטעלסטו זיך פאָר האָב איך זיך ווידער

באַגעגנט מיט אשדן אין אַ געמיינזאַמער אַקציע? אין... די פּאַראייניקטע שטאַטן.

נאָכן באַפרייען זיך פון בריטישן מיליטער, נאָך דער וועלט־מלחמה, האָט מען מיך געשיקט קיין צפון־אַמעריקע אַרבעטן פאַר דער מגבית פון דער הס־תדרות, און דאָרט האָב איך געטראָפן אשדן מיט זיין פרוי, פרומקע, אין שליחות פון קיבוץ המאוחד לטובת דעם „החלוץ הצעיר". געווען איז דאָס אַ דערדריקנדיקע אַרבעט אין אַ מין גייסטיקן מידבר און אין אַ זייער שווע־רער איינזאַמקייט; און כדי צו געפינען אַ געמיינזאַמען לשון מיט די, צווישן וועלכע ער האָט געדאַרפט אַרבעטן, האָט ער געלערנט פלייסיק און גרינדלעך ענגליש. האָב איך אויך באַשלאָסן, „לטובת" מיין אויפגאַב, „אויסצופוצן" אַ ביסל מיין ענגליש, וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט אין מיליטער. גע־לערנט האָב איך מיט אשדן צוזאַמען. דער לערער, וואָס האָט אונדז עקזאַ־מענירט, איז געקומען צום אויספיר: ענגליש קען און וועט קענען אשד, נאָר ריידן ענגליש וועט באַנקאָווער...

אונדזער לעצטע באַגעגעניש איז פאַרגעקומען עטלעכע חדשים פאַר אשדס טויט, אין עין־חרוד. כ'האָב זיך געניייטיקט אין עטלעכע דאָקומענטן און צייטשריפטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַרכיוו פון קיבוץ המאוחד, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט אשד ביז זיינע לעצטע טעג. געטראָפן האָב איך אים אין איזאָלאַטאָר פון עין־חרוד, נאָך אַן אָפּעראַציע, נאָר דאָס האָט אים ניט געשטערט צוטיילן מיר די בעסטע הילף ביים געפינען אין אַרכיוו דעם בריוו־אויסטויש צווישן מיר און טאַבענקינען אין די יאָרן ווען כ'האָב גע־אַרבעט אין „החלוץ" און אין סעקרעטאַריאַט פון קיבוץ המאוחד.

פאַר מיין פאַרלאָזן עין־חרוד האָבן מיר נאָך געשמועסט וועגן דער באַ־וועגונג, וועגן פערזענלעכן מצב פון חברים, וואָס האָבן פאַרענדיקט זייער אַרבעט אין דער באַוועגונג און טראָגן זיך אַרום מיט אַ געפיל פון אַנטוישונג און פאַרביטערטקייט, און, פאַרשטענדלעך, וועגן אַלץ וואָס ס'געשעט אין רמת־הכובש. ער האָט מיר צוגעזאָגט צושטעלן עטלעכע דאָקומענטן, פון וועלכע מ'דאַרף מאַכן קאָפּיעס, און מיר האָבן זיך געזעגנט.

כ'האָב זיך ניט פאַרגעשטעלט אַז מיר זעגענען זיך אויף אייביק.

***

יאָ, ביסט גערעכט, כ'בין געווען אַ פּאַרטיימאַן, אפשר מער פון אַנדערע חברים. אין קיבוץ בין איך געווען אַ שליח אין דער פּאַרטיי און פון דער פּאַרטיי. אַ גרויסן טייל פון מיין לעבן האָט פאַרנומען די פּאַרטיי.

דו פרעגסט וועגן סטיל פון דער פּאַרטיי־אַרבעט? וועגן פּאַרטייִשע באַ־

ציִונגען ? דאָס איז אַן ענין פון אַן ערנסטן און פאַרנעמיקן שטודיום, און איך קלייב זיך איצט ניט אַריינצולייגן אַרבעט אין דעם געביט. מאַכן אַ „דאָקטאָר־ראַט" איז שוין פאַר מיר צו שפּעט. די ענדערונגען און די איבערגעשטאַלטונ־גען אין די געביטן זיינען ממש פאַלוסדיק, און מיר דאַכט זיך, אַז כ'האָב דורכ־געלעבט מיין לעבן אין פאַרשיידענע וועלטן.

ווילסט אַ ביישפּיל ? לאָז מיר זיך דערמאָנען... וואָס טויכט איצט אויף אין מיין זכרון ? אַהאַ, „פּועלי־ציון"... דווקא „פּועלי־ציון", די לינקע פּועלי־ציון... פאַרשטייט זיך, אַז ס'זיינען געווען אויך רעכטע... צעטומל זיך ניט...

יאָ, כ'האָב זיך אין עפּעס דערמאָנט. מיט צענדליקער יאָרן צוריק האָט זיך איינע פון די הסתדרות־ראַטן, בשעת דעם געראַנגל מיט די ענגלענדער, געעפנט מיט בן־גוריונס אַ פאַרלעזונג. נאָך דעם איז דער ראַט צוגעטראָטן באַשטימען זיין טאָג־אָרדענונג. דער ועד הפּועל האָט אַרויסגערוקט צוויי פונקטן : די פּאָליטישע לאַגע און אַרבעטס־פראַגן.

מיט אַ מאָל האָבן זיך צעהיצט די געמיטער. די לינקע פּועלי־ציון, אַ קליין אָפּאָזיציאָנערע פּאַרטייעלע, וואָס האָט באַקומען קנאַפּע 2% אין די וואַלן, האָט פאָרגעלייגט נאָך זעקס פּונקטן, „דרינגענדיקע", צום סדר־היום : אונדזער שטעלונג צו כינע, אונדזער שטעלונג צו די פאַראייניקטע שטאַטן, אונדזערע באַציִונגען מיט די אַראַבער, גרינדונג פון אַן אַנטיפאַשיסטישן פראָנט, און נאָך פון דעם מין „ברענענדיקע" פראַגן, וואָס אין דעם מאָמענט געדענק איך זיי ניט.

איך געדענק, אַז די זיצונג האָט געפירט דוד רמז ז"ל אין אַ כמעט פּוסטן זאַל. נאָר משה ערעם און דניאל לייבל, די פאַרשטייער פון פּועלי־ציון־שמאל, האָט דאָס ניט געשטערט אַרויסצוברענגען זייערע פאַרבאַהאַלטן אויספיר־לעך און מיט ברען.

איך בין געווען צווישן די געציילטע וואָס זיינען געזעסן אין דער ערשטער ריי. דערשטוינט פון דעם שטורמישן טעמפּעראַמענט פון די פּועלי־ציוניסטן, וואָס האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער „רעאַקציאָנערער" מערהייט פון דער קאָנפערענץ. כ'האָב זיך ניט געקענט באַהערשן און כ'האָב אויסגעבראָכן מיט צווישנרופן, אין אַ רויִקן חברישן טאָן : וואָס כעסט איר און וואָס וואָרפט איר זיך ? דער גורל פון אייערע פאָרשלאָגן איז דאָך אייך באַקאַנט, פאַרוואָס לייגט איר אין דעם אַריין אַזוי פיל ענערגיע ?

דערויף האָט מיר געענטפערט דווקא דער פאָרזיצער ד. רמז : וואָס וווּנ־דערסטו זיך, באַנקאָווער, אויף דעם גרימצאָרן פון די פּועלי־ציון־פּאַר־שטייער ? ווייסט ניט, אַז זיי געהערן צו דער רעטעד־פּאַרטיי, וואָס איר כוח ליגט אין איר ביטערקייט ?

יאַ, איך מיין אויך, אַז היינט וואָלטן זיי זיך ניט באַנוצט מיט אַזאַ סטיל, אָבער וואָס ענדערט דאָס? די פאַרשלאָגן פון דער מינדערהייט זיינען אין דער אָפּשטימונג דורכגעפאַלן. כ׳האָב צו מאָל באַטראַכט וועגן די אויס־טערלישע פאַרהעלטענישן, וואָס זיינען ווייט געווען פון טאָלעראַנץ, צווישן דער מערהייט און דער מינדערהייט, און כ׳בין ניט זיכער, אַז אונדז האָט באַוויזן די עכטע דעמאָקראַטיע.

כ׳וויל נאָך צוגעבן, אַז אויף יענער קאָנפערענץ האָב איך זיך ס׳ערשטע מאָל באַגעגנט מיט משה ערעם אויף אַ לענגערן שמועס, און כ׳האָב אויס־געפונען, אַז ער איז אַ מענטש מיט אידעען, מיט אַ פעסטן גלויבן אין זיין שיטה, אַ תלמיד־חכם און אַן אָנגענעמער מיטשמועסער. מיט דער צייט, זייענדיק חברים פון איין פאַרטיי, צו ערשט אין „אחדות"העבודה—פּועלי־ציון" און דערנאָך אין דער אַרבעטס־פּאַרטיי, האָבן זיך אונדזערע גוטע און חברישע באַציִונגען נאָך מער פאַרטיפט.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז איך מאַך ניט קיין פאַרגלייך צווישן דער דעמאָלטי־קער אָפּאָזיציע, וואָס איז געווען אַן אידעיִשע, און דער היינטיקער אָפּאָזיציע, די ליכוד־לייט און די שוואַרצע פאַנטערן. אפשר קומט דאָ צום אויסדרוק די גרויסע איבערגעשטאַלטונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין פאַרלויף פון דער צייט אין דער אַרבעטנדיקער און ישראלדיקער געזעלשאַפט.

***

אונטערצײַענדיק אַ סך־הכל, דאַכט זיך מיר, אַז טאַבענקינס אַנוועזנהייט אין מיין לעבן האָט געטראָגן אַ כאַראַקטער פון אַ שטורעם. יעדעס מאָל, ביז היינטיקן טאָג, ווען זיין בילד וואַקסט אויס פאַר מיינע אויגן, פיל איך, ממש פיזיש, דעם אומרו וואָס כאַפּט מיך אַרום, ווי איך וואָלט געטראָפן געוואָרן פון אַ הויכער שפּאַנונג. כאָטש ס׳זיינען געווען תקופות פון מיינונגס־פאַרשיידנקייטן צווישן אונדז, קען איך ניט לייקענען, אַז קיינער האָט אויף מיר ניט משפּיע געווען מער פון אים.

„בלי דברים ובלי אומר אומר נוספים: „זהו הנכון, הצודק, ההכרחי, האפ־שרי, המחייב והמחוייב" (קורץ און שאַרף: „דאָס איז דאָס ריכטיקע, דאָס גערעכטע, דאָס נייטיקע, דאָס מעגלעכע, וואָס איז מחייב און מחוייב") — אַזוי האָט ער מיר אָנגעשריבן אין זיין ווידמונג אויף זיין בוך „לקח ששת הימים". ער איז טאַקע געווען ווי אַ ברענענדיקער פאַקל, תמיד געגליט מיטן פייער פון גאולה־מעשים און מיטן געפיל, אַז די צייט דריקט מ׳זאָל ניט פאַר־שפּעטיקן, ניט פאַרשפּעטיקן...

אָט איז אַ פעקל צעטעלעך, וואָס ער פלעגט מיר אָפט שיקן אין מיין לאַנגן,

שטורמישן לעבן, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט מיט אַן אונטערבאַוווּסטזיני־קער דערקענטעניש אין זיין פּערמאַנענטן בייזיין. אמת, ער איז צייטנווייז געווען אומטאָלעראַנט, אָבער כ׳האָב זיך קיין מאָל ניט אָנגעטראָפן אויף אַ מענטשן, וואָס האָט געקענט אויסהערן זיין מיטשמועסער מיט אַלע זיינע חושים און אויסגעפינען אין זיי אַ פּונק וואָס רעגט אָן. ווי געזאָגט, זיינען געווען תקופות ווען די הימלען פון אונדזערע צווישן־באַציִונגען זיינען געווען פאַרוואָלקנט, למשל, די תקופה פונעם וויכוח ביים שאַפן דעם מערך. ווי גרויס איז אָבער געווען די דערלייכטערונג, ווען ער האָט זיך אונטערגע־וואָרפן דער מערהייט פון קיבוץ, וואָס האָט באַשלאָסן מיטצוהעלפן גרינדן דעם מערך.

כ׳ווייס ניט ווי דו, אָבער איך, די אַלע יאָרן וואָס טאַבענקין איז שוין ניטאָ צווישן אונדז, האָב אַ געפיל, אַז איך בין אָרעמער געוואָרן.. און אין די מאָמענטן, ווען ס׳האָט אויסגעזען אַז מיר האָבן פאַרלוירן דעם וועג, האָט דאָס האַרץ געמאָנט ער זאָל ווידער דערשיינען און ווייזן דעם וועג, ווי אַזוי זיך צו באַפרייען פון אַלע וואַקלעניש, וואָס האָבן פאַרכאַפּט דאָס לאַנד און דאָס פאָלק, דער עיקר ס׳לעצטע יאָר, צוזאַמען מיטן קיבוץ, וואָס איז פון תמיד אָן געווען דער וועגווייזער אין די שווערע קריזיסן, איבערהויפּט אין די פאַלן פון גייסטיקע קריזיסן.

ס׳האָט זיך נאָך אָבער ניט אָפּגעפונען דער, וואָס זאָל איבערנעמען די פונק־ציע און פּאָזיציע פון דעם שטורמישן מנהיג, און מיר איז בלויז פאַרבליבן צו טרייסטן זיך מיטן זכר פון אונדזערע באַגעגענישן, וואָס אין רעזולטאַט האָבן זיי באַווירקט מיין טעטיקייט און אַ גרויסן טייל פון מיין לעבנס־וועג.

***

נו, איך זע, אַז די זון לאָזט זיך שוין אַראָפּ צום ים... זע וואָס פאַר אַ גוואַל־דאָווגע ביימער עס זיינען אויסגעוואַקסן אין ישוב, ווי הויך עס שטאַפּלען זיך זייערע קרוינען... האָסט געזען אונדזער „געדענק־הויז״? יאָ, דער טויט איז געווען אַ בן־בית אין אונדזער לעבן... איצט, ווען איך זיץ דאָ אין שאָטן פון דער זשאַקאַרנאַדע, דערמאָן איך זיך ווידער די צייטן, ווען דאָ איז געווען בלויז אַן אָרעמער לאַגער, דורכגעאַקערט מיט אַקאַפּעס און שיספּונק־טן אָרומגערינגלט מיט מערדער ווי סטייעס וועלף... צייטנווייז טראַכט איך אַז די לאַגע פון אונדזער מדינה, וואָס איז אָרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט שונאים, איז ענלעך צו אונדזער לאַגע אין יענע טעג, און ווי דאַן בין איך אויך היינט זיכער, אַז זי וועט זיך באַפרייען, מיט דער צייט, פון דער

באַלאַגערונג און מ׳וועט איר לאָזן רויִק לעבן, שאַפן און אַנטוויקלען זיך.

נאָר וואָס? ווו נעמט מען די תמימות, וואָס האָט דעמאָלט כאַראַקטעריזירט אונדזער לעבן, דעם גלויבן אַן שאלות און אַן ספקות? אמת, די דאָזיקע מחשבות גיסן אַריין אַ ביסל ביטערקייט אין דעם באַפרידיקונגס־געפיל פון די דעראָבערונגען וועלכע מיר האָבן דערגרייכט מיט אונדזער טאַקטיק. סאַראַ כוח ס׳איז געלעגן אינעם באַוווסטזיין פון „אין ברירה״ יעטווידע שעה פון אונדזער לעבן! כ׳בין זיכער, אַז דאָס דאָזיקע געפיל וועט זיך אומקערן, צי מיר ווילן יאָ צי ניט, אויך צו די וואָס זוכן תמיד נייע אילוזיעס...

אַ, ס׳קומען אַן מיינע אייניקלעך... וואָס האָב איך דיר געזאָגט? ניט בלויז וואַרצלען און קרוינען זיינען דאָ פאַראַן, נאָר אויך אַ המשך... דאָס געפיל פאַרטרייבט אַלע ספקות פון שטח... מ׳האָט דיר שוין געזאָגט, אַז איך בין אַ געשוואָרענער אָפטימיסט? זיכער... אַלזאָ, הער וואָס איך זאָג דיר: ס׳וועט זיין גוט. וועסט נאָך זען, אַז ס׳וועט זיין גוט...